STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01064

# VERK TSE

## Mordecai Strigler

*Permanent preservation of this book was made possible*
*by Maurice B. Goldfarb*
*in memory of*
*Allan (Itzchak Yakov) Goldfarb*

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מרדכי שטריגלער

# ווערק „צע״

ביכער-סעריע

# דאָס פּוילישע ייִדנטום

# 65

רעדאַקטאָר:

**מאַרק טורקאָוו**

פאַרלאַגס-לייטער:

**אברהם מיטלבערג**

מ. פייגענבלום

די רשימה פון דערשינענע בענד — צום סוף פונעם בוך

מרדכי שטריגלער

# ווערק „צע"

באַנד צוויי

## אַרום דער מאַכט

★

אַרויסגעגעבן דורכן
צענטראַל-פאַרבאַנד פון פוילישע יידן אין אַרגענטינע
"Año del Libertador General San Martín"
בוענאָס-איירעס, 1950

IMPRESO EN ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINE

Copyright By
M. Strigler, Paris

MORDCHAI STRIGLER

# WERK "Ce"

Editado por la

**Unión Central Israelita Polaca en la Argentina**

Buenos Aires, Año del Libertad General San Martín, 1950

# קאַפּיטל זיבעצן

## I

דער פּאָליציאַנט קאַץ איז געווען פון די ערשטע אין ווערק צע. זיין קאַריערע האָט ער געמאַכט שטאַפּלווייז און אַ דאַנק זיין גרויסער אכזריות. די מענטשן, וועלכע זענען געווען לענגער אין לאַגער האָבן געציטערט פאַר זיין אָנבליק. מען האָט זיך דערציילט שוידערלעכע געשיכטעס פון זיין פריערדיקער טעטיקייט. אין די לעצטע צייטן, ווען מעכעלע האָט אים אָנגעטראָפן, איז ער שוין געווען אַ שטילער פּאָליציאַנט, איינער פון אַלע, וואָס האָט אַמאָל אַ שטאַרקן קלאַפּ געטון, גערודערט נישט מער און נישט ווייניקער פון דעם רוב, וועלכע האָבן געטראָגן דאָס שוואַרץ־רויטע היטל אויף זיך. דאָך האָט זיין באַווייזן זיך נאָך אַלץ אַרויס־גערופן שרעק.

דורך אַ צופאַל איז ער די ערשטע צייטן באַשטימט געוואָרן אַלס דער איינציקער סאַניטאַר אין לאַגער, באַלד ווי ער איז נאָר אָנגעקומען. דאָס האָט אים געגעבן אַ מעגלעכקייט זיך צו פירן זיינע אייגענע סעלעקציעס צווישן די קראַנקע, אויסליפערן אָדער באַהאַלטן, וועמען עס האָט זיך אים געוואָלט. ער האָט אויך געזוכט וועמען צו פּטרן, כּדי צו ירשענען זיין פאַרמעגן. ווען דער שטאַב פון סאַניטאַרן האָט זיך פאַרגרעסערט, האָט זיך קאַץ איבערגערוקט אויף אַן אַנדער שטעל. ער האָט קיינמאָל מיט קיין סאַניטאַר־וועזן נישט געהאַט צו טון — איז עס אים נמאס געוואָרן. בפרט ווען עס זענען צוגעקומען אַזעלכע האַרטע הערצער אין דער סאַניטאַרקע ווי מלכּל גאָלדבערג און דער הויכער אַלעק, וועלכע האָבן אויך געוווסט, וועלכער קראַנקער עס האָט געלט אָדער גאָלדענע

ציין... אזעלכע האָבן זיי שוין געהאַט אויפן אויג און קאַץ האָט דער־פילט, אַז זיין זעלבסטהערשאַפט צווישן די קראַנקע איז שוין פאַרביי.

ער איז דערפאַר געוואָרן פאַראַרבעטער אין האַלע. באַלד האָט ער זיך אויסגעצייכנט מיטן פייניקן זיין אָפּטיילונג, גאַנץ באַזונדערס האָט אים די קאָמענדאַנטין געקענט פון אַמאָל און ער איז געוואָרן פון די ערשטע פאָליציי אין ווערק צע.

אַליין איז ער געווען אַ דאַרער, אַ בלאַסער ווי אַ פאַרהאָרעוועטער סטודענטל. זיין פּנים האָט נאָך געהאַט אויף זיך אַ בלייבע פאַררויטלט־קייט פון אַ שעמעוודיק בחורל, נאָר אין זיינע שטעכעדיקע אויגן האָט זיך אַנטפּלעקט די גאַנצע מערדערישקייט, וואָס עס האָט זיך אין אים אָנגעזאַמלט. אַ סך יידן האָט שוין דער מענטש נענטער געמאַכט דעם וועג צום טויט.

קיינעם האָט דער יונגער 24-יאָריקער קאַץ נישט אַרויסגעוויזן קיין געפיל פון ליבע אָדער נאָענטקייט. מען האָט אין אים קיינמאָל נישט דערקענט קיין מינוט פון טרויער, צוליב זיין משפּחה וואָס איז אומגע־מען. ער האָט קיינמאָל אויך נישט געלאַכט. דאָס איז געווען אַ מומיע, וואָס האָט געשלאָגן פאַרביסן, אָבער אָן באַזונדערער אויפרעגונג אָדער כעס. עס איז געווען אַ סתם-שלאָגן, ווי איינער וואָס דאָס געשלעג וואָלט געווען זיין נאַטירלעכע אַרבעט און ער פירט זי אויס טאָג־איין, טאָג־אויס, אויב עס ווילט זיך אים אָדער נישט. אַזוי ווי אַ מעכאַניזם אַזאַ.

ס'איז נאָר געווען איין מענטש מיט קאַצן, וואָס האָט זיך אים נאָכגעשלעפּט פון זיין אַמאָל, פאַר זיין לאַגער־פּעריאָד. דאָס איז געווען זיין יונגיטשקע פרוי. זי איז געווען אַ גאָר שטיל און בלאַס מיידל, וואָס האָט, ווי על פּי טעות, מיט אים חתונה געהאַט אין אָנהויב פון די געטאָ־צייטן, ווען אַלץ אין צעדרייטן יידישן לעבן האָט זיך אויסגעמישט. ווען ער האָט אַרומגעוועלטיקט אין לאַגער האָט מען זי אַזוי ווי נישט אַרויסגע־זען. אויך ער אַליין האָט צו איר קיין צייט נישט געהאַט און זיך אויף איר נישט אומגעקוקט. ביז זי האָט אויפאַמאָל גענומען אונטערקרענקען. פון טאָג צו טאָג איז זי געוואָרן גרינער און איינגעדאַרטער, ביז זי האָט זיך אַוועקגעלייגט אין בעט און מער נישט געקענט אויפשטיין. דאַן איז

מיט דעם בחור עפּעס פּאָרגעקומען. רעדן צו עמעצן וועגן זיינע אינעווייניק-
לעכע שטימונגען איז נישט געווען אין זיין נאַטור, האָט ער זיך אַרומ-
געטראָגן מיט זיין ווילדער שווייגעניש. עס איז אָבער קענטיק געווען, אַז
ער טראָגט אַרום אַ פּלוצים אַראָפּגעפאַלענעם ווייטיק מיט זיך. די, וואָס
האָבן געקענט אים פון פריער, האָבן געוווסט, אַז ער האָט זיין שווייגעוו-
דיק-בלייבע פרוי ליב געהאַט. זיין ליבע האָט זיך אויסגעדריקט אין אַן
אַנדער שטייגער, ווי ביי געוויינלעכע מענטשן. ער האָט איר נישט גע-
שענקט קיין אויפמערקזאַמקייט, נישט אַריינגעקלערט וואָס איר טוט
וויי; אויב זי איז צופרידן פון זיינע גענג אָדער נישט. ער איז בכלל נע-
גאַנגען אין אַ זייט פון איר. דאָס איז אָבער אַלץ געווען, כל-זמן מיט
איר איז גאָרנישט געווען קיין אויסערגעוויינלעכס, וואָס זאָל מוזן ציען זיין
אויפמערקזאַמקייט. ווען דאָס געוויינלעכע איז איבערגעריסן געוואָרן מיט
איר קרענק, האָט זיך עפּעס אין אים אויפגעטרייסלט. ער האָט זי אויף
אַמאָל ווידערגעזען. גאַנצע שעהען אין טאָג האָט ער זיך אָפּגעריסן פון
דעם לאַגער-טומל און געזעסן נעבן איר בעטל, געזעסן און געשוויגן...

צום רעדן איז ער קיינמאָל נישט געווען קיין גרויסע בריה. ער האָט
נישט געהאַט קיין באַגאַזש רייד אין זיך. אַזעלכע מענטשן ווי קאַץ האָבן
איבערהויפּט נישט קיין סך ווערטער. מעגלעך, ווען זיי זאָלן קענען דעם
גאַנצן זומפּ פון זיך אַרויספּלייצן, אַרויסברעכן שטיקערווייז מיט צאָרן-
געשרייען און זידלערייי אַפילו, וואָלטן זיי נישט געבושעוועט אַזויפיל
מיט שטעקנס און קלעפּ... אַ גרויסער טייל פון זייער אכזריות האָט טאַקע
אַרויסגעשפּראָצט פון דער רעדעוודיקער אומבאַהאָלפנקייט, וואָס האָט
זיך געזוכט אַרויסצווישען און נישט געהאַט קיין אַנדערן אופן און מעג-
לעכקייט... איז ער אַזוי געזעסן, אַ גלעט געטון איר בלייך-גרינע האַנט,
איינמאָל און ווידער אַמאָל און ווייטער האָט ער געמוזט זינקען אין זיינע
מחשבות... די מיידלעך און ווייבער פון יענעם באַראַק האָבן דערנאָך
לאַנג געהאַט אַ טעמע אויף שושקען צווישן זיך איבער דעם מאָדנעם
וואונדער, וואָס אַ ז אַ קאַץ קען אויך זיין איבערגעגעבן אַ קראַנק ווייב,
אַפילו אין ווערק צע...

צום ערשט האָט ער אַרומגערודערט, געשלעפּט די פּאָר מעדיצין-

דאָקטוירים, וואָס האָבן זיך געפֿונען אין לאַגער, זיי זאָלן זי באַטראַכטן, זאָגן אים: וואָס איז געשען מיט איר? וואָס טוט מען? אָבער די פּאָר דאָקטוירימלעך קענען אויך נישט אַריינקריכן; נישט אין זיין האַרץ און נישט אין אירן. זיי קענען בלויז פעסטשטעלן, לויט דעם וואָס אַמאָליקע ביכער האָבן זיי געלערנט: פּ אַ ר פּ אַ ל ן ! איר וועט שוין גאָרנישט העלפֿן... אַלערליי קרענקען האָבן זיי אויסגעפֿונען אין איר, אַז עס איז נאָר געווען אַ וווּנדער, ווי אַזוי זיי האָבן עס אַלע געקענט אויסגעפֿינען אַזאַ שטיל באַשעפֿעניש גראָד און אַלע זאָלן זיך אין איר אָנהענגען... זייט דאַן האָט זיך ביי אים באַוויזן עפּעס אַזאַ טרוקענע און בייזע מעַ־לאַנכאָליע, וואָס קומט נישט פֿון קיין טיפֿער בענקשאַפֿט נאָך עפּעס און נישט פֿון קיין שטאַרקן צער. דאָס איז עפּעס געווען אַזאַ מין פֿאַרטייעטער כעס פֿון אַ מאַכטלאָזן און פּחדן, וואָס האָט געוואָלט ווערן דעם טויטס טרייעסטער קנעכט, אַבי עס זאָל ז יי ן הויט נישט באַרירן און — דאָס אַלץ האָט נישט געהאָלפֿן... כּל־זמן דער טויט האָט זיך באַהאַלטן פֿון ווייטן און זיך פֿאַרלאָזט דערויף, אַז זיינע מונדירטע משרתים וועלן אים טון זיינע שליחותן — איז מעגלעך געווען זיך צו שטעלן פֿאַר זיי הכנעהדיק, סאַלוטירן און אונטערלעקן זיך, בכדי זיי זאָלן שווינען און דיך אַליין נישט אָנרירן... זיי קען מען זען, באַמערקן ווען זיי קומען אָן און זיי באַצייטנס אַקעגנלויפֿן מיט אַ הינטיש־פּאָליצייאיש שמייכעלע, גרייט אויסצופֿירן אַלץ, וואָס זיי וועלן נאָר באַפֿעלן אָדער אָנדייטן, אַז דאָס אָדער יענץ וואָלט זיי ניחא געווען... האָט טאַקע קאַץ אָנגעשטעלט זיין גאַנצן חוש אין דער דאָזיקער ריכטונג און געגלויבט, אַז דערמיט האָט ער זיך באַוואָרנט פֿאַר אַלץ; זיך און דאָס ווייב, וואָס איז אים דאָך נאָענט, צולהכעיס זיין גאַנצער חיהשער אָפּגעטעמפּטקייט.

מסתמא האָט ער קיינמאָל אין זיין לעבן נישט געטראַכט צופֿיל, האָט ער דערפֿאַר נישט געקענט פֿאָראויסזען און וויסן, אַז אויך דער טויט האָט זיך זיינע קאַפּריזן. אַמאָל איז אים אַלץ צו־ווייניק, גלייך ווי עס וואָלט זיך נישט גוט געווען צו פֿאַרלאָזן בלויז אויף מאָרד־משחיתים און מערדער... מעגן זיך טאַקע גיסן טייכן בלוט, וויל ער פֿון זיינעם זיך נישט אָפּזאָגן, גלייך ווי עס וואָלט אים פֿאַרדראָסן, וואָס אים פֿאַרשטופּט מען

אין א זייט און באַלד ווערט מען אין איִם, דעם נאַטירלעכן טויט, איינ־גאַנצן פאַרגעסן. שטופּט ער זיך שטיל אַדורך צווישן מאַסן־שחיטות, שאַרט זיך ווי אַ גנב און פאַלט שטילערהייט אַן, גראַד אויף די, וואָס אויף זיי לויערט נישט קיינער; נישט דער הונגער און נישט די קויל... קיינער באַמערקט עס נישט בשעת־מעשה. ער גיט זיך אומגעשפּירט א ביים־איין אין אַן אבר, אין די אינגעווייִדן און צעשפּרייט, צעגיסט זיך אומעטום און פאַרנעמט דאָס גאַנצע לייב און לעבן מיט זיך. אים באַמערקט מען צו־שפּעט, ווייל אין בהלה־לויף ווייסט נישט קיינער, אַז מ'דאַרף זיך ריכטן אויף אים. ביי אים העלפט אויך נישט קיין חניפה, קיין אויספיינען זיך מיט שטעקנס אויף אַנדערעס לייבער... עס דוכט זיך, אַזוי ווי ער וואָלט זיך פּלוצים צעלאַכט פון אַלע קראַנקע אברים אַרויס:

— וואָס? אין מיר האָט מען שוין אינגאַנצן פאַרגעסן? גלייך ווי איך בין שוין טאַקע נישטאָ! איז אָט... בין איך געקומען, כ'פאַרנעם מיין חלק — און טוט עפּעס דערצו!...

דאָס האָט קאַץ פאַרשטאַנען ערשט גאָר־שפּעט, ווען זיין פרוי איז שוין געלעגן און אפילו נישט געקרעכצט. נאָר צעפיבערט געקוקט אויף אים מיט אירע פייכטע בליקן... גאָרנישט האָט ער מער געקענט טון דער־צו. ער האָט נאָר געזען צוצוהיטן, אַז די פרוי, וואָס ער האָט באַשטעלט, זאָל אָפּקאָכן דאָס ביסל שיטערע גרויפּן־זופּ צו דער צייט און ער איז גע־זעסן ביים בעט און דערלאַנגט דער קראַנקע אַלע מאָל צו ביסלעך... אָפּ־געזעסן אַן איינגעהויקערטער די פּאָר שעה, האָט ער אויסגעזען ווי אַ פאַר־משפּטער צו דינען נ אָ ך א מעכטיקן, ווען ער האָט קיינמאָל נישט געזען און ערשט איצט ליגט דאָ דער צייכן פון זיין ערשטן אָפּשיין... דערנאָך האָט ער זיך אויסגעגלייכט, אָפּגעפּוצט די שטיוול און אַרויס אויף דער גאַס, ווידער דער זעלבער קאַץ וואָס פריער. אַזוי ווי אַ מענטש וואָס דינט צוויי פאַרשידענע געטער אין באַזונדער־באַשטימטע שעהען און איינער טאָר קיין שפּור נישט באַמערקן אויפן פּנים, אַז מען איז פאַר־קויפט אויך צום צווייטן...

## II

משמעות אַז די דאָקטוירים ווייסן נאָך נישט אַלץ. אָט האָבן זיי פעסטגעשטעלט, אַז זי וועט זיך אַפילו לאַנג נישט מאַטערן, נאָר אָפּליגן אַ וואָך אָדער צוויי און איינשלאָפן אויף שטענדיק. דערווייל איז זי אַזוי געלעגן וואָכן און וואָכן. אַ צייט לאַנג האָט זי שוין געהאַט פאַרלוירן דאָס לשון און באַוועגונגס-קראַפט. פּלוצים איז איר אָבער בעסער געוואָרן, זי האָט שוין פאַרלוירן די ווייטיקן, גענומען רעדן און אַפילו אַרומקריכן געגעזן איבערן באַראַק. באַלד אָבער האָט עס זי ווידער אַנידערגעשלײַדערט און זי איז ווידער געלעגן, געלעגן... אַ באַנומענע און פאַרטראַגענע. אַ פּחדן איז ער פון שטענדיק אָן געווען; זיין גאַנצע העלדישקייט פון שלאָגן, פונקט ווי ביי אַנדערע פון זיין גלייכן, איז דאָך נאָר געקומען פון אַ ציטערניש פאַר זיך אַליין, פאַר דעם מינדסטן ראַץ אויף דער אייגענער הויט — האָט ער אין דעם שפּיל גענומען זען אַן אַנדער כוח פון אַ וואָרענונג. ווען זי שטאַרבט אַוועק פּלוצים — וואָלט ער דעם קלאָפּ באַקומען אויף איין מאָל. דאַן וואָלט עס אים ווי געטון מסתמא, אָבער ער וואָלט באַלד דערין פאַרגעסן, ווי עס איז געשען מיט אַ סך אַנדערע. דאָ אָבער ליגט זי, גיסט אים אָפּ מיט אירע יסורים טראָפּנווייז. דערביי גנבענען זיך מיט ברעקלעך פּחד יעדן טאָג, פאַר אַזאַ אומבאַגרייפלעכס, וואָס ווערט מיט יעדע פאָר שעה דיקער און פעסטער.

האָט ער זיך גענומען צוריקציען. עס זענען אַוועק טעג גאַנצע, ווען ער האָט זיין גומי-קישקעלע פון אַ פּאָליציאַנט אַפילו נישט באַנוצט. ער האָט אַפילו געהערט, אַז אין לאַגער זענען פאַראַן אַ פּאָר פרומע יידן — איז ער אַוועק צו איינעם, צו נאָך איינעם און געבעטן, זיי זאָלן תהלים זאָגן, קומען אַמאָל אָנמעסטן די תפילין נעבן זיין ווייבס בעט... אויך דאָס האָט ער אַ בעט געטון טרוקן און קורץ, מיט אַ דערשטיקטער שטים פון אַ שולדיקן, וואָס וויל זיך דאָך אויסהיטן, אַז מען זאָל אין זיין קול די שולדיקייט נישט דערקענען.

נאָר איינמאָל טאַקע, נאָכדעם ווי זי איז אַראָפּגעקומען פון בעט און אַפילו אַרויסגעקראָכן אויף דעם זון-באַגאָסענעם געסל, איז זי אַריינ-

געקומען און אוועקגעלייגט זיך דאָס לעצטע מאָל... אָפּגעגוססט אַ פּאָר טעג און איינגעשלאָפן.

ס'איז גראָד געווען אין די רואיקע טעג פון ווערק צע, ווען דער לאַגער האָט זיך גענומען גרייטן צו אַ קאָנצערט. עס האָט שוין פּשוט געפעלט אַ סענסאַציע פון טויט אין לאַגער. האָט מען זיך טאַקע באַלד גענומען איבערגעבן פון מויל צו מויל די ידיעה:

— קאַצס ווייב איז געשטאָרבן...

— טאַקע געשטאָרבן אויף אַ רעכטן אמת!

מיידלעך האָבן שוין צווישן זיך גענומען דיסקוטירן און זיך אמפּערן, אויב „ער" וועט זי שנעל פאַרגעסן אָדער נישט. געווען אַזעלכע וואָס האָבן געוווסט אַז טראָץ דעם וואָס ער איז אַזאַ איינער, וועט ער עס נישט אויסהאַלטן... דווקא אַזעלכער קען ליב האָבן גאָר שטאַרק, ביז משוגעת! והראיה: די גאַנצע צייט פון איר קרענק... אַנדערע האָבן זיך אויסגעלערנט אומעטום מאַכן דעם זעלבן קאַלטן חשבון: טריי־שמיי... איצט איז ער פּטור געוואָרן פון אַן עול — און שוין! ס'איז דען ביי אים אַנדערש ווי ביי אַנדערע, אפילו „אינטעליגענטע"?

קאַץ האָט אָבער יענעם טאָג נישט געהערט די וויכוחים אַרום אים. עפּעס איז ער אַרומגעלאָפן ווי אַ צעדולטער און אַרומגעזוכט מענטשן... נישט אַנדערש נאָר אַ מנין ווייל ער האָבן יעדן אָוונט, דאַוונען זאָל מען אין באַראַק, ווו זי איז געשטאָרבן און קדיש זאָל מען זאָגן...

דעם זעלבן פאַרנאַכט האָט אַ וואָגן אַרויסגעפירט די טויטע צום שיס־שטאַנד און אויך זי מיטגענומען. קאַץ איז מיטגעגאַנגען און זי באַגלייט ביז צום קבר. ווי אַ פּאָליציאַנט האָט מען אים אַרויסגעלאָזט אויסערן טויער און ווען ער איז צוריקגעקומען איז ער געווען פינצטער ווי די ערד, מיט וועלכער מען האָט זי צוגעשאָטן. עפּעס האָט ער קיין וואָרט נישט געקענט אַרויסברענגען פון זיך. האָט ער זיך נאָר אַריינגעשלייכט אין שכנותדיקן באַראַק און געבעטן דעם פרומען לימעטן, ער זאָל אַרוםגיין און צונויפמענטשעלן אַ מנין צום דאַוונען...

לימעט האָט מעכעלען געטראָפן אין אַ זייט און אים אַ בעט געטון:

— קומט... איינמאָל מעגט איר מיטדאַוונען. זי איז געווען

אַ שטילע טויב און זי איז ווערט מ'זאָל איר אַזויפיל מי שענקען, אפילו ווען איר ווילט נישט דאַוונען.

אין באַהאַקל איז געווען פינצטערלעך און טרויעריק. אין ווינקל זענען געשטאַנען עטלעכע פרויען, צווישן זיי לימעטס פרומע ווייבעלע, וואָס מעכעלע האָט געקענט פון האַלע 51 — און זיי האָבן הויך געזיפצט צווישן זיך, אַזוי ווי אַזאַ אומגליק וואָלט דאָס ערשטע מאָל דאָ פּאַסירט. ביים טיש איז געשטאַנען קאַץ און טעמפּ־גערירט געקוקט אויף די צוויי ברענענדיקע ליכט, וואָס פרויען־הענט האָבן באַוויזן אויפצוזוכן. מען האָט באַמערקט, אַז אין דעם בחור קומט עפּעס פּאָר אינעווייניק. ער איז אָבער אַזוי דיק אָנגעפּעלצט מיט גראָבער הויט אויפן האַרץ, אַז גאָרנישט וועט זיך נישט אַרויסרייסן פון דאָרט און אויפשרייען, אויפציטערן...

עפּעס אַ ייד האָט פאַרוואָרפן אַ מאַנטל אויף די אַקסלען און גענומען וואַרפן אין איינגעטונקלטן חלל ברעקלעך תפילה, וואָס די אַרומיקע האָבן בלחש אונטערגעכאַפּט. איין קאַץ איז די גאַנצע צייט געשטאַנען אין דער זעלבער פּאָזע און מורא געהאַט זיך צוצורירן צום פּיצינקן סידורל, וואָס עמעצער האָט אים אַוועקגעלייגט אַנטקעגן זיין בליק. איז דאָס דאַוונען געוואָרן אומהיימלעך, בריאיק און דער ייד ביים עמוד האָט שנעל אָפּגעטרייסלט פון זיך איין שטיק מעריב־חוב נאָכן צווייטן...

דעם קדיש האָט ער יאָ געזאָגט, קאַץ, אָבער אַזוי טרוקן אַרויסגעברענגט די ווערטער, אַזוי ווייט פון זיך — פּונקט ווי ער וואָלט זיך געשראָקן אַז עס זאָל נישט ווער, אַזאַ אומגעזעענער, דערקענען אַז דאָס האָט ע ר טאַקע די ווערטער אַרויסגעברענגט פון זיך און זיי קומען פון אים. האָבן זיך אַלע געוואָלט שטיל אַרויסשלייכן פון באַראַק נאָך דער תפילה. אָבער דאָ האָט זיך קאַץ גענומען אַרומקוקן און זיין בליק איז איצט געוואָרן אַן אַנדערער, אַ קלאָרער... גלייך ווי אַ נס וואָלט געשען, האָט ער גענומען רעדן, קוקנדיק אַלעמען גלייך אין די אויגן. זיין שטים איז דערביי געוואָרן מענטשלעך־בעטנדיק, ווי ער וואָלט גאָר קיינמאָל קיין אַנדער טאָן נישט געהאַט... אַזוי צוגעפּאַסט צו אים זענען די ווייכע ווערטער געוואָרן:

— וואָס איילט איר זיך אַזוי? איר ווייסט דאָך וואָס פאַר אַן אָוונט

ס'איז הײנט בײ מיר. איך קען נישט אײנזיצן אַלײן דאָ און שבעה וויל איך כאַטש אײן אָונט אויסזיצן... און גאַס וויל איך נישט אַרויסגײן — טאָ לאָמיר שמועסן אַביסל...

און אַ וווּנדער: אַלע האָבן אים פאַרשטאַנען און זיך גענומען צושאַרן צו די בעטל-קראַנצן זיך אַוועקצוזעצן, אַנלענען זיך. קאַץ אַלײן האָט זיך אַראָפגעלאָזט אויף אַן איבערגעקערטער באַנק און שטיל געבליבן. קענטיק, אַז דער הײנטיקער טאָג האָט אין אים אָנגעפּלאָנטערט אַ גאַנצן קנײל מיט טראַכטענישן, צו וועלכע ער איז קײנמאָל נישט צוגעוווינט געווען. איז אים שווער אויף אַמאָל דאָס לשון צו באַקומען דערצו. און אַרויסרעדן הײנט מוז ער... טראַכט ער אַ ווײל, זוכנדיק די ווערטער.

ענדלעך איז ער צו זיך געקומען און אַ זאָג געטון:

— כ'בין הײנט געווען אויפן שים־שטאַנד... דאָס ערשטע מאָל בין איך געווען, אַזוי ווי מען האָט מיך געמאַכט פאַר סאַניטאַר — און הײנט ווידער אַמאָל... איר פאַרשטײט?

ספּעציעלס וואָס צו פאַרשטײן דאָ, איז נישט געווען, אָבער אַלע האָבן פאַרשטאַנען, אַז דערמיט האָט זיך בײ יענעם געעפנט דאָס מויל און דאָס איז נאָר דער אָנהײב פון דעם, וואָס ער וויל דערצײלן. האָט מען טאַקע געוואַרט ביז ער האָט גענומען רעדן ווײטער. און דאָס איז געווען דאָס אײנציקע מאָל, ווען דער מענטש אין אים האָט זיך אויפגעדעקט...

III

איז אַרײנגעקומען אַ בלײבער בחור אין לאַגער מיט אַ פרוי, מיט וועלכער ער האָט נאָר וואָס חתונה געהאַט — האָט ער געוואָלט לעבן. אַז די גאַנצע הערשערין פון לאַגער קען אים, איז מיט אים פון אײן שטאָט — דאַרף מען זוכן פּראָטעקציע, ווי אַזוי זיך לײכטער צו מאַכן... ווען זי זאָגט: סאַניטאַר! זאָל זײן אַזוי. אַבי ער וועט נישט דאַרפן אַרבעטן שווער און קענען שטופּן די צײט. וואָס ער דאַרף טון, האָט ער נאָך אַלײן נישט געוווּסט. די קראַנקע ווערן סײ־ווי דערשאָסן און קײנעם אינטערעסירט נישט, זײ צו ראַטעווען. ווי אַזוי זיך אומצוגײן מיט זײ, האָט ער נישט

געוווסט. מען האָט אים געגעבן אַ פלעשל יאָד, אַרומצושמירן ווונדן ווען מען וועט דאַרפן — און שוין. אָבער אויפן דריטן טאָג זענען געקומען עטלעכע גרויסע לאַסט־אויטאָס מיט ווערקשוץ־באַגלייטונג. דער ווערקשוצלייטער קיסלינג האָט דערביי פאַרלאַנגט, אַז אַלע קראַנקע פון לאַגער זאָל מען תיכף צוברענגען צו די מאַשינען... ערשט דאַן האָט ער פאַרשטאַנען וואָס אַ „סאַניטאַר" אין ווערק צע מוז טון.

ביים זען די אָנגעלאָדענע רעוואָלווערן איז ער ווילד געוואָרן פון שרעק. האָט ער געטון אַלץ וואָס מ'האָט פון אים פאַרלאַנגט. ווי אין נעפל האָט ער אָנגעוויזן, וווּ די חולאים געפינען זיך, אויסגעזוכט זיי פון אונטער דער ערד און — געשלעפּט! יאָ, דאַכט זיך — אויך קלעפּ געגעבן, די וואָס האָבן זיך געעקשנט און נישט געוואָלט אַרויס... 175 האָט מען דאַן צוזאַמענגענומען.

פון דער זייט האָט מען געכאַפּט אַ פּאָר געזונטע, זיי זאָלן העלפן אַרויפלאָדן די קראַנקע. אין גיך האָבן זיי געוואָרפן די מענטשלעכע בינטלעך ביינער ווי שמעלץ, ווי אומנוּיטיקע זעק, איינעם אויפן צווייטן. ווען אַלץ איז געווען אָנגעלאָדן, האָט דער וואַך־פירער געהייסן אַרויפקריכן די פּאָר געזונטע, אים אויך, אויף דעם וואָגן. אויך די פּאָר מונדירטע באַגלייטער זענען מיטגעפאָרן. ער, קאַץ, האָט באַין־אופן נישט געקענט וויסן, אויב ער פאָרט אויך צום טויט גלייך ווי אַלע אָדער נישט. דערווייל איז אים דאָס בלוט געפרוירן געוואָרן אין די אָדערן, בעת דער מוח האָט נאָר געטראַכט אין איין ריכטונג: ווי אַזוי זיך צו ראַטעווען... פאַר אַלע מיטלען!

די געכאַפּטע זענען ס'רוב געווען מענטשן, וואָס האָבן גענומען שווילן פון הונגער. אויף זיין אויטאָ איז מיטגעפאָרן דער אוקראַינער איוואַנייקאַ, וועלכער האָט דעם גאַנצן וועג דערציילט די מענטשן, אַז מ'פירט זיי שיסן. ער האָט דערביי אַראָפּגענומען פון גאַרטל זיין רעוואָלווער און באַוויזן ווי אַזוי מען שיסט אַ מענטש... די קראַנקע אַרום זענען געלעגן רואיק, אָן אַרויסצוברענגען אַ וואָרט פון זיך; פאַרחתמעט און פאַרגליווערט. איוואַנייקאָ האָט דערווייל באַוויזן, דעמאָנסטרירט ווי אַזוי מען רוקט אַריין אַ סעריע קוילן און ווי אַזוי מען קען שיסן וואָס שנעלער,

בכדי נישט צו פארלירן די מינדסטע סעקונדע. אזוי ווי דאָ וואָלט זיך געהאנדלט עפּעס אין אַ ווייטע, שפּאַנענדיקע דערציילונג — האָבן אַלע געקוקט דעם שווארצן אוקראַינער אין מויל אריין און מיט נישט־באַגרייפלעכער אויפמערקזאַמקייט געשלונגען זיין יעדעס וואָרט. ערשט איצט פארשטייט ער, קאַץ, אַז דאָס איז נישט געווען בלויזע צעחושט־קיים, נאָר אַ טיפער, לעצטער נייגער פון מענטשן צו וויסן די פרטים פון אייגענעם און נאָענטן טויט ביז אַ האָר, ביז צו דעם קלענסטן פינטל. דאָס נייגעריקע אין מענטש לעבט, נאָך אפילו דאַן ווען אַלע געפילן אין אים זענען שוין געשטאָרבן פון שרעק. אָדער רעזיגנאַציע.

איוואַנייקאָ האָט דער עיקר אָבער הנאה געהאַט פון רעדן דערפון. ער האָט זיי שוין מער נישט געזען. דאָס האָט ער נאָר זיך אַליין פאַר־רעדט און געשעפּט תענוג דערפון. זיינע שפּיזן־אייגעלעך האָבן זיך צו־זאַמענגעגאָסן מיט די שווארצע היטלער־וואָנסעלעך און ער האָט געשלונ־גען דעם גאַוווער פון דער פרייד, וואָס אים איז באַפאַלן:

— אייך וועל אי ך שיסן... ווי גאָט איז מיר ליב אַז אי ך! איר'ט זען צי ניין...

דערביי האָט ער געלאָזט פון זיך אַ געלעכטערל, וואָס האָט זיך אָנ־געשלאָגן אין זיינע, קאַצס, גלידער ווי צוואָרפענע ברעקלעך בריענדיק אייז...

נעבן שיס־פּלאַץ האָבן זיך די לאַסט־אויטאָס געשטעלט. ס'האָט ווער אַ קאָמאַנדעווע געגעבן: אַ ר ו נ ט ע ר !!! און די ערשטע זענען אַראָפּגעשפּרונגען די פּאָר געזונטע מענטשן פון די וואָגנס. דאָס האָט זיי דער זעלבסטדערהאַלטונגס טריב אַראָפּגעטרייסלט; צו ווייזן דערמיט, אונ־טערבאַוווסטזיניק, זייער טויגלעכקייט צום לעבן און די גרייטקייט שנעל אויסצופירן באַפעלן. זיי זענען צוגעגאַנגען נענטער צום אָנגעגרייטן גרוב. דער וואַכפירער קיסלינג האָט באַטראַכט דאָס גרויסע קבר און ער האָט פעסטגעשטעלט, אַז פאַר הונדערט פינף און זיבעציק קערפּערס מוז אַ גרוב זיין נאָך ברייטער אָדער טיפער. ער האָט עס געזאָגט אזוי הויך און אָפן, אַז אַלע אויף די אויטאָס זאָלן עס הערן.

ווי אַ שטאַרק־אָנגעבלאָזענער באַלאָן — האָט עס געפּלאַצט צווישן

דער פֿאַרשטייפֿטער מאַסע. עס האָבן זיך גענומען טראָגן געוויינען. אַנ־דערע האָבן גענומען שרייען, רייסן זיך די האָר פֿון קאָפּ, פּרווון שפּרינ־גען פֿון די אויטאָס... אַ מאָדנע זאַך מיט די מענטשן: וויפֿל שעה זיי זאָלן נישט הערן פֿון זייער זיכערן טויט, איז עס זיי נישט בכוח אַזוי שטאַרק אויפֿצורודערן ווי   א יי ן   מינוט פֿון   ד ע ר ז ע ן   אים בחוש. מעכטיקע קלעפּ מיט די ביקסן־קאָלבעס האָבן זיי צוריק אַרונטער־געזעצט און רויִק געמאַכט. אָן דעם מינדסטן חשבון האָט זיך דער קער־פּער זיין באַזונדערע אומבאַרעכנטע אויסגערעכנטקייט און אויך ביים טויט דערשטיקט זיך דאָס געוויין, בכדי נישט צו כאַפּן קיין שלעק אַלס צולאָג.  ד ע ם   חשבון פּירט שוין די מענטשלעכע שפּירעוודיקייט, אויך אָן דער הילף פֿון זיין שכל.

די שפּאַטנס האָבן דערווייל געאַרבעט מיט דער געשיקטקייט פֿון טייוולאָנים. די געשרייען: שנעלער הורנזון! פֿון הייזעריקע, בלוט־שיכורע שטימען און די קלעפּ פֿון נאַגייקעס האָבן די גראָבערס דערוואַרעמט מיט שרעק און באַרוישטקייט. אויף די אויטאָס זענען דערווייל אַלע איבערגע־גאַנגען צו אַ שטיל־שטילן יאָמער, וואָס וועקט נישט קיין רחמנות, נייט אַרויס פֿון אַלע פּאַרצווייפֿלונגס־גרענעצן, נאָר קומט ווי אַ לעצטער אויס־ברען פֿון לעבנס־סימן און פֿאַרפֿירט דאָס בלוט אין די אָדערן פֿון צוהע־רער.

קיסלינגן איז דערווייל לאַנגווייליק געוואָרן פֿון סתם־וואַרטן. האָט ער גענומען אַריבערוואַרפֿן אַהין זיינע וויציקע ווערטלעך:

— הע, ס'איז אייך דאָרט, זע איך לאַנגווייליק... עס מאַכט נישט; לאַנג וועט עס שוין נישט דויערן.

און שפּעטער אַביסל האָט ער צוגעגעבן:

— אין דעם זענען שוין שולדיק אייערע ברידער, ווייל זיי אַרבעטן אַזוי פֿויל. ביי די דייטשע אַרבעטער וואָלט אַזאַ גרוב שוין לאַנג פֿאַרטיק געוואָרן.

עפּעס אַ מורה־הוראה פֿון נעבן כמיעלניק*) האָט דערווייל געפֿונען

---

*) באַמ. פֿון מחבר: אין ווערק צע האָבן פּאַסירט, לויט דער דערציילונג פֿון

צייט צו מאכן זיינע לעצטע חשבונות מיטן רבונו של עולם. אויסגעטון זיינע שמוציקע בגדים פון לאגער — האט ער אויסגעזען אזוי ווי אויסגעטון פון גאנצן וועלט־קויט, ער האט אפילו פארוואָרפן זיין נעכטיק פנים פון א זופ־זוכער און אפגעריסענעם „ווערק־צעניק". איצט האט ער געפירט זיין אייגענעם חשבון, מיט בוכהאלטערישער רואיקייט, ווי ער וואָלט דאָ אפגעגעבן פארן וועלט־שופט אזא מין געשעפטס־באריכט:

— ועל חטאים שאנו חייבים כרת ועריריי...

קיסלינגן איז צוליב עפעס געפעלן אזא מין שטימונג פון א ייד ביים קבר און ער האט, גוט געלוינט, אריבערגעשריגן צו אים ספעציעל:

— דו, מאך עס אביסל שנעלער מיט דיינע זאגעכצער. דער קבר איז שוין באלד פארטיק און מ'וועט צוליב דיר קיין רעוואָלווער ספעציעל נישט לאָדן...

אבער יענער איז שוין אין גאנצן אוועק פון דער וועלט, אין אן אָרט וווּ אזעלכע ווערעם ווי דער וואכפירער מיט זייער מאָרד־כוח און שפּאָט קענען זיך שוין נישט דערלאנגען. ווי א מחנה פייגל האבן גענומען פון אים ארויספליען קלאָרע, שאַרפע ווערטער, איינס איבערן צווייטן:

— לא תירא מפחד לילה, מחץ יעוף יומם...

אפילו קיסלינגן האט זיך דערשראָקן און ווי צו זיך געברומט: דער מאנן איז דאך פעררי‌קט! צו ווע‌מ' בימעט ער דען? צום יודנגאָט! האבן די נאָך וועלכן? איוואנייקאָם קאַלבע האט זיך דערוויל אראָפּגעלאָזט אויף יענעמס שאַרבן און די רייד האבן זיך פארלוירן, גענומען פלאָנטערן פון געבאָרכל אַרוים. האבן זיך נאָך די לעצטע ווערטער געזוכט צו ראַטעווען:

---

מענטשן, אייניקע פאַלן פון א דערהויבענעם טויט. ליידער האב איך נישט געקענט פעסטשטעלן די גענויע נעמען און אומשטענדן פון אזעלכע. די געשיכטע מיטן כמיעלניקער מורה הוראה האבן מיר שפּעטער אין ווערק צע איי'ניקע מענטשן דערציילט, ווי געוועןלעך, אין פאַרשידענע וואַריאַציעס. זיי האבן אפילו אנגעגעבן זיין נאָמען, וועלכער איז מיר מיט דער צייט ארוים פון זכרון. ביים איבערגעבן דאָס בוך צום דרוק, 1949, דערציילט מיר אן עד ראיה, אז דאָס זאל האבן געווען א וואַרשעווער (דוד ניימאַן פון סטאַשעוו).

— ועכשיו שנוצרתי... כא... לו... לא נוצר... תי...

...— פערטיק! האָבן זעקס מיילער אויפאַמאָל אויסגעשאָסן. די ווערקשויץ האָט זיך אַ רודער געטון און אָנגעהויבן ציילן: איינס, צוויי, דריי, צען... פערצן... צוואַנציק! סטאָפּ. 20 דאַרע, פאַרחלושטע גופים, האָבן זיך אַוועקגעשאַרט פון דער מאַסע. זייערע בליקן זענען שוין געווען פאַרגלאָסן מיט יענעם נעפּל, וואָס מאַכט גאָרנישט זען און פילן. זיי זענען שטיין געבליבן פאַרן גרוב ווי אויטאָמאַטן. נייגעריקע קעפּ פון די אויטאָס האָבן אַראָפּגעבליקט אין זייער ריכטונג, ווי זיי וואָלטן זיך דאָ צוגעקוקט צו אַ פּאַראַד־סצענע אָדער אַ דעפילאַדע. צי האָבן די מענטשן טאַקע זיך נישט אָפּגעגעבן קיין חשבון פון דעם, וואָס מיט זיי געשעט? אָדער אפשר האָבן זיי געוואָרט צו זען וואָס די ערשטע וועלן טון אין אַזאַ מאָמענט? ס'איז אַ פאַקט: ביז דער לעצטער מינוט פון טויט אַליין — גלויבט נישט קיינער, אַז ער וועט טאַקע אויסגעלאָשן ווערן; ווי איז עס מעגלעך, אַז אָט לעבט ער דאָך נאָך, שפּירט, זעט, הונגערט און הערט! ווי אַזוי זשע וועט ער עס באַלד אויפהערן צו לעבן, ממש נישט זיין מער אויף דער וועלט!? מיט שטוינען קוקן זיי דערפאַר אויף די ערשטע, וואָס זענען שוין מיט אַ פּאָר שריט נענטער אַהין: אָט וועט מען באַלד זען, ווי אַזוי   ז יי ,   איצט־לעבנדיקע און גייענדיק, וועלן באַלד אויסזען... אויב עס וועט טאַקע אַזוי געשען, ווי געוועגלעך — ווען מען לעבט זיך אויס איינגאַנצן...

קיסלינג האָט צייט: אויסשטעלן זיך אין אַ ריי! אָט אַזוי! איינער נעבן צווייטן... און איצט: אַ ב צ יי ל ן !!! איין מויל גיט איבער דעם צווייטן די לויפנדיקע ציפער. „צ וו אַ נ צ י ק !"... ריכטיק... ריכטיק! ברומט ער צו זיך צופרידן און פאַרמחט, ווי ביי אַ טיפן שטודיום.

נישט אַלע האָבן זיך באַוויזן אויסצוטון. רייסן הענט פון זיך אָפּ אין דער לעצטער סעקונדע די שמאַטע־הויזן, די שיך... „שטייט נישט, פוילענצער!" וועקן פייערדיקע בייטשן די זעקס געזונטע, וועלכע מוזן העלפן אַראָפּציען די צעדריוולטע מעשטעס פון די פיס, די לויזיק־שוואַרצע העמדער... אַלץ וואַקסט אויף אַמאָל אויס אין אַ בערגל צו וועלכן עס פליען צו צעפלאַטערטע שטיקער, ווי דערשראָקענע קראָען, פון אַלע זייטן. צוואַנ־

ציק נאַקעטע גופים שטייען ביים ראַנד פון אַ נישט־טיפן גרוב, באַלד אָבער וועט ער פאַר זיי ווערן תהומיקע אומענדלעכקייט. עטלעכע שאָסן צעשטערן די קערפּער־ריי. איין גוף פאַלט נאָך דעם צווייטן, ווי אומגעוואָרפענע סנאָפּעס. בלויז אויף די אויטאָס האָט זיך אַ רודער געטון געוויניק. די פּאָר געזונטע שטייען און קוקן, ווילן דערגיין, אויב אין זיי האָט זיך נישט אַריינגעכאַפּט קיין קויל, אָבער זיי האָבן מורא אויף זיך אַ בליק צו טון. שטייען זיי און וואַרטן עס זאָל זיך שוין ענדיקן מיט אַלע, אַז זיי זאָלן אויך קענען וויסן, אויב מ׳וועט זיי לאָזן לעבן אָדער נישט. ער, קאַץ, איז צווישן זיי. ער האָט זיך זיינע טראַכטענישן. ער האָט אויף אַמאָל דערפילט אַ געוואַלדיקן דראַנג נאָך איין מאָל צו קענען זיין אויסערן דאָזיקן פּלאַץ. נישט אין לעבן ווייטער איז אים געגאַנגען, נאָר אין אַזאַ אומבאַטראַכטן לעבן, נאָך איין מאָל צו זען די וועלט, פאַרן אַוועק אין דאָזיקן גרוב דאָ, ווייטער גאָרנישט. ער איז גרייט געווען אַלץ מפקיר צו זיין דערפאַר. אָבער דאָ קנאַלט עס ווייטער, מען ציט די מענטשן פון די אויטאָס מיט אַ סדר, מען ציילט זיי און מען שפּילט זיך מיט זייער טויט — און מיט די פּאָר געזונטעס שרעק — אַזוי לאַנג, אַז די האָר־וואָרצלען נעמען פרירן. ווערט ער אין האַרץ, וואָס אַ סעקונדע לענגער, אַלץ נאָכגיביקער, צעקראָכענער... אָט איז ער שוין גרייט אַ וואָרעם צו ווערן ביי זייערע פיס, אַבי צו קריגן געשענקט נאָך איין טאָג לעבן, ניין — די אַנדערשקייט בלויז: נישט אַריינצופאַלן אין דעם טוכלעם גרוב, גלייך ווי אַלע דאָ!... מער נישט...

...ווען ער איז צוריקגעגאַנגען פון דאָרט, האָט געקאָכט אין אים אַ כעס געמישט מיט אַ פּחד, וואָס האָט זיך שוין איינגעוואָרצלט אין יעדן אבר זיינעם. ער איז בייז געווען אויף דער גאַנצער וועלט, בעיקר אויף די יידן. ווי אַזוי איז עס געקומען דערצו, וואָס זיי זענען געוואָרן אַזוי־אָ? דערביי האָט זיך ביי אים אויסגעקלערט אַ שטיק פאַרהערלעכונג פאַר די דייטשן: אָט דאָס איז אַ פאָלק! זיי האָבן באַוויזן אַ גאַנצע וועלט מיטצוציען מיט זיך... זיי האָבן אין זיך די גבורה צו קענען טון וואָס זיי ווילן. הערשער און באַפעלער זענען זיי איבער לענדער, וואָס האָבן נאָך נעכטן אַליין באַלעבאַטעוועט פאַר זיך! ווי אַזוי איז דאָס געשען? עס איז גענוג

א קוק צו טון אויף זייערע פעסטע גופים, אויף די זיכערע-אין־זיך גע־שטעלן און צו פארשטיין — פארוואס... פאר זייער פאלק זענען זיי א גליק — טא וואס דארפן זיי אריינקלערן, אויב זיי טוען שלעכטס אנדערע פעלקער? זיי האבן באשלאסן נישט צו זיין אונטערטעניק, דערפאר הערשן זיי, קענען זיי דערפירן, אז מענטשן זאלן זיך אליין אויסטון און גיין אין קבר אריין, ווייל ז יי באפעלן... ד א ס דארף מען באוואונדערן אין זיי! ווען זיי זאלן אים צונעמען פאר א מיטגליד — וואלט ער דאן זיכער אלץ פארווארפן הינטער זיך, געמארדעט גלייך ווי זיי, אבי צו זיין איינער ווי זיי. אזא, וואס דארף נישט פלאטערן ביי אן אפענעם גרוב, א שוצלאזער און יעדער מינוט טראכטן, אז־אט פאלסטו! א תאווה אזא, ניין — א פיבערדיקער גרויל האט אים אנגענומען און די איינציקע אנ־טרינונג פאר דעת. איז נאר געווען דער לעבץ צו זיין אזוי שטאלץ און שטארק ווי זיי... עס איז נישט מעגלעך? אוודאי נישט. ז יי וועלן קיין מאגערע ייִדישע בחורימלעך צו זיך נישט נעמען און זיי אויסגלייכן מיט זיך. דאס וועט נישט געשען. אבער אויף א שטאפל נידעריקער פאר זיי קען מען זיך שטעלן. ווערן א שטארקער. קעגן נאך שוואכערע קען מען. עס איז נאך מעגלעך זיך אביסל אויסצוגלייכן.

דאס זענען געווען די נייע מחשבות, וואס קאץ האט מיטגעברענגט פון דארט. ער האט נאך אליין נישט געוווסט, ווי אזוי זיי וועלן אים איי־בערפארמען. אבער די צייט האט אים שוין געפירט. א צוגעבונדענעם אויף די דאזיקע מחשבה־שטריק און ער איז געגאנגען, נאכגעקראכן און נעלערנט פון די דייטשן; געזען וואס זיי טוען און זיי נאכגעמאכט, נאכ־געמאלפעוועט... ביז ער איז געווארן דער, וואס אלע קענען אים.

## IV

נאר לייכט קומט עס נישט אן. אין ווערק צע האט ער צוגעזען אזעל־כע זאכן וואס האבן נישט איינמאל אים אריינגעווארפן אין קלערענישן. געווען פאלן, וואס לאזן זיך נישט דערקלערן מיטן שכל. א ייד, וואס האט ליב געהאט צו שטעלן זיך דאוונען פארטאג, גראד ווען קאץ פלעגט אים

קומען שלעפּן צו דער אַרבעט, האָט אים איינמאָל געגעבן אַ וואָרף צו אַ וואָרט:

— די וועלט איז נישט הפקר... פּאַניע קאַץ... איר וועט זען, געדענקט!

קיין באַווייזן האָט ער אים נישט געגעבן, גאָרנישט מער געזאָגט... און דאָך האָבן אים די פּאָר ווערטער אַ צופּ געטון: נישט הפקר? ווען אַלץ מישט זיך אויס, דרייט זיך איבער מיטן קאָפּ אַראָפּ? אָבער געדענקט די ווערטער — האָט ער. אַלע מאָל איז שוין געשען אַזאַ קליינער פאַל, וואָס האָט אַ רודער געטון: זעסט? ס'איז דאָך נישט הפקר! טיילמאָל האָט אַ שלעכטער ווערקשויץ איינגענומען אַ פּלוצלימדיקע מיתה-משונה. איינמאָל איז געקומען אַ באַפעל און איינעם פון די גרעסטע מערדער אין לאַגער האָט מען דערשאָסן. עס זענען געווען פאַלן, ווען מ'האָט אין זיי בפירוש דערקענט אַ שטראָפנדיקע האַנט פון עפּעס אַ העכערן כוח... און ער האָט עס נישט געקענט פאַרשטיין: די גאַנצע וועלט איז אַ הפקר און אויף קלייניקייטן באַווייזט זיך אַמאָל דער גענויער שפּור פון ה ש־ ב ו ן!

ער האָט זיך שוין אפילו געשאַפן אַן אייגענע קאָנצעפּציע:

געוואַלדיקע פאַרברעכנס, וואָס צעגיסן זיך ווי אַ פלאַם און כאַפּן אַרום טויזנטער און מיליאָנען, גייען פאַרלוירן. קיינער פאַרלאַנגט נישט און פאָדערט נישט פאַר דעם קיין באַלדיקע באַשטראָפונג. עס איז נישט מעגלעך אויף דער באַלדיקער מינוט קיין ענטפער צו געבן, קיין שטראָף אַראָפּצושיקן אין דער זעלביקער מאָס... ווערן זיי דערווייל אַדורכגעלאָזט. זיי געשעען אָן קאָנטראָל און אָן פאַרהאַלט, ווייל עס איז נישט מעגלעך זיי אויסצומעסטן אין מיטן געשען. דערפאַר אָבער פאַרפּלאָנטערן זיך אַלע קליינע פאַרברעכנס און פאַרברעכערלעך. אויף זיי וואַרט די שטראָף נישט לאַנג. זיי קען מען באַלד אָפּמעסטן, וויפל זיי זענען שולדיק און די באַצאָלונג לאָזט אויף זיך לאַנג נישט וואַרטן. פאַר זיי קען מען שנעל אויכפאַרטיקן דעם חשבון און אַראָפּשיקן אים אויף זייערע קעפּ... וואָס איז ער דען אַליין, דער גאַנצער פּאָליציאַנט קאַץ? אַ קליין ווערעמל אין דער גרויסער מלוכה פון פאַרברעכער! זיין האַנט דערגרייכט נישט ווייט און

די קליינע מערדערייעלעך באַגייט ער מער פון פּחדנות, ווי פון אַ ספּעציעלער נייגונג צו די מעשים גופא. אים איז לייכט אויסצוגעפינען און ער ווייסט אפילו נישט וועלכעס אויג עס לויערט אויף אים... יאָ, אים וועט עס נישט אויסמיידן!

זינט זיין פרוי איז קראַנק געוואָרן, האָט ער זיך גענומען אָפּהאַלטן פון שלאָגן. אויף מער האָט ער קיין כוח נישט געהאַט. אויך דאָס איז געווען נישט מער ווי פּחדנות. ער האָט געציטערט: אפילו פאַר דעם מיסטישן באַשיצער פון די שוואַכסטע, וואָס האָט זיך אַליין אַרויסגעוויזן אַזוי שוואַך און מאַכטלאָז. אפילו „ער" קען אַמאָל אַ שמיץ געבן, וואָס זאָל ווי טון. האָט ער אויך פאַר „אים" געוואָלט זיך אויסהיטן. אָבער אויך אים איז ניט מעגלעך צו פאַרשטיין. אויב ער פירט שוין יאָ אַ שטיקל חשבון, האָט ער אים גאָר איבערגערוקט אויף דער שטילער פרוי זיינער... ווי אַזוי זשע קען עס האָבן אַ שייכות מיט דעם, וואָס ער, קאַץ, האָט געקלערט?

ער איז היינט געווען אויף דעם זעלבן אָרט, וווּ עס האָט זיך מיט אים אָנגעהויבן דער שיכורער שפּיל. די זעלבע קברים זענען נאָך פאַראַן. היינט איז נאָר צוגעקומען נאָך איינער, פּאַקטיש נאָך אַ מענטש האָט יענע ערד פאַרשלונגען, וואָס האָט מיט אים אַ צוזאַמענהאַנג. דאַן האָט ער געציטערט, ער זאָל נישט אַראָפּפאַלן אין אָפענעם גרוב. היינט וווּנדערט ער זיך פאַרוואָס דאָס מיידט אים אויס... ווי אַזוי זשע זאָל ער זיך דאָס דערקלערן?

זיין בלייך פּנים רויטלט זיך. עס איז ביי אים נישט קיין טיפע אויפרודערונג, נאָר אַ נישט־פאַרשטענדעניש, אַ צעטומלטקייט: אויב עס איז טאַקע גאַרנישט פאַראַן, וואָס זאָל רעכענען די שלעכטקייטן אויף דער וועלט — טאָ פאַרוואָס ציטערט ער אַזוי? צוליב וואָס האַלט ער זיך איין און נוצט נישט אויס זיין ביסעלע מאַכט איבער אַלע מאָסן, מער ווי ער קען? נאָכן לעבן גייט אַן ערדיקע פינצטערניש — דאַרף מען אַלץ איינשלינגען, כל זמן מען ווערט נישט פאַרשיט מיט יענער געלער, פעטער ערד: רייסן, שלאָגן, גענישן פאַר אַלע פרייזן... און טאָמער נישט — טאָ ווי אַזוי גייט עס דאָ די אָרדענונג? ער קען עס נישט וויסן. ער איז אַ פּאַליציאַנט און רופט יידן דאָ — זיי זאָלן זאָגן קדיש, דאַוונען... וועלכעס

פון דיביידע איז ריכטיק? זיינע אויגן בליקן טעמפּ. ער קען זיך דאָ נישט פונאַנדערקלייבן. איינס וואָלט ער נאָר געוואָלט וויסן, ביי אַזעלכע ווי לימעט, מעבעלע און אַנדערע ,וואָס שטייען נעבן אים: וואָס טראַכטן זיי ביים האַלטן זיך ווי מענטשן? האָבן זיי עפּעס אַ זיכערקייט, אַז דאָס וועט זיך זיי אַמאָל אויסצאָלן, אַז עס איז כדאי אַזוי?

ער קען נישט פאַרשטיין אַז מענטשן זאָלן, גלאַט־אַזוי, זיין דאָס וואָס זיי זענען, דערפאַר ווייל זיי קענען נישט זיין אַנדערש. עס פעלן אים בלויז ווערטער דאָס אַרויסצוברענגען פון זיך. ווערט אים אויף אַמאָל נמאס דאָס לאַנגע דערציילן, דאָס שטילשווייגן פון די אַרומיקע און ער רייַסט זיך אַ מינוט איבער:

— שוין טאַקע שפּעט... מען דאַרף גיין צו דער קאָמענדאַנטין...

די מענטשן פון מאָדנעם מנין וואַרטן נאָר דערויף. נעמען זיי זיך צעקריכן אין אַלע זייטן, מיט אַ פאַרשעמטקייט, ווי זיי וואָלטן דאָ גע־ווען די אבלים — נישט קאַץ. ביי דער טיר דערגרייכט זיי נאָך קאַצס שטימע וואָס איז צוריק געוואָרן כריפּענדיק:

— אוי, מענטשן, מענטשן! מען דאַוונט נאָך דאָ, מען בעט און מ'איז פרום... עס ווייסט דען עמעץ פאַרוואָס, פאַרווען, צוליב וועמען?

זיין שטים ווערט שוין אויסגעלאָשן. די צוויי ליכטלעך צאַנקען נאָך, ראַנגלען זיך פּאָר נאָך אַ רגע פלאַקערן, וואַרפן זיך אַרויף מיט רוי־כערנדיקן אַלאַרם און זינקען צוריק אַראָפּ צו אַ קליין־קליין פינטעלע פייער...

קיינער ענטפערט אים נישט. ערשט נאָך דער שוועל געפינט ווער אַ פּאָר ווערטער ביי זיך און ער צעטיילט זיי שטיל צווישן די פּאָר חברים זיינע:

— איי־איי... ז יי וועט שוין גאָרנישט העלפן. טאָמער איז נאָך ווייניק, וואָס ער איז אַזעלכער — מוז ער נאָך געפינען אַן אויס־רייד. כאָטש נעם און גיב אים צו גערעכט, אַז ער איז עס דער חכם עתיק... איך פאַרזיכער אייך, אַז מאָרגן וועט ער צוריק זיין דער זעל־בער.

מרדכי שטריגלער

# קאַפּיטל זיבעצן

## I

קאַץ, דאָס איז נאָר איינער פון די, וואָס דרייען זיך אַרום דער
מאַכט, שפּייזן זיך מיט דער אילוזיע אַז זיי זענען מעכטיק, ווייל עס
זענען פאַראַן נאָך שוואַכערע פון זיי. זיין פּסיכאָלאָגיע איז נאָר אַ פּשור־
טע, אַן אָפענע, כאָטש ער האָט שוין באַוויזן צו כאַפּן דעם שניט פון
פילאָזאָפירן אַרום דער אייגענער געפאַלנקייט. דאָס מאַכט „אינטערע־
סאַנטער”. פאַראַן אָבער אייניקע פון די לאַגער־מעכטיקע, אין וועלכע עס
האָט זיך באמת עפּעס פאַרפלאָנטערט. ביי אַזעלכע האָט זיך עס אָנגע־
הויבן פון אַ האָר, אַ קלייניקייט, וואָס האָט שוין געצויגן ווייטער און
ווייטער. זיי האָבן אָנגעהויבן ביסלעכווייז זיך אויפדעקן פאַר מעכע־
לעם אויג און ער האָט זיך אַלץ מער און מער געזען פאַרזונקען אין די
תהומות פון מענטשלעכע ווערק־צע־פּראָבלעמען.

ער האָט זיי נישט געוואָלט פאַרשטיין, מעכעלע, נישט געוואָלט זיי
דערזען און באַנעמען. פּשוט, עס איז בעסער געווען בלויז מיט זיך אַליין
צו זיין פאַרטון און נאָר קלערן פון זיך. די אומשטענדן זענען אָבער גע־
ווען אַזעלכע, אַז זיי האָבן אים געשליידערט אין אַלע זייטן, אַריינגע־
וואָרפן אין דעם גרויסן קעסל פון מענטשלעכע גורלות. האָבן די אויגן
געזען און דאָס האַרץ מיטן מוח האָבן אַלץ בגוואַלט געמוזט אויפנע־
מען אין זיך. בפרט נאָך דעם, ווי אין מעכעלעס לעבן האָבן זיך געמאַכט
אַ גאַנצע ריי ענדערונגען, וואָס האָבן אים צוגעפירט ביז צום סאַמע
כאָאָס פון לאַגער.

דאָס איז געשען, ווען דער לאַגער האָט זיך ווידער אַמאָל אויפגע־
רודערט. די באַראַקן וואָס מען האָט געלאָזט אין מיטן בוי האָט מען גע־
נומען פיבערהאַפט אַרויסענדיקן און עס זענען ווידער אויסגעטריקנט
געוואָרן עטלעכע שטעגלעך. דער טומל אויפן הויף איז ווידער שטאַרק
געוואָרן און פון אַלע זייטן האָט מען געשלעפּט מענטשן צו דער אַרבעט,
ווי אויך דאָ וואָלט אויפגעשטאַנען אַ פרישע פאַבריק. די קאָמענדאַנטין

איז אַרומגעקראָכן פון אָרט צו אָרט, אָנגעטריבן די פּאָליציי־לייט, זיי זאָלן צוהיטן די אַרבעטער און זי אַליין האָט געהאַלטן אין איין שעלטן סתם אין דער וועלט אַריין. איר איז נאָך די איינגעפירטע אָרדענונג נישט געפעלן און זי האָט כסדר געקרימט מיט דער נאָז:

— מיין גאָט, ווידער דאָס זעלבע שטינקעכץ... דער זעלבער שמוץ!

זי האָט זיך אַלעמאָל אָפּגעשטעלט נעבן דעם יונג־צעשמייכלטן פּוילישן אינזשיניער מיטן העלן זומער־מאַנטל, געהנדלט זיך צו אים, אַריינגעלאַכט אים אין פּנים אַריין און געזוכט מיט אים צו פאַרציען אַ לענגער שמועסל:

— איז וואָס? אויך דיר איז באַשערט צו זיין גאַנצע טעג אין דעם דאָזיקן ענגן הינער־שטייגל... דו מוזט זיך אַרומדרייען צווישן די לויזיקע „מוזולמענער" און שמוציקע יידענעס, גלייך ווי מיר. גלויב מיר, אַז דאָס זענען אַלץ בהמות! ווען וואָלט איך זיך דען געפונען אין אַזאַ מיסט־קאַסטן? נאָר פאַרפאַלן: אַזעלכע צייטן זענען געקומען. מוז איך כאָטש! נאָר דיך, זעסטו, באַדויער איך. ביסט אַ פרייער מענטש, האָסט דיין וווינונג און קענסט אָטעמען פרייע לופט... איז אַ שאָד יעדע מינוט, וואָס דו דאַרפסט זיך פּלאָגן, בלויז דערפאַר ווייל דו ביסט אַ געבילדעטער און דיין גורל האָט געוואָלט, אַז דיין פּאָסטן זאָל דאָ באַשטימט ווערן...

זי האָט געהאַט אַ באַזונדער שוואַכקייט צו די, וואָס האָבן דאָ אַביסל מאַכט און איינפלוס אויף די דייטשן. מיט זיי איז כדאי צו לעבן בשלום און אָנקניפּן נענטערע פריינטשאַפט. דאָס יונגע אינזשיניערל איז דאָ באַשטימט געוואָרן צו באַפעלן איבער דער גאַנצער רעמאָנט־אַרבעט אין לאַגער, מוז מען אים אַריינציען אין דער סביבה אַריין. שוין נישט איינעם פון די פאַבריק־מייסטער האָט זי געפאַנגען מיט דעם טונקל־שמייכלענדיקן בליק פון אירע גרינע פייער־אויגן און מיט דער געשניצטער העפלעכקייט, וואָס זי האָט געקענט, ווי אַ ווייבע קייט, פאַר־וואַרפן אויף די, וועלכע זי האָט געוואָלט נענטער מאַכן צו זיך.

מיט אַזעלכע מענטשן איז שטענדיק בעסער אומצוגיין ווי מיט אייגענע. זי האָט שוין אויסגעפּרוווטע מיטלען. דאָס ערשטע, מוז זי ווייזן, אַז זי איז אַן אַנדערע ווי אַלע יידן. אויף די ווערעם דאָ וואָס קריכן

אַרום מוז זי אויסרעדן דאָס ערגסטע, ווייזן אַז זי איז אומגליקלעכער־ווייז צוזאַמען מיט זיי, אָבער זי איז אַן אַנדערע, אינגאַנצן אַן אַנדערע. האָט זי דערפֿאַר צוגעוואָרפן נאָך אַ פּאָר ווערטער:

— איך אַליין ווין אויך אין אַ באַראַק. ביי מיר איז אָבער זויבער. אויב דו האָסט אַביסל צייט — קום אריין צו מיר, וועסט טרינקען אַ גלאָז טיי און זיך אַביסל אויסלופטערן, רעדן אַ געמיטלעך וואָרט... אויך דאָ אין לאַגער זענען פֿאַראַן אַ פּאָר אינטעליגענטע מענטשן.

דעם יונגן אינזשיניערל איז אָבער גראָד דאָ געפעלן די אַרבעט. ער האָט זיך אַרומגעדרייט צופרידן איבערן לאַגער, הנאה געהאַט וואָס דאָ וואַקסט אַרויס עפּעס אַזוי ווי אַ נייע וועלט. ער איז אַרומגעפלויגן פון איין עק לאַגער צום צווייטן, געווען פאַרחושט און נישט געהערט געניי וואָס מען רעדט צו אים. אויפן וועג האָט ער זיך בלויז אָנבאַגעגנט אַלע מאָל מיט אַן אַנדער מיידל, ביי וועלכער עס האָבן זיך אַרויסגעגנבעט שטיקער יונג לייב פון אונטער די שמאַטעס, גערייצט און געלאָזט זיך גלעטן פאַרשייט פון דער גאָלדענער שפּינען־נעץ, וואָס האָט זיך גלום־טיק אַראָפּגעלאָזט פון דער הויך. דאָ האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אַ ווייל, אַ בליק געטון דאָ אין איין זייט, דאָ אין דער צווייטער און זיך צע־שמייכלט. דאָס שמייכעלע האָט ער מיטגעטראָגן פון אָרט צו אָרט, ווי אַ מטבע מיט וועלכער מען קען דאָ בלויז קויפן גאָר אַ טייערע זאַך, נישט זי אַוועקצושענקען ווער עס וועט בעטן...

די אויגן פון די מיידלעך אַרום האָבן אויף אים געקוקט מיט בליקן, אין וועלכע עס איז געלעגן מער ווי מורא אָדער דרך־ארץ פאַר אַ מענטש מיט באַפעל־מעגלעכקייטן. ער איז פאַר זיי געווען אַ שטיק וואונדער פון אַן אַנדער וועלט. דורך אים האָט זיך די פרייהייט אַליין דאָ אַרומשפּאַצירט אין אַ ווייסן רעגן־מאַנטל, סיי ביי רעגן און סיי ביי זון... און אים האָט זיך אויסגעוויזן אַז אַלע אויגן ציען זיך מיט בענקשאַפט צו אים... איז אים אַזוי גוט געווען צו זיין דאָ אַ פּ ר י נ ץ, וואָס דרייט זיך אַרום צווישן נישט־געקויפטע קנעכט און אונטערטאַנען. וואָס איז ער דען אין דרויסן? אַ גרויער מענטש גלייך ווי אַלע! דאָ אָבער, צווישן די געהויקערטע און פאַרשאָלטענע — זעט אים יעדעס אויג ווי אַ

לעגענדארע פיגור, וואָס פאַרטרעט דאָס פּריוויהייט־לאַנד אָן גרענעצן... האָט אים דאָס דרייען זיך אין לאַגער־הויף פאַרשאַפט הנאה.

ווען די וואַרקאָוויטשן האָט אים גענומען באַדויערן צוליב דעם, האָט ער זיך גענומען עפעס דערמאָנען, ער האָט עס אָבער מיט זיין שע־מעוודיק געלעכעטרל ניט באַוויזן קלאָר אַרויסצושטאַמלען:

— ניין, ניין, ס'איז נישט געפערלעך, פאַני קאָמענדאַנטאָוואַ! נישטאָ וואָס צו שעמען זיך מיט אַזעלכע שיינע מיידעלעך, וואָס זענען דאָ פאַראַן. אפילו ד אָ זענען זיי שענער ווי יענע, אונדזערע שטאָ־טישע, וואָס פוצן זיך אויס...

ביי דער וואַרקאָוויטשן האָבן זיך די אויגן ברוגזלעך־גרין פאַר־צויגן. דאָס אינזשיניערל האָט זיך פאַרלוירן אונטער איר בליק. ער האָט נישט געקענט באַגרייפן, פאַרוואָס זי האָט זיך אָנגעכמורעט. ווער ווייסט? אפשר איז זי גאָר ביין, מיינט אַז ער טשעפעט זיך צו די זשי־דאָוועטשקעס, ווי די געהילפן זיינע! איז ער אויך ערנסט געוואָרן און זיך איבערגעוואָרפן צו אַ זייטיקן ענין, וואָס דאַרף אויך האָבן אַ שייכות מיט דעם אָנגעהויבענעם שמועס זייערן:

— איר וועט זען: עס וועט אויך דאָ אַנדערש ווערן. מ'וועט דאָ אַזוי זויבער מאַכן, אַז עס וועט נישט מעגלעך זיין צו דערקענען דעם לאַגער. די מייסטערס האָבן געהייסן באַזאָרגן אַהער גאַנצע פעסער מיט פאַרב. מען וועט אויסווייסן די באַראַקן פון אינעווייניק. די ווענט פון דרויסן וועט מען אָפּפאַרבן מיט אַלערליי קאָלירן, אויפשריפטן און מאָ־לערייען. איר וועט זען, וואָס דאָ וועט ווערן! יאָ, מען דאַרף טאַקע אַ זוך טון אַ גוטן שריפט־מאָלער, וואָס זאָל קענען מאַכן קאָלירטע אויפ־שריפטן אויף די ווענט...

באַלד האָט פון דעם פּראָיעקט געוווּסט דער וואַך־פירער, די מייס־טער. מען האָט געדאַרפט אויסזוכן אַ מאָלער. וואַרטמאַן, וואָס האָט זיך אָפּגעגעבן מיט דער הויף־אַרבעט האָט זיך דערמאָנט אין מעבעלען און ער האָט אַנם אויסגעזוכט:

— איך גיי מעלדן, אַז איר וועט עס מאַכן.

מעבעלע האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און וואַרטמאַן האָט געמאָלדן

דער קאָמענדאַנטין און דעם אינזשעניער, אַז ער האָט אַזאַ איינעם גע־פונען. צוזאַמענגנס פאַרטאָג, ווען די גרופּע איז געשטאַנען אויסגעשטעלט צום אָפּמאַרשירן אין פאַבריק, האָט דער פּאָליציאַנט זיינער אַ צי געטון מעכעלען:

— דו בלייבסט היינט אין לאַגער.

## II

דאָס ערשטע מאָל קומט מעכעלען אויס צו בלייבן אין לאַגער אין אַן אַרבעטס־טאָג, נאָך אַן אַדורכגעשלאָפענער נאַכט. עס איז אַזאַ מין גוט געפיל פון וויסן, אַז די הענט וועלן היינט נישט ברעכן פון דער משאָ, גלייכצייטיק אָבער ציט עס שוין צו דער געוווינהייט פון האָרעווען, אויך די שווערע, טעגלעכע אַרבעט האָט באַקומען אַ פּנים פון סדר, פון אַ געוויסער אָרדענונג, וואָס גיט די אילוזיע פון אַ נאָרמאַליזירט לעבן. ווען עס ווערט מיטאַמאָל אַנדערש — ציטערט דאָס האַרץ פון זיך אַליין און מען שפּירט, אַזוי ווי דער פעסטער באָדן וואָלט אַוועקגעשלעפּט גע־וואָרן פון אונטער די פיס. צייט אַריינצוקלערן צופיל איז אָבער נישט פאַראַן. באַלד איז וואַרטמאַן געקומען אַ פאַרסאָפּעטער:

— קומט! דער אינזשעניער וועט דאָ באַלד זיין און ער וויל אייך אויספּרוּוון, אויב איר וועט קענען מאַכן, אַזוי ווי ער וויל. זעט, באמת אייך, עס זאָל אים געפעלן. דאָס איז פאַר אייך אַ לעבנס־פראַגע, גע־דענקט עס!

מעכעלע לאָזט זיך פירן, אָן איין וואָרט, אין אַן אָפּגעלעגענעם באַראַק. באַלד איז ער געזעסן ביי אַ טיש, אויף וועלכן ס'זענען געלעגן אָנגעוואָרפן שוואַרץ־אָפּגעשמירטע ברעטער און פּענזלען מיט פאַרב. דער אינזשעניער איז געשטאַנען און זיך איינגעקוקט, ווי מעכעלעס אומ־דרייסטע און אויסגעמאַטערטע פינגער האָבן זיך געצויגן צום קליינעם שיסעלע מיט דער ווייסער, געדיכטער פעטקייט. ס'האָבן זיך באַוויזן די ערשטע אותיות אויפן שוואַרצן טאָוול. דאָס אינזשעניערל האָט צופרידן אַ בורטשע געטון:

— נו, דערוויל איז גענוג. מען זעט, אז דו ביסט א פּאַכמאַן. איך קען אויך צייכענען שריפט, נאָר כ'האָב נישט קיין געדולד דערצו. אָבער דו וועסט נישט פוילענצן ביי מיר. זאָלסט געדענקען דאָוועגן.

עס איז געקומען צולויפן די וואָרקאָוויטשן מיט דער פּאָליציי. זיי האָבן געזוכט עמאָציעס, נייעס און ענדערונגען אין לאַגער. גאַנץ באַזונדער האָט דער וואַך-פירער שוין עטלעכע מאָל זיי פאַרגעוואָרפן:

— איר זאָגט כסדר, אז אַלע יידן זענען פּאַכלייט און אז עס קומט צו מאַכן עפּעס — דאַרף מען זוכן א נאַרישן מאָלער מיט ליכט...

זענען זיי געקומען זען, אויב עס איז שוין געפונען געוואָרן דער, וואָס מען דאַרף. זיי זענען אויך נייגעריק געוואָרן צו וויסן, ווי אַזוי איין מענטש וועט מיט א קליין ביסל פּאַרב קענען שיין מאַכן אַזא שמוציקן לאַגער, ווי דער אינזשיניער שטעלט זיך עס פאָר. ז י האָט זיך א קער געטון צום אינזשיניער און א פרעג געטון מיט איר שטענדיק-נערוועזער אומגעדולד:

— נו, ס'וועט עפּעס זיין דערפון?

יענער האָט זי געלאַסן באַטראַכט און אָפּגעענטפערט:

— ס'איז אין אָרדענונג! מען דאַרף אים נאָר צוהיטן, ער זאָל זיצן און מאַכן דאָס זייניקע.

אָפּגעזאָגט זיינס איז ער אַרויסגעלאָפן צו די עסקים, וואָס האָבן אויף אים געוואַרט אין דרויסן. די קאָמענדאַנטין האָט זיך דערנענטערט צום טיש און א קוק געטון אויף מעבעלען, וואָס איז געזעסן א געבויגענער איבער די פריש-אָפּגעפּאַרבטע ברעטער. א ראַפּטומע איבערראַשונג האָט זי אויפגעהייטערט:

— זעט נאָר! דאָס איז דאָך דאָס אָפּגעריסענע שרייבערל! אַלע מאָל גיט ער זיך דאָ אויף פאַר עפּעס אַנדערש. איצט מאַכט ער זיך גאָר פאַר א מאָלער!

מעבעלע האָט אפילו נישט אויפגעהויבן די אויגן, א בליק צו טון אויף איר. זי איז מיט דערשטיקטן כעס צוגעטרעטן נענטער און אים אָנגענומען ביי דער גאָמבע, אויפגעהויבן זיין פּנים מיט די צוויי ערשטע פינגער, אַזוי אז מעבעלע האָט דערפילט דעם שפּיציקן שטאָך פון אירע

געשניצטע נעגל, און זי האָט דערביי אָנגעשטעלט זיינע אויגן קעגן אירע. זי האָט דערביי צוגעגעבן מיט פאַראַכטונג:

— דו! צווישן די לערנער אין לאַגער זאָגט מען, אַז דו ביסט אַ לערנער; ווען די חברה אינטעליגענטלעך ביי דער פּאָליציי רעדן פון דיר — זאָגן זיי אַז דו ביסט גאָר אַ שרייבער. איצט, ווען מען דאַרף אַ אַ־לער און דו ווילסט לייכטער האָבן — נעמסטו דעם פּינזל אין האַנט און שמירסט! באַלד ווערסטו נאָך ווערן דאָ אַ דאָקטאָר און — דער טייוול ווייסט וואָס נאָך... זאָג זשע מיר, וואָס קענסטו אַלץ, אויב מ׳קען וויסן!?

מעכעלע האָט פאַרביסן ווייטער געפירט מיט דער האַנט איבער דעם ברעטל. ער האָט פּלוצים געזען, אַז ער האָט ביי איר נישט נושא־חן גע־ווען. וואָס עס הייסט ביי איר צו זיין אַנטיפּאַטיש — דאָס האָט ער שוין געוווּסט פון פאַרשידענע מענטשן. איצט האָט ער נאָר געהערט, אַז דאָ שפּירט זי אים נאָך, ווייסט אַלץ וואָס מען שמועסט וועגן אים. זי האָט אפילו מורא, אַז ער איז אַזאַ געהיימער מענטש, וואָס קען אויפטון, גאָט ווייסט וואָס. איז גלייכער צו שווייגן, ווייל יעדעס וואָרט, וואָס ער וועט ענטפערן, קען זי צעפּלאַקערן מיט כעס. איז זי אַזוי געשטאַנען און גע־שיט מיט רייד, ביז אויך דאָס איז איר נמאס געוואָרן און זי האָט, ווי פאַר זיך, אָפּגעהאַקט די רייד:

— מילאָ, זיי ווילן אים פאַר אַ מאָלער — זאָל ער מאָלעווען! מיין עסק...

זי האָט זיך דערמאָנט, אַז אַרום שטייען דערווייל אַ פּאָר פּאָליציי־לייט און פּוסטעווען, האָט זי זיך אויסגעדרייט צו זיי און אַ געשריי גע־טון:

— וואָס שטייט איר אַזוי? איר האָט נאָך נישט געזען אַזעלכעס? אין די פרויען־באַראַקן גייט אַלץ איבער פון שמוץ; ס׳איז שוין נישט אויסצוהאַלטן! און זיי גאָר — שטייען און גאַפּיען זיך... קומט!

זי איז אַרויס די ערשטע און נאָך איר האָבן זיך נאָכגעשלעפּט אי־רע פּאָר משרתים. אין באַראַק איז שטיל געוואָרן. בלויז פון אַ ווייטער זייט האָט זיך געטראָגן דער דערשראָקענער געשריי פון אַ פּאָר איבער־

ראשטע מיידלעך, וואס זענען אנטדעקט געווארן אין א באראק אין נישט געהאט קיין דערלויבעניש צו בלייבן.

## III

פונעם לאגער-כאאס האט זיך גענומען אויסשיילן א געוויסע אָר־דענונג. אין דעם קליינעם וואש־באראקל האט מען געהייסן איבערשמירן די אלטע זשאווער־רערן מיט העל־בלויער פארב. די ווענט האט מען אי־בערגעצויגן מיט רויטן אייל־קאליר און ער האט אויף אמאל באקומען א זויבערן אויסזען. די קאכלענע בעקנס האט מען געריבן מיט סאָדאַ און אוועקגעשטעלט א מענטש, ער זאל כסדר אכטונג געבן אז מען זאל דאָ צוריק נישט איינשמירן אלץ, ווי עס איז געווען פריער. אין דער זייט פון דעם וואש־צימער האט מען אפגעטיילט א באזונדער הדרל, ווו עס האט זיך ארייגעצויגן א קליין, פלינק מענטשעלע, וואס קיינער האט נישט געוווסט — ווער עס האט אים געקרוינט פאר דעם פריזירער פון לאגער. ער האט אנגעטראָגן שיסעלעך אויף זייף, גאל־מעסערס און שערן. דאן האט ער זיך אוועקגעשטעלט ביי דער טיר מיט א פאר בייגל-הויזן, ווי א געבוירענער צו דער דאזיקער מלאכה. אין א פאר טעג ארום האט ער שוין געהאט א פאר צוגעשוירענע באקן־בערד און א פארקעמטן שרונט. דערצו האט ער פון ערגעץ זיך אויסגעזוכט א ווייסן ראק. האט ער זיך כסדר געשפיגלט אין דעם וואנט־שפיגעלע און געהאלטן אין איין אנקוועלן פון זיך און פון זיין איינגעשטעלטן ווארשטאט.

די ערשטע ארבעט זיינע איז געווען צו באשטעלן א געצאצקעוועט שילדל פאר זיין „געשעפט". באלד האט עס געדינט פאר א ביישפיל, מען זאל אומעטום ארויסהענגען די זעלבע שילדלעך. די קאמענדאנטן האבן עס געמאכט פאר זיך. די ביורא, די שניידעריי, די פאליציי און ווער עס האט נאר געהאט א שייכות צום עפנטלעכן לאגער־לעבן. ווערק צע האט אנגעהויבן באקומען דעם אויסזען פון א קליין שטעטל, נאר איינגע־קוועטשט אויף א ליליפוטן־שטח. עס זענען אויסגעקליבן געווארן איי־ניקע שניידער און שוסטער, וואס האבן באדארפט יעדן פאררינכטן די

צעריסענע זאכן, פונקט ווי דער שערער, דער קליינער שלמה-נח, האט באדארפט דעם גאנצן לאגער שערן און גאלן, און גנבעט. אבער אויך דא האט זיך אנגעהויבן א האנדל און פראטעקציע. געגאסן פון די אלע איינ־ריכטונגען; האבן דער עיקר די פראמינענץ. אין די דאזיקע שטובן האט מען זיך אנגעהויבן צוזאמענקומען ביז זיי זענען פארוואנדלט געווארן אין די לאגער-קלובן, ווו אלע נייעס זענען ארומגערעדט געווארן.

נעבן דעם פאליציי־באראק האט מען אויך אפגעטיילט א באזונדער צימערל, וואס איז איינגעטיילט געווארן אין עטלעכע אן־פענצטערדיקע קעמערלעך. דאס איז פארוואנדלט געווארן אין דער לאגער־תפיסה פאר מענטשן, וועלכע זענען באגאנגען פארשידענע חטאים. דאס זענען געווען די ערשטע סימנים, אז ווערק צע וועט ווערן א גאנץ באזונדערע אויטא־נאמיע, ווי די פריערדיקע געטאס. מען האט אפילו געשמועסט, אז עס וועט איינגעארדנט ווערן א באזונדער וועשעריי, ווו אלעמענס קויטיקע וועש וועלן געוואשן ווערן און די מענטשן וועלן שוין נישט דארפן אי־בערשווענקען די שווארצע העמדער אין קאלטן וואסער פון וואש-באראק. מען האט נאך געשמועסט פון גאר א סך פארלייכטערונגען און אינסטי־טוציעס אין לאגער. דערווייל אבער האבן זיי גארנישט געמאכט. דער עיקר האט מען באשטימט פלעצער און צימערלעך פאר אלץ. עס איז אויך געזארגט געווארן, אז די פארביקע שילדלעך זאלן אומעטום הענגען וואס פריער. זייט עס האבן זיך אפגעשטעלט די גרויסע סעלעקציעס, האבן אלע מאל זיך גענומען באווייזן הויכע אפיצירן, וואס האבן בא־טראכט דעם לאגער פון אלע זייטן און קיינער האט נישט געוווסט, וואס זיי זוכן דא אזעלכעס. טאקע פאר זיי האט מען געמוזט ווייזן, ווי אזוי אלץ איז דא „ארגאניזירט". מעבעלעס ארבעט האט אויף אמאל בא־קומען א וויכטיקן באדייט. מיט זיינע שילדלעך האט ער אויפגעשטעלט א גאנצע ארדענונג פאר א זייטיק אויג. אלע מאל איז עמעץ אנדערש פון דער קאמענדע געקומען צו לויפן און געריסן ביי אים די שילדלעך פון אונטער די הענט. אפילו דער שטענדיק פארכמורעטער און שטיל־גרויזאמער וואך־פירער, שומאן, איז געקומען און אויפגעגעבן פארשידע־נע פראיעקטן, ווי אזוי אויסצוצירן די אויסערלעכע זייט פון די באראקן

מיט אויפשריפטן און פארביקע שמירעכצער. קענטיק, אז מען מוז דא פאר עמעצן ווייזן, אז „אלץ קלאפט" און אז די מענטשן דא — געפי־נען זיך נישט אין פאבריק פון טויט, נאר ערגעץ אויף אן אפרו־קאלאניע, אונטער א שטרענגער, אבער געטרייער אויפזיכט...

עס מוז זיכער האבן איינגעטרעטן א נייעס. אט האט מען געברענגט גרויסע, שווארצע קעסלען, אין וועלכע מען וועט גאנץ פרי און ביינאכט קאכן שווארצע קאווע פון געברענטן קארן, אז די מענטשן זאלן זיך קע־נען מיטנעמען צו טרינקען. עס איז אפילו אויך דערפאר באשטימט גע־ווארן א קליין חדרל, נעבן וואש־צימער, ווו קויפמאנס געהילף, דער שטומער דיאמענט, וועט זיך באשעפטיקן מיטן קאכן די קאווע. וואס איז געשען? קיינער האט עס אויף קלאר נישט געוווסט, טאקע דערפאר ווייל עס איז נישט געווען קיין גרונט פאר די נייע איינריכטונגען, האבן די פאנטאזיעס ביי אלעמען געקענט פליען און אויסטראכטן פארשידענע גוטע בשורות. די פאליציי אליין האט אויך פון גארנישט געוווסט. זיי האבן נאר געזען די ערשטע סימנים פון א נייעם קורס און זיי האבן זיך שטילערהייט גענומען צופאסן דערצו. מען האט שוין געקענט זען, ווי אזוי זיי ווענדן זיך צו א גרויעם מענטש מיט א צוגענגלעכער שפראך און זייער טאן נעמט אן דעם אפגעפארבט־העפלעכן קאליר פון דעם גאנצן ארום.

ספעציעל האט מען זיך גענומען מאכן ארדענונג ארום דעם זיבעטן באראק, ווו אלע קראנקע פון לאגער זענען קאנצענטרירט געווארן. דאס איז געווען דער באזונדערער קראנקן באראק, וווהין מען האט פארווארפן אלע פארפאלן־קראנקע. פון דארט האט זיך שטענדיק געטראגן א גע־וואלדיקער געשטאנק פון צואה און אלערליי מכות פון נישט געוואשע־נע אברים, אויף וועלכע דער קויט זאמלט זיך אן. ביז איצט האט קיי־נער נישט געטראכט אפילו, אז מען דארף שענקען ספעציעלע אויפמערק־זאמקייט די דאזיקע ברואים וואס ליגן דארט אזוי לאנג, ביז עס בלייבט אין זיי גארנישט און זיי לאזן זיך טראגן צום מיסט־קאסטן, אן א בא־וועג און אן א געשריי...

איינעם פון די נייע באראקן האט מען ספעציעל אפגעקליבן פאר

דעם צוועק. אַנשטאָט דאָס פריערדיקע קליינע און איין־צימערדיקע באַראַקל, האָט מען איצט אָפּגעטיילט גאַנצע דריי צימערן, ווו אַלע קראַנקע זאָלן דאָרט קענען זיין. מען האָט אויפגעקלאַפּט בעטלעך פון נייע ברעטער און מען האָט מאָביליזירט אַ גאַנצן שטאָב פון סאַניטאַרן און דאָקטוירים, וועלכע וועלן זיך אָפּגעבן מיט די חולאים. די קאָמענדאַנטין אַליין האָט פאַרוואָרפן אַ וואָרט, אַז מען וועט דאָ אויפשטעלן אַזעלכעס, וואָס וועט זיך נישט קענען פאַרשעמען פאַר די גרעסטע שפּיטעלער. האָט זיך דאָס געטראָגן פון מויל צו מויל און אַלע האָבן זיך געפרייט דערמיט, וואָס דאָ וועט זיין אַן „אמתדיק" שפּיטאָל, כאָטש נישט יעדער האָט געקלערט אַמאָל זיך אַהין אריינצולייגן. עפּעס האָט דאָס אַלץ געשמעקט מיט אַנדערע ווינטן און מיט אַ סדר פון אַ לעבעדיק לעבן. האָבן די מענטשן ווייטער געצויגן די שווערע טעג מיט זיך, אָבער מיט אַ האָפענונג, אַז עס וועט ווערן בעסער... נישט ביי יעדן האָט די האָפענונג געקענט האָבן אַזעלכע גרויסע פאַנטאַזיע־טריט, צו קענען דערגרייכן ביז צום חלום פון איבערלעבן די גאַנצע קריג. די מענטשלעכע מוחות האָבן געדאַרפט האָבן נאָענטע און בולטע צייכנס, סימנים פאַר דעם, פון וועלכן זיי זאָלן קענען חלומען. דערפאַר אָבער האָט מען דערקענט די פינגער־אָפּדרוקן פון דער גאָר־נאָענטער ענדערונג, וואָס האָט דערלויבט אריינצוקלערן און זיך אויסטייטשן: עס וועט בעסער ווערן!

און אַלע האָבן זיך מיט דער דאָזיקער וואַרעמקייט ארומגעטראָגן. זאָלן די גוטע סימנים זיין פאַר אַנדערע, פאַר די קראַנקע אָדער פאַר וועמען עס זאָל נישט זיין! אַבי מען זאָל שפּירן די סימנים פון אַ בעסערונג אין דער דאָזיקער שרעקלעכער לופט. דאָס קען שוין גענוג זיין פאַר די, וואָס דאַרפן לעבן אין די זעלביקע באַדינגונגען ווי פריער, אַז זיי זאָלן זיך שפּירן געטרייסט און אָנגערעגט ווייטער צו לויפן, גיין און דערוואַרטן רואיקער די טעג וואָס קומען...

בלויז די פרויען, נישט פון ערשטן, יונגטלעכן עלטער, האָבן נאָך אַלץ געהאַט אַן אָרט אויף שטילע סקעפּטישע זיפצן:

— אוי, עס זאָל נאָר גאָרנישט ליגן אונטער דעם באַהאַלטן! עס זאָל נאָר נישט אויספאַלן באַקעם...

# קאַפּיטל אַכצן

## I

די וועלט פון קראַנקע אין ווערק צע האָט זיך אָפּגעטײלט פון דער גאַרמאַלער מיט אַ דיקער, נישט־אַנגעזעענער וואַנט. פאַר זײ האָט זיך געפירט אַ באַזונדער עווידענץ, וועלכע האָט זיך געביטן פון טאָג צו טאָג. אין דער ערשטער ריי האָבן אַהין געהערט די חולאים, וואָס זענען שוין געווען כמעט ווי טויט. אין דער צייט פון סעלעקציעס האָבן זיך קיין אַנדערע סיי־ווי נישט געמאָלדן אַלס קראַנק. ווען עס איז געוואָרן רואיקער, האָבן זיך שוין אויך געמאָלדן אַזעלכע, וואָס האָבן געהאַט לייכטערע ווונדן און חולאתן. די ערשטע קאַטעגאָריע איז געלעגן אין זיבעטן באַראַק, דערפאַר האָבן די לייכטערע חולאים געמעגט זײן ביי זיך אין די באַראַקן. מען האָט זיי נאָר רעגיסטרירט און קאָנטראָלירט יעדן פרימאָרגן די דערלויבעניש זייערע.

עס זענען אויך געווען אַזעלכע, וואָס האָבן געזען זייער רעטונג אין סימולירן אַלערליי קראַנקהייטן. זיי האָבן זיך אַוועקגעלייגט אויפן בעטל און געקרעכצט, געוויינט און נישט געוואָלט אויפשטיין צו דער אַרבעט. מיט אַזעלכע האָט די פּאָליציי געהאַט אַ שווערע עבודה און נישט איינער האָט נאָך אַ קאָנטראָל פון זײן פּאָליציאַנט מער נישט באַדאַרפט צו סימולירן...

צו זיי איז נאָך צוגעקומען אַ פערטע גרופּע רייכערע מאַרקי־ראַנטן, וואָס האָבן אונטערגעקויפט די מאַכט, אָדער אַ דאָקטאָר, מען זאָל זיי לאָזן אַ פּאָר טעג זיך אָרויסדרייען פון דער פאַבריק.

איצט, ווען די סעלעקציעס האָבן זיך אָפּגעשטעלט, האָט זייער צאָל דערגרייכט אַ פּאָר הונדערט טעגלעך, וואָס זענען געשטאַנען איינגע־מאָלדן יעדן טאָג אונטער דער רובריק: ק ר אַ נ ק . דאָס עבן פּאָר דער גאַנצער אָפּטיילונג איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך די ספּעציעלע צוויי סאַניטאַרן. זיי האָבן ביי קויפמאַנען באַקומען עטלעכע פּעסלעך זופּ און זיי פאַרטיילט אַזוי, ווי דאָס האַרץ זייערס האָט זיך פאַרגלוסט.

בכדי זיך צו פארלייכטערן די ארבעט און נישט צו דארפן פאר־לירן קיין צייט מיט די איינצלנע ארבעטער אויפן שטח פון לאגער — האט מען זיי צוגעטיילט צו דער קראנקן־גרופע, וו זיי האבן געדארפט באקומען זייער ברויט און געקעכץ.

אויך מעכעלע, וואס האט באדארפט בלייבן א שטיק צייט אלס מאלער, איז אריבער אין רשות פון די קראנקן-אויפזעער. יעדן טאג האט ער זיך געמוזט אוועקשטעלן אין דער ריי מיט אלערליי חולאים, כמעט־מויטע און סימולאנטן, וועלכע האבן שטייענדיק אין דער ריי געהאלטן אין איין פלאנירן, ווי אזוי ארויסצובאקומען נאך א טראפן עסן. געווען אזעלכע צווישן זיי, וואס האבן זיך שוין ספעציאליזירט אין „זיין קראנק". זיי האבן שוין געוווסט ווי אזוי זיך אדורכצודרייען פון די פא־ליציאישע הענט, דערשמעקן יעדע ווייטע סכנה באצייטנס און זיך אויפרוימען אין דער געהעריקער צייט. עס האט זיי נישט אפגעשראקן דאס, וואס א סך אזעלכע קלוגע זענען איינמאל ד א ך אריינגע־פאלן און באצאלט דערפאר מיטן לעבן. טייל פון זיי האט אויך די פא־ליציי שוין געהאלטן פאר פארפאלענע, וואס קיינע קלעפ וועלן זיי שוין נישט העלפן און אויך דער קאמענדאנטין איז נמאס געווארן דער געיעג מיט זיי.

אלע מענטשן פון דער קראנקער מלוכה זענען ארומגעגאנגען מיט א מינע פון שפיר־חיות און דער חותם פון שטענדיקער געיאגטקייט איז ממש געווען צו דערקענען אויף די אקסלען זייערע. זיי זענען געווען הוילער חשד. אלעמען האבן זיי פארזיכטיק ארומגעשנאפט, איידער זיי האבן זיך וווהין דערנענטערט. שטענדיק גרייט צו כאפן א קלאפ אדער געכאפט צו ווערן אויף א סעלעקציע — איז זייער גאנצער חוש נאר געווען אנגעשטעלט דערויף, ווי אזוי ארויסצורייסן נאך א פאר רואיקע שעה, אין וועלכע זיי זאלן נישט דארפן אוועקגעבן די כוחות אומזיסט. זיי האבן געלעבט פון אוועקכאפן ווו און וואס עס לאזט זיך פון אונטער די הענט, אויסמיידן איבעריקע קלעפ, לעבן צווישן די מענטשן און גלייכצייטיק אונטער דער ערד...

פון דער מאַכט איז געװען אַ באַפעל צו האַלטן אַלע קראַנקע אויף איין אָרט. האָט מען די ערשטע צייטן אַלעמען געשלעפּט אין שמוציקן זיבעטל אַריין. דאָרט האָט מען צוזאַמענגעקנוידערט איינעם נעבן צװייטן און זיך אָנגעשטעקט איינער פון צװייטנס אַלערליי געפערלעכע מחלות. יעדן פרימאָרגן זענען די צװיי אויפזעער, אַלעק און מלך, אַרומגעגאַנגען זוכן די פאַרבליבענע. נאָכן אָפּמאַרש אין פאַבריק אַריין. אין זייער האַנט איז געלעגן דער גורל פון די דאָזיקע מענטשן. האָבן זיי איינגעזען, אַז דער אָדער יענער איז װירקלעך קראַנק, האָט דער מענטש באַקומען אַ צעטל צו בלייבן אַ טאָג. מיט דעם איז ער געקומען שפּעטער צום זיבעטן באַראַק נעמען עסן. נאַטירלעך האָבן זיך אַ סך געהיטן אַז די צװיי לייט זאָלן זיי גאַנץ פרי נישט באַמערקן. שפּעטער אָבער, האָט זיי דער הונגער געטריבן זיך צו שטעלן אין דער ריי װאַרטן אויף אַ נס: טאָמער װעט אַלעק ה יי נ ט נישט פאַרלאַנגען קיין צעטל, אָדער אפשר װעט ער גראָד א י ם היינט אַריינגיסן אַ פּאָרציע. אַזעלכע ניסים האָבן זיך אָבער נישט געטראָפן... איז טאַקע די לופט דאָרט, מיטאָג-צייט, פול געװען מיט הונגעריקע געשרייען, חניפה־געבעט אויף אַלעקס אַדרעס און שוידערלעכע קולות פון געשלאָגענע...

בעת מעכעלעס בלייבן אויפן הויף, זענען שוין געװען עטלעכע דאָקטוירים, װאָס זענען אַהער פאַרשלעפּט געװאָרן פון װאַרשעװער געטאָ. צוליב דעם װאָס קיין סעלעקציעס האָט מען דערװייל נישט געמאַכט — איז דאָס זיבנטל שנעל פול געװאָרן. מענטשן האָבן אָבער געװאָלט בלייבן — האָט מען זיי נאָר רעגיסטרירט און געלאָזט אין זייערע באַראַקן. די דאָקטוירים האָבן גענומען איינזען, אַז דאָס איז פאַר זיי אַ קװאַל פון הכנסה און פאַר אַ פּאָרציע ברויט אָדער געלט האָבן זיי אַרויסגעגעבן דערלויבענישן, װי לאַנג עס לאָזט זיך. די סאַניטאַרן זענען אויך דערפון געװען צופרידן. די קראַנקע פון זיבעטל האָט מען געקענט געבן קלענערע פּאָרציעס זופּ, אַנדערע האָבן בכלל מער נישט געקענט עסן. די פּריװיליגירטע זענען באַלד נישט געקומען נעמען. אַזױ אַרום האָט זיך פאַר זיי אָפּגעשטעלט אַ היבש ביסל עסן, װאָס זיי האָבן פאַרקויפט און געהאַט געלט. זיי האָבן אויך געירשנט די געשטאָרבענע און דער־

פאַר האָבן זיי געקוקט אויף די קראַנקע און אַלץ וואָס עס געהער צו יענע — ווי אויף זייערס אַן אייגנטום...

עס האָט זיי פאַרדראָסן וואָס מענטשן קומען נאָך צו זיי נעמען עסן, גלייך ווי מען נעמט צו דאָס, וואָס עס איז זייערס. דערפאַר האָבן זיי אויסגעזוכט דעם קלענסטן פאַרמעלן חטא, בכדי דאָס עסן נישט צו געבן.

דורך זייערע הענט האָבן שוין טויזנטער „ווערק צע"־מענטשן אדורכגעמאַכט זייער וועג צום שטיקל געלן ערד אויפן שיס־פּלאַץ. גאַרנישט האָט זיי שוין געקענט רירן. אויף אַ קראַנקן האָבן זיי געקוקט ווי אויף אַ מענטש, וואָס מען דאַרף אים אַוועקטרייבן פון דער וועלט וואָס פריער, ווייל ער טויג שוין סיי־ווי צו גאַרנישט, און לעבן וועט ער זאָ־ווי־זאָ נישט, — טאָ זאָל ער מאַכן פּלאַץ פאַר אַנדערע. האַבנדיק צו טון מיט אַזויפיל מענטשן, וועלכע מען האָט געמוזט יעדן טאָג שלעפּן ביי די האָר אין „זיבעטל" אריין און פון די באַראַקן צו דער אַרבעט — זענען זיי געוואָרן הארט און פאַרביסן. דאָס רייסן און שלאָגן שוועך־קראַנקע איז ביי זיי שוין געוואָרן אַ געוווינהייט, אַפילו אַ פאַרגעניגן.

צו דעם דאָזיקן מענטשלעכן רעגיסטער פון הונדערטער איז צוגעקומען נאָך איינער, מעכעלע.

## II

אריינדרינגען טיפער אין דער וועלט פון זיבעטן באַראַק איז געווען זייער שווער, בפרט פאַר אַ שטילן, אָפּגעריסענעם קאַ־עלניק, ווי מעכעלע. און דאָך איז עס אים געלונגען באַלד פון די ערשטע טעג. געווען איז עס צוליב אַ ריינעם צופאַל:

קיינער האָט אים נישט געזאָגט, אַז בכדי צו באַקומען זיין עסן מוז ער זיך רעגיסטרירן יעדן פרימאָרגן ביי די צוויי סאַניטאַרן. ווען ער איז דעם צווייטן טאָג פון זיין אַרבעט אַלס מאַלער געקומען צום „זיבעטל" — זענען שוין דאָרט געשטאַנען אַ ריי חולאים און צעבראָכענע מענטשן. מעכעלע האָט זיך געשטעלט דער לעצטער אין דער ריי, איבערוואַרטנדיק אַלעמען.

א הויכער ריזיקער בחור האָט געלאָסן אויסגעטיילט די פּאַרציעס און בײַ יעדן קאָנטראָלירט די קראַנקען־שײַנען. װען ס'איז צוגעקומען צו מע־כעלען האָט ער זיך א פרעג געטון:

— װאָס װילסטו דען? װו איז דײַן צעטל?

מעכעלע האָט עפּעס אָנגעהויבן שטאַמלען פאַרלוירן. דער ריזיקער בחור, װאָס האָט געטײלט דאָס עסן, האָט אים אָבער לאַנג נישט געלאָזט קלערן. מיט איין זעץ איבערן פּנים האָט ער מעכעלען אַרויסגעשלײדערט פון דער רײ אַרױס און מעכעלע האָט קוים געהערט זײַן װאָרענונג:

— נאָך איין מאָל װען איך זע דיך דאָ — לאָז איך דיר טויט אויפן אָרט! דו קענסט פרעגן בײַ די, װאָס שטײען דאָ, אויב איך קען אַזעלכעס באַװײַזן...

א פאַרצװײפלונג האָט מעכעלען אַרומגענומען. די קראַנקע האָט מען אויסגעטײלט זײער עסן שפּעטער װי אומעטום. איבערן גאַנצן לאַגער האָבן זיך שוין די מענטשן צוריקגעצויגן אין זײערע באַראַקן, בכדי צו כאַפּן א דרימל פאַרן גײן צו דער נאַכט־שיכט. קײנעם פון זײַנע באַקאַנטע זעט ער נישט און שוין איבער א מעת־לעת, אַז ער האָט גאַרנישט געהאַט אין מויל: בײַ װעמען קען ער דאָ בעטן?

פון דעם הויכן סאַניטאַר איז קײן רחמים נישט צו דערװאַרטן. אָבער קײן עצה איז נישטאָ. װײל ער זיך נאָכאַמאָל דערנענטערן צו דער רײ, װאָס האָט זיך שוין נאָכאַמאָל פאַרזאַמלט צו בעטן א צולאָג. ער איז גרײט צו בעטן אים, אַרײַנטענהן אין אים... אפשר װעט ער אים דאָך אַרײַנגיסן א פּאָר טראָפּנס אין זײַן בלעכל? יענער אָבער װאָרנט אים פון דער װײטנס:

— גײ נישט צו נענטער; װײל בײ מיר װעט דיר גאַרנישט העלפן... כ'קען דיך נאָך אַװעקלײגן א טויטן...

מעכעלע זעט נישט קײן אויסװעג. ער װאָלט געגאַנגען בעטן בײַ װאַרטמאַנען, אָבער דאָס האַרץ לאָזט נישט: יענער האָט אים אַרויסגע־שלעפּט פון דער פאַבריק, געשאַפן לײכטע אַרבעט... װאָס זשע װעט ער טראַכטן, אויב מעכעלע װעט נאָך איצט קומען בײַ אים בעטן עסן? ער װעט מײנען, אַז מעכעלע װיל זיך אויף אים אָנלײגן, בלויז דערפאַר װײל ער האָט זיך אײנמאָל פאַראינטערעסירט מיט זײַן גורל.

אָבער — דעם נעכטיקן טאָג האָט זיך מעכעלע געפּלייסט ביי זיין אַר־בעט און דערפאַר פּאַרשפּעטיקט צו מיטאָג. דאָס ברויט זיינס האָט ער נישט באַקומען, ווייל — נישט גייענדיק אין פאַבריק — דאַרף ער עס באַ־קומען ביי דעם דאָזיקן הויכן יונג, וואָס שטייט דאָ אַ צעיאָכמערטער און שרייט, ווייל עפּעס אַ צעטל... וועט ער עס אים דען געבן?

נעכטן האָט עס מעכעלע נישט געפילט. די אויסגערוטקייט פון טאָג, דאָס נייע פון זיין סיטואַציע, האָבן אים געמאַכט פאַרגעסן אין אַלץ. איצט אָבער לאָזן זיך די צוויי טעג פון הונגער שפּירן אין דער גאַנצער שאַרפ־קייט. פאַרלירט ער שוין זיין שטאָלץ און הייבט זיך אָן בעטן, כמעט ווי אָן באַוווסטזיין, גלייך ווי אַלע דאָ:

— גיט מיר אַביסל עסן! גיט מיר!

דער הויכער וואַרפט עפּעס שווערס אין מעכעלעס זייט אַריין. מעכע־לע טרעט אָפּ אַ שווייגנדיקער. ווי אַזוי וועט ער היינט אַרבעטן?

עפּעס אַ גאָר־הויכער, משונהדיקער ייד, מיט גאַנצע סאַמעטענע הויזן, וועלכע האָבן זיך אַריינגעלאָזט אין פּעטע, יוכטענע שטיוול, האָט אומגע־ריכט אַ כאַפּ געטון מעכעלען ביי דער האַנט. אין זיין אומהיימלעך, הייזע־ריקלעך קול האָט זיך אַרויסגעהערט אַ מיטגעפיל:

— וואָס איז? ע ר וויל דיר נישט געבן קיין עסן?

און מעכעלע זעט אויס ביי יענעמס זייט, ווי אַ קליין קינד נעבן אַ שוואַרצן ריז. דער הויכער ייד מיטן פאַרברענטן פּנים רעדט מער גאָר־נישט, נאָר גיט מעכעלען אַ הייזעריקן באַפעל:

— שטרעק אויס דיין כּלי!

מעכעלע שטרעקט אויס זיין בלעכל ווי אין הינערפּלעט. דער סאָני־טאַר שווייגט כמורנע און בייז. דער הויכער לאָזט אים אָבער לאַנג נישט שווייגן:

— אַלעק, גיס אַריין! זעסט דאָך, אַז ער האָט נישט גענעסן... גיס אַריין, זאָגט מען דיר!

אַלעק בלייבט שטיין ווי אַ געבונדענער. עס ווילט זיך אים באַין אופן נישט קליין ווערן אין די אויגן פון די קראַנקע, וואָס שטייען צעוואָרפן אין אַלע זייטן, וואַרטנדיק אויף אַ כּוח, וואָס זאָל אים באַצווינגען. זיי

קענען אזוי וואַרטן גאַנצע שעהען, כּל־זמן דאָס פּעסל איז נישט אוועקגע־טראָגן. זיי ווייסן, אַז יעדער וואָרט רייצט אים אויף און וועקט אויף נאָך מער זיין רציחה. אָבער דער מאָדנער ייד האָט אים מיט איין וואָרט גע־בענדיקט. אלעק וויל שרייען, אָבער זיין טאָן איז מער געבעט ווי ווידער־שטאַנד:

— שמעון, וואָס מישסטו זיך אין מיינע געשעפטן? ס׳איז נישט דיין עסק, ווען איך גיב יאָ, אָדער נישט...

דער שוואַרצער ייד, וועמען אַלעק רופט שמעון, צעלאַכט זיך אָבער מיט אַ פייפנדיק גרילצעלע. זיינע דאַרע קנאָכנס אויפן פּנים נעמען לויפן אויף און אָפּ, ווי ביים צעקייען אַ שווערע, האַרטע זאַך — מיט ווייניק ציינער:

— אַזוי? נישט מיין עסק, זאָגסטו? ס׳איז דיין עסק אפשר? ד יי ן זיבעטל... ד יי ן פּעסל, ד יי נ ע קראַנקע... אַלץ איז דיין! נאָר דאָך היים איך דיר אים אַריינגיסן אַ פּאָרציע, הערסט? דערנאָך וועט מען שמועסן דערפון. נו, אויב דו קענסט נישט — גיב אהער מיר דעם לעפל...

אַלעק האָט שטיל אַראָפּגעשלונגען אַ קללה און אָנגעגאָסן מעכעלען אַ פול בלעכל עסן. אָבער, אַזוי ווי ער האָט געוואָלט ראַטעווען כאָטש אַ טייל פון זיין פּרעסטיזש, האָט ער דערביי צוגעגעבן:

— נאָר מאָרגן, טאָמער קומסטו אָן אַ צעטל — וועט זיין דיין טויט...

דער הויכער שמעון איז דערביי געשטאַנען, אַ קוק געגעבן אויף אַלעקן און פריריק זיך צעלאַכט:

— נו, מאָרגן וועט מען נאָך זען. שמעון שאַפּיראָ לעבט נאָך מאָרגן אויך. אַלעק קען שמועגען בעסער ווי דו, בחורל. שמועגען טרויט מען אָן אַ צעטל אויך... אפשר ניין, אַלעק?

אַלעק האָט גאָרנישט געזאָגט, נאָר יענעם אָפּגעמאָסטן מיט אַ גיפטיקן בליק. ביידע האָבן שטילגעשוויגן. עס האָט אויסגעזען ווי אָט־אָט וואַרפן זיי זיך איינער אויפן צווייטן. דער הויכער שמעון האָט זיך אָבער דער ערשטער צעלאַכט:

— נאָר׳דו! איצט ווען דאָס יינגל האָט שוין זיין פּאָרציע — איז זיך אוודאי נישט כּדאַי צו קריגן. מיר קענען עס אפשר אָפּלייגן אויף מאָרגן, האָ? אַ גוטן טאָג!

מעבעלע האָט זיך געלאָזט גיין צו זיין באַראַק, אָבער דער הויכער שמעון האָט אים נאָכגעשפּריזט מיט זיינע גרויסע שטיוול־טריט:

— דו, ווו אַרבעטסטו? מעבעלע האָט זיך נאָך אַלץ געשראָקן פאַר יענעמס צעקנייטשטן, ביינערדיקן אויסזען. עס האָט פון אים אויך געווייעט אַזאַ מאָדנער, שטיקנדיקער ריח, ווי פון געברענטע מתים. ער האָט אָבער אין אים איצט געזען זיינס אַ נייעם פּאַרטיידיקער. פון יענעמס בגדים איז געווען צו דערקענען, אַז ער איז נישט פון דער מאַכט אין לאַגער, נאָר ער אַרבעט ערגעץ־וואו. ער קען העכסטנס געהערן צו די „שטאַרקע“, מיט וועלכע מען מוז זיך רעכענען. דער הויכער דערפרייט זיך, ווען ער הערט מעבעלעס ענטפער:

— אַזוי!? אַרבעטסט דאָ אויפן הויף, אין לאַגער? און מ י ד קענסטו גאָרנישט? אַ שיינע מעשה, כ'לעבן! ביסט יענער שלימזל, זעט אויס. נאָר גאָרנישט: פאַרנאַכט, אַז דו וועסט האָבן צייט — זאָלסטו זיך פרעגן אויפן הויכן שמעון. אַלע וועלן דיר ווייזן ווו איך בין. טאָמער קומסטו — וועלן מיר אַ שמועס טון... וועסט געדענקען?

ער האָט פון זיין אונטערשטער קעשענע אַרויסגעשלעפּט אַ גרויס שטיק ברויט און מעבעלען אַריינגערוקט אין האַנט:

— דאָס וועט דיר צונוץ קומען!

איידער מעבעלע האָט נאָך באַוויזן עפּעס אַרויסצוזאָגן, האָט שוין יענער ווילד געשפּריזט פאָראויס און פאַרשוווּנדן הינטער די באַראַקן. מעבעלע האָט זיך עפּעס געשעמט דערמיט, וואָס ער האַלט אין האַנט אַ שטיק ברויט. גלייכצייטיק איז ביי אים געבליבן אַזאַ מין נייגער, מיט יענעם זיך ווידער צו טרעפן. ניין, ער וועט נישט נעמען ביי אים גאָרנישט, קיין ברעקל נישט. ער האָט אים נאָר וואָס צו פרעגן. ער קען אים נאָך נישט און האָט שוין פאַר אים אַ באַרג מיט שאלות. פון יענעמס בלויזן פּנים האָט ער זיי אַראָפּגעלייענט. ווען קען ער אים כאַפּן אויף אַ שמועס?

## III

אין ווערק צע זענען פֿאַראַן פֿאַרשידענע וועלטן וואָס געהערן זיך נישט אָן איינע מיט דער אַנדערער. יעדער גרופּע, יעדער האַלע איז אָפּגעשלאָסן פֿאַר זיך. קומט אַ מענטש און ווערט אין איר אײַנגעשלאָסן — באַקומט ער דאָרט פֿרײַנט, היימישע, מיט וועלכע ער קען רעדן אַ וואָרט און זײַן איינער פֿון זיי. גייט ער איבער אין אַ צווייטער גרופּע, ווערן יענע, די פֿריערדיקע, ווידער מיט אים פֿרעמד — אַזוי ווי קיינמאָל גאָרנישט.

אויסער דעם קליינעם קרייז פֿון די היימישע און אַרבעטס־חברים איז אַלץ דאָ אַ פֿרעמדע און אַפֿילו בייז־פֿײַנטלעכע אַטמאָספֿער פֿאַרן גרויסעם ווערק־צעניק.

עס זענען אויך פֿאַראַן פּאָליציי־לײַט אָדער סתּם רײַכערע וואָס גיבן זיך מיט איינעם אַ פֿאַראינטערעסיר, שטיצן אים אונטער און ווײַזן אים אַרויס וואַרעמקייט. דאָס קומט אָבער גיכער ווי אַ געפֿיל צו עפּעס נײַעס, צו אַ פֿריש־אָנבאַגעגנטער זאַך. ווען עס גייט אָבער אַוועק עטלעכע טעג, אַ וואָך — פֿאַרלירט ער פֿאַר זיי דעם אינטערעס. זיי זוכן זיך אויס אַ פֿרישע נײַעס, פֿאַרגעסנדיק אין דעם, צו וועלכן זיי האָבן זיך ערשט נעכטן אַזוי וואַרעם באַצויגן.

דאָס האָט זיך מיט מעכעלען שוין עטלעכע מאָל געטראָפֿן אין פֿאַבריק. עס האָט זיך מיט אים אינטערעסירט אַמאָל אַ גרופּע, אַמאָל אַ יחיד — אָבער ער איז באַלד געוואָרן אַ באַקאַנט פּנים, אַן אײַנגעבאַקנס. בפֿרט נאָך ווען ער קען זיך מער נישט טרעפֿן מיט אַלע — און זוכן וועט אים קיינער נישט קומען. דער טומל, די שטענדיקע שרעק מיטן מיש־מאַש ווישן אָפּ אונטער אים אַלע קאַנטשאַפּטס־שפּורן.

אויפֿן לאַגער־הויף האָט ער זיך אַרומגעדרייט צווישן בלויזן ליאַרם פֿון די מאַכטהאָבער און באַפֿעלער. זײַן פֿרײַנט וואַרטמאַן איז געווען אַרײַנגעטון אין זײַנע פֿונקציעס. אַמאָל האָט ער זיך דערמאַנט אין מעכעלען, געברענגט אים אַ שטיקל ברויט, אַ קוק געטון, ווי אַזוי די אַרבעט גייט בײַ אים — און אַוועק ווײַטער. נאָר מעכעלע האָט זיך נאָכדעם גע־

פילט נאָך מער דערשלאָגן. ס'האָט אים געקרענקט די אייגענע הילפלאָזי־
קייט, דאָס וואָס ער מוז נעמען, נאָר נעמען!

אמת, אזעלכע צופעליק־באַגעגנטע מענטשן, געוואָרענע פריינט, האָבן
אים געהאָלפן דעראָבערן פאַרן לעבן א טאָג נאָך א טאָג. זיי זענען געקומען
מיט זייער קורצן אינטערעס און שפּעטער געלאָזן זייער אָרט פאַר אנדערע.
דערווייל אָבער האָט ער אויסגעמיטן דעם גורל פון א סך זיינע האַלע־
חברים, וואָס זענען שוין אוועק יענעם וועג, מיט וועלכן עס ענדיקט זיך
אַלץ. ער קען עס אָבער נישט כסדר. אויב ער וויל לעבן — מוז ער זוכן
עצות. ווי אזוי? די אַלע מענטשן וואָס שטראָמען פאַרביי אָן א פּנים און
אָן א נאָמען, וועלן עס אים נישט זאָגן. אפשר לעבן זיי אליין און ווייסן
נישט פאַרוואָס און ווי אזוי. דערפאַר וועקט עס אין אים א באַרג מחשבות,
ווען איינער פון דער גאַנצער מחנה טיילט זיך פּלוצים אויס, שטעלט זיך
נעבן אים אוועק און טענהט און פרעגט... מען דערזעט אים פּלוצים און ער
פאַרנעמט די גאַנצע מחשבה.

פאַר מעכעלען איז איצט אויפגעשווומען דאָס געשטאַלט פון הויכן
שמעון שאַפּירא. אים דאַרף ער אויסזוכן, פרעגן ביי אים: ווי אזוי קען מען
דאָ איבערטראָגן די וויטערדיקע טעג? וואָס איז דאָ צו טון?

פאַרנאַכט, ווען דער טומלדיקער פרידלאַנד קומט אין באַראַק אריין,
דערציילט אים מעכעלע:

— כ'האָב היינט געטראָפן איינעם, שמעון... א הויכער אזא... ווייסטו
נישט, וואָס איז דאָס פאַר א פּאַרשוין?

פרידלאַנד קען שוין אַלעמען אין לאַגער. אַלע מענטשן טיילט ער דאָ
אין צוויי קאַטעגאָריעס. אזעלכע, וואָס זענען „לייזעס", אוממעכטיקע לאַ־
יוצלחס, פון וועלכע מען קען גאָרנישט האָבן. זיי — איז אָן עבירה צו שענ־
קען א וואָרט. אביסל דאַרף מען זיי העלפן, אויב מען קען. מען דאַרף זיין
מענטשלעך, אָבער איינטענהן מיט זיי — איז נישטאָ וואָס. קיין האַלבע
מינוט לעבן קענען זיי דיר נישט פאַרלענגערן, וואָס זשע טויג עס?

דערפאַר איז פאַראַן א צווייטע קאַטעגאָריע. די, וואָס קענען דיר העלפן
מיט עפּעס — אויב זיי ווילן. מיט זיי דאַרף מען לעבן בשלום. מען דאַרף
זיך דרייען אַרום זיי, זען צו כאַפּן מיט זיי א וואָרט און מיט אַלע ווענן

אזוי־נאָענט ווערן צו זיי, אַז זיי זאָלן דיך קענען, געדענקען, האַלטן פון דיר... זיי קענען זיין אויסוואורפן — און דו קענסט זיך בלייבן ביי דיין אָרנטלעכקייט. אָבער ד אָ טאָרסטו דעם חשבון נישט מאַכן. פאַראַן אַ פראַגע פון לעבן. מיטן בלייבן ביי דיין צדקות וועסטו קיין איין טאָג לענ־גער נישט קענען ציען. זיי אָבער קענען עס יאָ מאַכן — מוזטו פאַר זיי האָבן דרך־ארץ, חנפענען... דו מוזט קענען אַרויסרייסן ביי זיי וואָס מער און שפּעטער מעגסטו צוריקגיין אין דיין ווינקל, זיין וואָס דו ביסט און זיך ערשט ווידער באַווייזן פאַר זיי, ווען דו וועסט עס באַדאַרפן...

דאָס איז פרידלאַנדס לעבנס־פילאָזאָפיע אין ווערק צע. און מען קען נישט זאָגן; ער אַליין האָט זי טריי אָפּגעהיטן. ער האָט זיך אַזוי לאַנג גע־דרייט נעבן דעם פּאָליציי־קאָמאַנדאַנט, ביז ער האָט באַקומען אַזאַ לייכטע אַרבעט, ווי רייניקן אַ פּאָר גאַסן פון דער פאַבריק. ביז צו דער דאָזיקער דערגרייכונג האָט ער געמוזט דערציילן אַ היפּש ביסל געפעפערטע וויצן די גויאישע אויפזעער און קאָמענדאַנטן. ווען ער האָט שוין געהאַלטן דעם בעזעם אין דער האַנט, האָט ער זיך בלויז געבויגן גאַלאַנט פאַר יעדן איי־נעם פון זיי און פאַרטיק. ער האָט געוווסט, אַז צופיל זיך רייבן אַרום זיי איז אויך „נישט געזונט". אַרויסבאַקומען דיינס — האַלט זשע די מאָס!

דערליידיקט מיט דער אַרבעט — האָט ער געזוכט דאָס ווייטערדיקע: עסן! יעדן ווערק־שוץ און פּאָליציאַנט האָט ער מיט עלעגאַנטער חניפה באַ־גריסט. מיט חוצפהדיקער דרייסטקייט האָט ער זיך געשאַרט צו זיי און אַרויסגעוויזן דינסט־גרייטקייט. ער איז געקראָכן צו די זעלנער אין די וואַך־שטובן. און אַ מאָדנע זאַך: אים האָט קיינער נישט אָפּגעטריבן. די ערגסטע באַנדיטן האָט ער איינגענומען מיט אַ שמייכל און אַ מעשהלע פון אַמאָליקע גוטע צייטן. אין די וואַך־שטובן האָט ער געראַמט, געפּוצט — ביז זיי האָבן אים צוגעוואָרפן, וואָס זיי האָבן שוין נישט באַדאַרפט: אַ קאַלטע קאַרטאָפל, אַ שטיקל דאַר ברויט, אַ ציגאַרעטל... אַלץ איז געווען אַ קרן. זיי האָבן אים אַפילו געלאָזט זיך גראַבלען אין די מיסט־קאַסטנס זייערע און דאָרט אויסזוכן גאַנצע אוצרות און חפצים, וועלכע ער האָט יעדן טאָג אַריינגעשטופּט אין זיין טאָרבע אַריין. דאָרט האָט זיך שטענ־דיק געפונען: אַן אָפּגעבראָכענער לעפל, וועלכן מען קען נאָך אויספּוצן און

פאַרקויפן אַ שלימזל; אַ בלעכענע פּושקע פון קאָנסערוון, אַ מעשענער קנאָפּ און אַ שטיקל זעלנעריש שטאָף צו לייגן אַ לאַטע. מיט די אַלע זאַכן האָט מען אין ווערק צע געקענט פאַרלייגן אַ היפּשן מסחר און פרידלאַנד האָט נאָך זיין פּאַך פון אַ קאָמי־וואָיאַזשאָר נישט איינגאַנצן פאַרגעסן. יעדעם פּיצל פון זיינע צאַלרייכע מציאות האָט ער באַוויזן אויסצובייטן און פאַר־קויפן, באַשיטנדיק דערביי דעם קונה מיט אַ גאַנצן מבול רייד:

מיט זיין אַלטן סוחר־חוש האָט ער פון דער ערשטער מינוט אָן זיך אויסקאָמבינירט זיין עסן. אונטערן שטרוי פון זיין בעטל איז געווען אַ גאַנצער אַלטוואַרג־מאַגאַזין, דאָס האָט זיך שנעל אומגעוואַנדלט ביי אים אין געלט. האָט ער זיך אַרומגעדרייט אַ צופרידענער.

ער איז אָבער נישט געוואָרן ווילד און פאַרחיהשט. זייענדיק ווינצי־קער פילבאַר און מענטשלעכער ווי אַנדערע, האָט אים דאָך זיין סיטואַציע — וואָס האָט נישט אויפגעפרעסן דעם מענטשלעכן ניצוץ אין אים, פון ערשטן מאָמענט אָן — דערלויבט צו האָבן מיטגעפיל און אפילו צו קענען קלערן, ווי אזוי עמעצן צו העלפן. עס איז אפשר נישט געווען אַזויפיל צו־ליב מענטשלעכן געפיל, ווי די געוווינשאַפט פון פרידלאַנדן, פון יענער צייט אָן, ווען ער איז געווען סוחר, אַריינצודרינגען אין יענעמס עסקים; שלעכטע צי גוטע, פריידן צי ליידן... עס איז שוין געוואָרן זיין נאַטור צו וועלן וויסן וואָס טוט זיך ביי יענעם. זיין איינגעבוירענער אינטערעס צו יענעמס עסקים האָבן אויך אין ווערק צע זיך אויסגעווירקט. ווען ער האָט זיך אינטערעסירט און געקענט די אַלע מענטשן, האָט אים שוין טיילמאָל אינספּירירט זיי מיטצוהעלפן אָדער, אַלנפאַלס, אַרויסצווייזן זיין אינטע־רעס דערצו. בפרט ווען דאָס האָט געגעבן די געלעגנהייט צו האַווען און אַרומלויפן.

ווען ער האָט געהערט פון מעכעלען דעם נאָמען פון הויכן שמעון, האָבן זיך זיינע אויגן באַזונדערס צעגלאַנצט:

— דו קענסט אים? ווען דו ווייסט וויפל דער מענטש האָט צו פרעסן! פון בעסטן און שענסטן...

מיט זיינע התפעלות האָט פרידלאַנד געוואָלט אונטערשטרייכן מעכע־לען יענעמס חשיבות; אַז ער געהערט צו די, מיט וועלכע מען דאַרף ווערן

נענטער באקאנט, אומבאדינגט. אזעלכע באגעגענישן דארף מען זוכן. פאר יענעם האבן אלע מורא. ער קען זיך דערלויבן צו עפענען א מויל אין לא־גער. ער איז אמאל געווען דער גאנצער באלעבאס אין „זיבעטל". אמת, די קאמאנדאנטין האט אים משלח געווען צו שווערער ארבעט, וועלנדיק אים באשטראפן פאר עפעס א חטא. אבער, גראד זיין ארבעט האט אים צוזא־מענגעפירט מיט פארשידענע מענטשן אין פאבריק. עס קענען אים א סך מייסטערס, דערצו האט ער א גרויס מויל — שרעקן זיי זיך פאר אים. אין דער קאשע וועט ער זיך נישט לאזן שפייען. דערביי האט ער דארטן בא־וויזן זיין פלינקייט צו געשעפטן. אין דער פאבריק האט ער פארשטאנען, ווי אזוי זיך ארומצודרייען און פארדינען געלט אויף אלערליי אופנים — רעכנט מען זיך מיט אים... דערביי איז ער א ייד מיט א גוט הארץ — נישט איינעם אין לאגער האט ער שוין א טובה געטון. זאל עס מעכעלע וויסן!

אין דרויסן איז נאך געווען ליכטיק. פרידלאנדן האט עס נישט גע־לאזט איינרוען. מיט זיין טעמפעראמענט האט ער ליב געהאט יעדן איינ־פאל באלד אויסצופרווון אויף דער הייסער מינוט. ער האט זיך דערפאר אויף אמאל צעקאכט פון די אייגענע רייד:

— און איך וועל דיר זאגן, מעכעלע, אז דו ביסט א שלימזל, א פערד! האסטו געהערט א מעשה: א מענטש באקענט זיך מיט שמעון שאפירא, מ י ט ש מ ע ו ן ש א פ י ר א! און ער פארשטייט נישט וואס ער האט צו טון... דו וועסט דא גיין א גאנג גלייך ווי אלע און טאקע בקרוב. דו, זע איך, האסט נישט קיין שכל אומצוגיין מיט מענטשן. קום מיט מיר — וועלן מיר אים אויסזוכן, אבער שוין, איצט! קענסט נישט וויסן ווען און ווי אזוי דו וועסט דארפן צו אים אנקומען. איז א שאד יעדן טאג, יע־דע מינוט... קום!

ער האט מעכעלען ארויסגעשלעפט פון באראק, געצויגן אים א שטיקל וועג און דערנאך זיך געלאזט ווייטער. מעכעלע האט קוים געזען וווהין ער שפרייזט. באלד האט ער ווידער אויפגעטויכט צווישן די אונטערשטע בא־ראקן, דארט וו עס וווינען די קאמאנדאנטן און די פראטעקציאנירטע פון לאגער, און מיט א האנט גערופן מעכעלען אין איילעניש:

— קום שנעלער, ער וואַרט דאָך אויף דיר!

און מעכעלע האָט אַ צעטומלטער זיך געלאָזט נענטער, כאָטש ער האָט נישט געוווּסט אויף קלאָר, וואָס אייגנטלעך ער דאַרף היינט רעדן מיט דעם מאָדנעם ייד.

IV

דער קאָמאַנדאַנטן־באַראַק שטייט נישט ווייט פון די דראָטן. אין די ערשטע באַראַקן אַרום דעם פּאָליציי־צענטער וווינען די מענטשן, וואָס געפינען זיך שוין אַ לענגערע צייט אין לאַגער. צווישן די באַראַקן און די דראָטן געפינט זיך אַ פריי שטיקל פּלאַץ מיטביימער און ביי זיי צופוסנס שפּראָצט אַביסל דאַר, פאַרגעלט גראָז, אויף וועלכן די מענטשן צעשפּרייטן זיך יעדן פאַרנאַכט.

ווען מעכעלע איז אַהין צוגעקומען, האָט ער פאַר זיך געזען אַזאַ מין בילד:

אונטער די ביימער זענען געלעגן אויסגעשפּרייט שמוציקע וואַטע־דעקן. אויף זיי זענען געלעגן צוזאַמענגעדריקט אַ כאַפּטע ווייבער מיט מע־נער פון די אַרומיקע באַראַקן. זיי האָבן הויך גערעדט צווישן זיך, געטומלט, געשריגן און מאָדנע פאַרשייט געלאַכט.

נעבן טייל אַזעלכע מענטשן־קופּקעלעך זענען געשטאַנען אָוועקגע־שטעלט, אויף די דעקן, גרויסע טעפּ מיט אייגן אָפּגעקאָכט עסן. פון די טעפּ האָט זיך געטראָגן אַ געדיכטע פּאַרע, וואָס האָט זיך געקרייזלט אין דער לופט און פאַרשטעלט זייערע פּנימער פון דער ווייטנס. אַרום יעדן טאָפּ זענען געווען אָנגעקליבן אַ גאַנץ קרייזל מענטשן, וואָס האָבן גיריק געשלעפּט פון דאָרט דאָס עסן, מיט לאַנגע הילצערנע לעפל, צובייסנדיק דערביי מיט גרויסע שטיקער ברויט.

אין מיטן פון אַזאַ גרופּע איז געזעסן עמעצער, וואָס האָט מיט זיין הייזעריקער שטים קאָמאַנדעוועט איבער אַלעמען. דאָס האָט ער מסתמא אַכטונג געגעבן, אַז עס זאָל נישט ווער אַרויסציען קיין לעפל מיט עסן, ווו עס זאָל זיין מער און געדיכטערס פאַרן צווייטן. דאָס זענען, ווייזט אויס, שותפים, וואָס האָבן זיך צוזאַמענגעלייגט און אָפּגעקאָכט אַזאַ ריזיקן טאָפּ

מיט עסן. איצט זיצן זיי צוזאַמען און האָבן הנאה פון דער וועלט. יעדן לעפל ציט מען אַרויס און מען עסט זיך בנעימותלעך, באַלעקנדיק זיך מיט יעדן טראָפּן באַזונדער. זיי זיצן אָנגעלענט אין א בוים אָדער איינער אי־נעם צווייטן און קיינער שטעקט נישט פריער אַריין דעם לעפל אין טאָפּ, ביז דער מיטלסטער גיט נישט די קאָמאַנדע... צוקומענדיק נענטער, האָט מעכעלע דערקענט דאָס קול פון דעם וואָס קאָמאַנדעוועט איבער איינער פון די גרופּן; דאָס איז געווען דער הויכער שמעון. ער איז געזעסן צווישן פרויען. אים צופוסנס איז געשטאַנען א גאַר־גרויסער, אייזערנער טאָפּ און די אַרומיקע האָבן אים געקוקט אין מויל אַריין, וואָס ער וועט זאָגן. שמעון איז געווען פריילעך. ער האָט זיך נישט אַזוי געאײַלט צו דער אכילה. יע־דעם מאָל האָט ער א גלעט געגעבן איינער פון די פרויען, דאַן א צווייטער. אַט האָט ער איינע אַרומגעכאַפּט און גענומען קושן, דאַן האָט ער זי אָפּ־געשטויסן פון זיך, ליבלעך א קנופּ געטון א צווייטער און איר צוגעווונקען מיט די שוואַרצע, עטוואָס־קאָסאָקע אייגעלעך:

— דו האָסט היינט גוט געקאָכט. מ׳זעט אַז דו ביסט א בריה. עס פאַרשמעקט שוין אין דער נאָז. עס פעלט נאָר אביסל צוויבל, מאָרגן וועל איך ברענגען מער...

די פרויען האָבן זיך אָנגעקוקט בייז און אייפערזיכטיק. שמעון האָט דערביי שטיל אונטערגעלאַכט, אַז מען האָט אַזש אַרויסגעזען פון מויל זיינע גרויסע אונטערגעפוילטע ציין; ביי זיין זייט איז געזעסן א שיין, בלאָנד יינגל, וואָס האָט זיך אביסל פאַרטמט און אַריבערגעקוקט איבער די ווייבערס קעפּ, צו יענער זייט וועלט, ווו א צעגליטע, מיט פלאַמען־אָנגע־גאָסענע זון, האָט זיך געזוכט א באַהעלטעניש פאַר דער נאַכט. שמעון האָט זיך פלוצים אין עפּעס דערמאַנט און א שטורך געטון דאָס יינגל מיט זיין עלנבויגן:

— ווי מיינסטו, כאַצקעלע, ביסט שוין הונגעריק?

דאָס יינגל האָט אויף אים א גלאָץ געטון מיט די אויגן:

— ווייס איך?

אָבער שמעון האָט נישט קיין צייט געהאַט אויסצוהערן דעם יינגלס

פארטראכטע תשובה. אין צווישן האָט ער עפּעס דערזען און זיך צעביי־זערט אויף די ווייבער:

— וואָס האָט איר זיך אַזוי נאָענט אַרומגעזעצט!? ער קען דאָך אפילו נישט דערלאַנגען צום טאָפּ! מנע, אָן ענגעניש אויף זיי... שוין זאָלט איר מיר זיך צערוקן!

די פרויען האָבן זיך גענומען דערשראָקן צוזאַמענדריקן און געמאַכט אַ אָרט פאַר כאַצקעלען. איינע, אַ שווארצחנעוודיקע, מיט אַ גאָלדן ציינדל, וואָס האָט אַרויסגעשמייכלט פון מויל, האָט אפילו זיך גענר־מען בעטן:

— קום, כאַצקעניו, וועסט זיך זעצן נעבן מיר...

שמעון האָט אויסגעשטרעקט די האַנט און איר געטון אַ לייכטן, ליבלעכן פּלעסק איבערן פּנים:

— מיר וועסטו עס נישט זאָגן, האַ? און ווו בין איך, טאַכטערניו, וואָס?

דאָס ווייבל האָט זיך גערויטלט:

— וואָס רעדט איר, ר׳ שמעון? איר האָט געזאָגט און געשריגן: כאַצ־קעלע און כאַצקעלע! האָב איך נאָר געזאָגט...

שמעון האָט זי אָבער נישט געלאָזט ענדיקן. ער האָט זיך אַ פּאַטש געטון איבער דער פארשמאַלצעוועטער קני און אַ ברום געטון:

— נו, זאָל שוין זיין גענוג. אויף באַלעבאַטשען האָבן מיר גענוג צייט. איצט דאַרף מען זיך נעמען טון, וואָס מען דאַרף. נו, כאַצקעלע, פאַר אַרויס דער ערשטער. אָבער, נשים, ס׳זאָל מיר נישט זיין דאָ קיין כאַפּע־ניש. עסן — דאַרף מען ווי מענטשן... איר האָט פאַרשטאַנען?

ס׳איז שטיל געוואָרן, ווי פאַר אַ פייערלעכער עבודה. שמעון האָט זיך שוין אַריבערגעבויגן צום טאָפּ. אַלע אַרומיקע ווייבער האָבן שוין גע־האַלטן גרייט די הילצערנע לעפל און נישט־אַראָפּגענומען די אויגן פון דעם זודיקן מאכל. דאָ אָבער האָט ער אויפגעהויבן נישט־ווילנדיק די אויגן און דערזען מעבעלען שטיין אין דער זייט, אַ שטילן און פאַרלוירענעם.

שמעון האָט פאַר התפּעלות אַ כאַפּ געטון די שכנותדיקע פרוי ביי אַ האַנט און איר אַ ריס געטון:

— אַט איז ער דאָך גאָר דאָ, דאָס לעמעכל! וואָס שטייסטו אין דער זייט, שוטה! קום צו נענטער! ווייבער, מאַכט אַ פּלאַץ! נו, נו, ס'איז נישט געפערלעך — ער וועט האָבן אָרט. אַז ווער האָט אייך געהייסן ווערן דיק פון שמעונס קעסט, איך אפשר? ס'וועט שוין גוט זיין. און דו, בטלן איי־נער, קוק ווי אַלע טוען! וואַרט נישט ביז וואַנען מ'וועט דיך אַדורכלאָזן, גאָר שפּרייז אַריבער איבער דער חברהס קעפּ און קום צו נענטער, נעבן באַצקעלען! נישקשה, ס'וועט סטייען אויך פאַר דיר.

מעכעלע האָט זיך אַרומגעקוקט. ביי אַלע גרופּן אַרום איז געווען אַ שטאַרקע באַוועגונג. טייל זענען געלעגן אויסגעצויגן און די אַנדערע האָבן איבער זיי אַריבערגעשפּרייזט אַהין און אַהער. מעכעלע האָט פּאָרזיכטיק אַריינגעשטעקט אַ פּוס אין געזעמל אַריין, דערנאָך אַ צווייטן. ער האָט זיך געשפּירט אַריינגעדריקט צווישן לייבער און רויט געוואָרן. שמעון האָט אים דערמוטיקט:

— נו־נו, ווייטער, ס'וועט קיינעם נישט שאַטן. האָסט נישט קיין לעפל? ווייבער, אַ לעפל פאַר דעם יינגלטשינע! אַזוי, זעץ זיך צוזאַמען מיט אַלע און מאַך, ווי רש"י האָט געהייסן: ויאכלו, נעם אין מויל אַריין...

פון אַ ווינקל איז אויסגעוואַקסן פרידלאַנד און נישט פרעגנדיק ביי קיינעם, אַריינגעדריקט זיך אינמיטן אַריין. ער איז געבליבן הענגען האַלב־זיצנדיק צווישן צוויי פרויען און מיט אַ היימישן טאָן זיך איינגעקויפּט ביי שמעונען:

— אַ גוטן אָוונט אייך! איר פּראַוועט דאָ, זע איך, אַ סעודה כדת וכדין. זאָגט זשע מיר, ר' שמעון, איז דאָס שוין אייער גאַנצער האַרעם, קיין עין־הרע?

שמעון האָט זיך ברייט צעלאַכט:

— ניין. עס פעלן מיר נאָך עטלעכע. כ'דאַרף די טעג צוקאָמפּלעטירן. און איר, זייט מוחל און שאַפט אייך אַליין אַ לעפל. כ'זע, אַז ס'וועט היינט זיין היימלעך.

פרידלאַנד האָט שוין געהאַט גרייט זיין לעפל, וואָס ער האָט נאָך פריער אַרויסגעשלעפּט פון טאַש. ער האָט דערפאַר בלויז צוגעגעבן:

— מיך איינלאַדן דאַרפט איר נישט. כ'קען עס אַליין באַוויזן. איך וויל נאָר פרעגן איינס: אויף וואָס וואַרט מען, האַ?

שמעון האָט גאָרנישט געענטפערט נאָר אַריינגעלאָזט זיין לעפל אין טאָפּ און אַ שעפּ געטון. באַלד האָבן אַלע לעפל — אַליין געמאַכט מיט דער האַנט פון שטיקער האָלץ — זיך אַ לאָז געטון אין דעם ריזיקן טאָפּ אַריין. זיי האָבן זיך דאָרט צוזאַמענגעשטויסן, אַנגעשלאָגן זיך איינער אינעם צווייטן און באַלד ווידער זיך אָפּגעטיילט, בכדי צו שעפּן יעדער באַזונדער. עפּעס אַ ווייבל האָט זיך נישט געקענט איינהאַלטן און זיך גענומען קלאָגן אויף דער שכנה:

— אַז זי לאָזט מיך גאָרנישט אַרויסנעמען! זי גיסט מיר אויס דעם לעפל, נאָך פאַרן נעמען אין מויל...

שמעונס שפּיציקע אויגן האָבן זי אַ וואָרן געטון: נו!!! און זי האָט אָפּגעהאַקט אין מיטן. זענען אַלע אַריינגעזונקען געוואָרן אין עסן אַריין. אַלע קעפּ האָבן זיך צוגעבויגן נענטער, נענטער... אַזוי ווי ס'וואָלט דאָ ווער צוזאַמענגעפלאָכטן אַ קיילעכדיקן קראַנץ פון מענטשלעכע קעפּ. מע־בעלע האָט אַראָפּגעלאָזט די הענט, בכדי נישט צו דאַרפן מיט זיי אַדורכ־שלאָגן זיך אַ וועג צום טאָפּ.

פון דער ווייטנס האָט די זון זיך רויט צעגליט, ווי אַ שטאַרץ וואָס מען האָט נאָר־וואָס אַוועקגענומען פון פייער. ס'האָט אָנגעהויבן צו בלאָזן אַ ווינטל. די מענטשן האָבן זיך אָבער דערשוויצט פון דער קאָכעדיקער זופּ און נאָר געשפּירט דעם איילנדיקן ברי אויף די ליפּן. דער טאָפּ איז שנעל ליידיק געוואָרן. די אויגן האָבן נאָך אַ ווייל געזוכט אויף זיין בוידעם און באַלד אַראָפּגעלאָזט די הענט מיט רעזיגנאַציע. שמעון האָט צופרידן אַ זיפצל געטון און זיך אַ ווענד געטון צו מעבעלען:

— דו האָסט מיר, מן־הסתם וואָס צו זאָגן. וואַרט. מ'עט באַלד אַ שמועסל טון. נאָר געלערנט אַמאָל, זע איך, האָסטו נ י ש ט. ווען יאָ — וואָלסטו געוווּסט פאַרוואָס עס שטייט אין דער גמרא: חטוף ואכול... איי, בחור, בחור...

און צו די ווייבער האָט ער אַ זאָג געטון:

— נו, ווייבעלעך מיינע, איר זעט דאָך אַז כ'בין איצט פאַרנומען.

מאכט לאנגע פיס! דו, ביילקע, וועסט דאָ צוּוואַרטן. כ'וועל נאָר אַ שמועס טון מיט דעם בחורעץ און דאַן וועל איך צוריקקומען.

ער האָט אַ שפּרייז געטון מיט זיינע לאַנגע פיס איבער די וויי־בערם קעפ און אַ רוף געטון מעבעלען:

— קום אביסל צווישן די ביימער. מיט די ווייבער דאַרף מען האָבן משותּלחם יאָרן, צו קענען קומען מיט זיי צו אַ טאָלק.

מעבעלע האָט קוים געקענט אַרויסציען זיינע ביינער פון דער ענג־שאַפט אַרויס.

# קאַפּיטל ניינצן

## I

אַ מאָדנע ייד געווען, דער שמעון שאַפּירא. קליינערהייט האָט ער געלערנט אין בית־המדרש, אַפילו געקענט אַריינקריכן אין אַ שטיקל אגדה און אויך זיך געכאַפּט צו אַ בלעטל גמרא. זיין גרויסער, שווערער גוף מיט די אייזערנע הענט, האָבן אים אָבער געצויגן צו עפּעס אַ שטאַר־קער אַרבעט, ביי וועלכער די כוחות זאָלן האָבן אַ געלעגנהייט זיך אַ צעשפּיל צו טון.

ער ווייסט שוין איצט אַליין נישט ווי אַזוי עס איז געקומען דערצו, וואָס ער איז געוואָרן אַ קצב — נאָר ס'האָט זיך שוין אַזוי געמאַכט. ער האָט זיך צוגעפּונען אַ זיווג — אַ גבורהדיקע ווייבס־פּאַרשוין — זענען געקומען אויף דער וועלט יונגען, גבורים. צוזאַמען מיט זיי האָט ער צעהאַקט די געשאָכטענע בהמות, געטראָגן האַלבע אָקסן אויף די פּליי־צעס און נישט געלאָזט די אייגענע כוחות איינשלאָפן. געווען אַ צייט, ווען דער מסחר איז גרויס געווען און מ'האָט געמוזט אָוועקשיקן מיט דער וויסל גאַנצע טאָנען פלייש — האָט ער דאָס אַליין, מיט די יונגען זיינע, אָוועקגעטראָגן פון געוועלב ביז צו די שיפלעך. ס'איז ביי אים גע־ווען אַ פאַרגעניגן אַזאַ.

פארשטייט זיך, אז ביי אזא מלאכה האט מען געטרונקען, אי האט מען געכוסהט! טאקע גלייך פון פלאש. און אונטערוועגנס, ווען די מסחרים האבן פארשלעפט ווייס איך ווו דארט — האט מען אויך געטון פארשידנס... דער אין הימל קען זיין אן עדות, וואס עס הייסט גראָבע, קצבישע בלוטן, ווען זיי צעיאכמערן זיך גאנצע טעג ביי גרויסע, אקסע־נע זייטן... אז מען קומט אין די דערפער, מ'דינגט ביי גויים גאנצע פאר־טיעם בהמות און מען נעכטיקט, זומער־צייט אויף שמעקעדיקע סטויגן היי, וואס קיצלען און צינדן אן... דערפער מיט פויערטעס, אייזערנע, נכפהדיקע...

נאר ש ב ת האט ער געטראגן א קאפאטע און אפילו א סא־מעטן, יידיש היטל. נאכן עסן האט ער זיך געלאזט אין בית־המדרש, גע־לאפן צו א מגיד, צום רבין און הנאה געהאט פון א גוט ווארט, א ספר... עפעס א קלייניקייט: גירסא דינקותא! ער האט נישט אריינגעקלערט צופיל. פשוט: ס'איז ביי אים געווען א פארגעניגן, אפשר בעסער פון אלע תענוגים זיינע. ער קען נאך ביז היינט נישט דערמעסטן, וואס איז אזוינס גרעסער: די הנאה פון גוף אדער פון דער נשמה?

זיין גרויסער גוף האט זיך אפטמאל געווארפן פון פארגעניגן, ווען ער האט געהערט א שארפן דרשן. האט ער אים טאקע אזוי שנעל נישט אפגעלאזט. דאס וואס ער האט „געזאגט" אין בית־המדרש — איז א באַ־זונדער זאך. פאר א י ם איז עס געווען ווי אלע צו־ווייניק. מען דארף אויך פון אזא זאך וויסן ווי אזוי הנאה צו האבן. ער האט אים דערנאך אוועקגענומען צו זיך, אים מכבד געווען, מיט וואס גאט האט נאר דערלויבט. דערנאך, ווען אזא מגיד איז שוין געווען זאט און אויפ־געלייגט — האט ער, שמעון, גוט אויסגעפאטשט איין בנ'אק זיינעם, דעם צווייטן — זיי זאלן זיין שטיל ווי די פיש און דרך־ארץ האבן. ערשט דאן האט ער א בעט געטון:

— זאגט עפעס, ר' דרשן...

און יענער האט געשיט, געשיט מיט תורות און גלייכווערטלעך. ער איז דערביי געזעסן און געהערט, געשלונגען יעדעס ווארט. אמאל האט ער צוריקגעצאלט מיט א קליינער תורה־מטבע, וואס האט זיך ביי אים

אין מוח פאַרוואַלגערט פון די קינדער־יאָרן, אַזוי אַז דער מגיד האָט גע־שטויינט: אָווא! אַ קצב גאָר! שוין איינמאָל אַ קצב! דער עיקר אָבער האָט ער געגאַשט פון יענעם, פונקט ווי מען פאַקט אַזאַ קוואַל פון פאַר־געניגנס, וואָס וועט באַלד נישט זיין און מען טאָר זיך נישט גאַפּיען דערביי, נישט פאַרלירן די צייט אויף נאַרישקייטן.

זאָל ער אים גלייבן, מעבעלע: ער ווייסט נישט ווי אַנדערע, נאָר ווען ער זאָל קומען אויף יענער וועלט און מ'וואָלט אים געגאַנגען באַ־צאָלן פאַר זיינע מינוטן פון תורה־לערנען, ווייסט ער נישט, צי עס וואָלט געווען ריכטיק. דאָס איז פשוט ביי אים געווען ע ו ל ם ־ ה ז ה ... אַז ער, אַ קצב וואָס האַקט מיט דער האַק גרויסע שטיקער ריפּ, טליקעט זיך אַרום אין די דערפער אַזויפיל און... נו, נישט קיין אונטערשיד איצט! מ'איז געגוג פאַרגרעבט געוואָרן! יאָ, ר'האָט טאַקע געפּרעסן ד י וועלט מיט אַלע באַק־ציינער, אָבער שפּעטער האָט דאָס האַרץ אַביסל געטאַמלט... היינט זאָל זיך מעבעלע פאַרשטעלן אַ שבת, ווען ער האָט געגעבן אַ צי אַרויף אויף זיך די זיידענע קאַפּאָטע, דאָס סאַמע־טענע היטל... אַן איבערגעביטענער איז ער דאָך געוואָרן! אַזוי ווי ער האָט זיך נאָר אָוועקגעזעצט — זענען געקומען צופליען שטיקער גמרא, פּסוקים, מאמרים... זיי טייטשן זיך אָפּ ווי פון זיך אַליין, בייגן זיך אַזוי קונציק אויס, אַז זיי קריכן אַליין אין האַרץ אַריין און דערפרייען, גלעטן אוים די פּסולתן פון דער וואָך, די גראָבקייטן אַז... ווי זאָל ער זאָגן? גאָרנישט: אַ נחת, אַ פאַרגעניגן וואָס לאָזט זיך גאָרנישט איבערגעבן! פאַרוואָס־זשע קומט נאָך דערפאַר צו באַצאָלן מיט לויתן? נישט דאָס איז געווען געמיינט.

אפילו די בנים זיינע האָבן ביי אים געמוזט לערנען אַביסל. דעם עלטסטן האָט ער שוין געהאַלטן ביים חתונה מאַכן. ווי מעבעלע קוקט אים אָן, איז ער שוין נישט קיין יונגערמאַנטשיק... נאָר ווער האָט עס דען אויף אים דערקענט? יאָ, האָט ער אויך דעם זון אָנגעזאָגט:

— ביי מיר וועסטו זיך פירן לייטיש. שבת איז אַ טאָג זעסטו, ווען מיט ב ה מ ו ת איז עס א ו י ס. אַ מענטש האָט אויך אַ נשמה און זי — דאַרף אַ ספר... עס איז גאָרנישט צו מאַכן. זי וועט עס

ביי דיר מאַנען יעדעם מאָל. פונקט ווי דו קענסט נישט עסן קיין שטרוי נאָר אַן אכילה שיש בה ממש — אַזוי קענסטו די נשמה נישט פּטרן מיט קיי און שפּיי... זי דאַרף האָבן עפּעס אַזוינס, דורך וועלכן זי זאָל זיך דערשפּירן. אין דיר מוז עפּעס אַריינ־קומען, נישט גלאַט כאַפּ־לאַפּ... וועסט פון קיין גוטס אַנדערש נישט וויסן... אַט אַזוי האָט ער זיך געמאַכט דעם פּלאַן, ווי אַזוי די קינדער צו מאַכן פאַר מענטשן און אַליין אויך צו ענדיקן די פּאָר יאָר, ווי גאָט האָט באַשערט... עס זאָגט זיך נאָר: די פּאָר יאָר!... אַז ער האָט זיך נאָך געפּילט ביי די כוחות — אויף אַלע יונגע מענטשן געזאָגט געוואָרן!

נאָר אַ ייד טראַכט דאָך וואָס עס וועט זיין — רעדט זיך נאָר אַזוי...

## II

מילא, אַ מענטש טראַכט און גאָט לאַכט. אי, וואָלטן ביי זיינע קינ־דער געווען יידישע הייזער! צו גאָט און צו לייט... דעם רבונו של עולם האָט עס זיכער נישט באַדאַרפט צו אַרן. ווייסט ער? ער האָט געוואָלט טון דאָס, וואָס זיין שכל האָט מחייב געווען. נאָר גיי, באַווייז עפּעס אַז — מלחמה!!

דאָס ווייב? די קינדער? נו, גלייך ווי אַלע יידן... געווען און — נישטאָ... די גאַנצע משפּחה האָט עס אַ כאַפּ געטון און שוין — אמרו לאלהים! אוים מיט די קלערעניש און פּלענער! אַז ווי איז צום מענטשס אויסרעכענען אויף מאָרגן.

וואָלט ער געווען געזאָגט: הנשמה לך והגוף שלך. נישטאָ די גאַנצע וועלט מיט יידן — ווער זשע דאַרף עס האָבן שמעון שאַפּיראָ? זאָל זיך דוכטן, אַז די זיבעציק יאָר האָבן זיך שוין געענדיקט. וואָסי, ער האָט שענער געדרשנט ווי אַנדערע? ער האָט נאָך אַפילו געקלערט — מיין טויט און זייערער! אַ האַק איז דאָ, דייטשן פעלן אויך נישט — איז אַזוי: געכאַפּט אַ דייטש און פּטור! געענדיקט מיטן לעבן און זאָלן זיי טון נאָכדעם, ווי עס ווילט זיך זיי... האָט זיך אָבער דעם ברוד־דערס אַ יינגל, כאַצקעלע, באַהאַלטן אין אַ קעלער און אויפן צווייטן טאָג אים אָפּגעזוכט:

— פעטער, כ׳בין הונגעריק...

טאָ גיי, מאַך עפּעס. אַ שװועלבעלע נאָך — װועמען האָט ער דען אויסער אים? טאַקע דאָס ייִנגל האָט אים געבונדן די הענט.

איז ער געלאָפן. אַ גאַנצע מגילה מיט לויפעניש: דאָרף, װואַלד, פעלד, געטאָ... ס׳איז דען אויסצודערציילן? דער עיקר: ער איז דאָ, אין װוערק צע, געװוען פון די ערשטע. ער מיט כאַצקעלען. אַ ייִד אַ גבר, איז ער געבליבן ביז דער לעצטער רגע, האָט ער אַזוי געזאָגט צום ייִנגל:

— נישטאָ. גאָרנישט איז נישטאָ מער. נישטאָ קיין טאַטע, נישטאָ קיין מאַמע, אוים ברודער און אוים שװועסטער... נישט געװוען! אַ פאַר־בריק בלויז איז דאָ און — אַרבעט! ער, דאָרט אין דער הויך, װויל אַזוי. קענסט אים דען זאָגן אַז נישט? פאַרפאַלן. ביסטו מיין זון און איך — דיין טאַטע, דיין מאַמע, דיין ניאַנקע... אַזוי איז עס געװוען פון אייביק אָן. מיר װועלן אַזוי עס מאַכן: ס׳הייבט זיך אָן אַ װועלט פונדאַסגיי. האָסט פאַרשטאַנען?

און דאָ האָט ער זיך צעפירט די הענט פונדאַסניי. אַ מין צו־להכעיס איז עס ביי אים געװוען. כאַטש װועמען ער האָט דערמיט געװואָלט אָפּטון — פרעגנטס אים בחרם...

גראָד זענען עס געװוען „יענע" טעג. אַ טיפוס האָט אַרומגעכאַפּט דעם לאַגער. די מענטשן האָבן זיך געקורטשעט אין דרייען אויף די פּריטשן און ס׳איז נישט געװוען װוער ס׳זאָל זיי איבערטראָגן אין „זי־בעטל" אַריין. ער האָט אָבער פאַר קיין טיפוס מער קיין מורא נישט געהאַט. האָט ער גענומען צו צװויי אויף אַמאָל, איינעם אויף דער האַנט און דעם אַנדערן אויף דער צװוייטער און — היידאַ, װוי קליינע קינדער. זאָלן כאָטש אַנדערע, אין באַראַק זיך נישט אָנשטעקן.

זי, די ייִדישע „מלכּטע" פון לאַגער, האָט עס באַמערקט און זי האָט געפּסקנט:

— דו בלייבסט סאַניטאַר ביי די קראַנקע...

און די קראַנקע האָבן צו אים געקלעפּט, װוי קינדער אין סכּנה — צו אַ גבורהדיקן טאַטן. יאָ, מ׳האָט זיי כמעט יעדן טאָג אַרויסגענומען צום שיסן. ער איז דאָך נישט מער װוי אַ מענטש! װואָס האָט ער געקענט

טון קענן די דייטשן? ווען ער האָט נאָר געקענט, האָט ער זיי געטראָגן אויפן בוידעם, זיי אַרונטערגערוקט אונטער די באַראַקן און נישט איינעם געראַטעוועט דאָס לעבן אויף אַ פּאָר טעג... נאָר ז י אַליין איז גע־קומען און געוואָרנט:

— שמעון, היט זיך די ביינער... אַלעמאָל פּעלט. צו דער צאָל...

נאָר ער האָט געשפּיגן דערויף: צאָל — שמאָל! אַזויפיל האָט ער און טוט אים עפּעס! געגנוג האָט אים געפּלאַצט דאָס האַרץ, ווען די חברה האָט אים געהייסן און ער האָט געמוזט אויף די אייגענע פּלייצעס אַרויס־טראָגן די קראַנקע צום דייטשן אויטאָ, וואָס איז געשטאַנען און גע־וואַרט... וואָס איז דאָ פאַראַן אַ סך צו דערציילן? ווען ער האָט זיי גע־טראָגן אויף די הענט און די מלאכי־חבלה זענען געשטאַנען אין אַ זייט, האָבן נאָך טייל געהאַלטן אין איין קרעכצן, בעטן זיך:

— ר׳ שמעון! איי־וויי, ר׳ שמעון ווו טראָגט איר עס מיך? זיי וועלן דאָך דערשיסן!

איינער, אַ רב פון אַ קליין שטעטל ביי דער ווייסל, האָט אפילו געדענקט:

— מילא, ווידוי וועל איך נאָך אָפּזאָגן אויפן וועג, אָבער ק ד י ש! יאָרצייט? געוואַלד, ר׳ שמעון! — — —

וואָס פרעגט ער, מעבעלע? לעבער האָט עס געמאַכט אין האַרץ. די נשמה האָט עס אים אויפגעפרעסן. משוגע געמאַכט...

אמת, ערשט נישט לאַנג איז אים דאָס גאַנצע לעבן נישט ניחא גע־ווען. אין דער הייסער מינוט פון בלייבן אַליין פון דער משפּחה וואָלט ער צופרידן געווען, ווען מען קומט און מ׳דערשיסט אים. נאָר — אַ מענטש? ס׳ווייסט דען עמעץ וואָס אַ מענטש איז אַזעלכעס? אַ טאָג, צוויי — קען ער גרייט זיין, אונטער אַ שרעקלעכן איינדרוק, אַוועקצו־וואַרפן דאָס גאַנצע לעבן ווי אַ אומווירדיק שפּילצייג... ווייבאַלד אָבער עס איז נישט געשען ת י כ ף, אויף דער הייסער מינוט, געווינט ער זיך צוריק דערצו און באַקומט עס ווידער ליב... ער וועט ווידער קעמפן דערפאַר, כאָטש עס איז נישט ווערט קיין פעטרישקע. יאָ, יאָ, אַזוי זאָגט שמעון שאַפּירא און מען מעג אים גלויבן! איז עס ביי אים געוואָרן אַ

נאַטירלעכע זאַך. ער האָט יענע אויף די אייגענע הענט אַרויסגעטראָגן צום טויט — ווייל ער האָט געוואָלט באַצאָלן מיט אַ ז אַ אַרבעט פאַר זיין רעכט צו לעבן.

ער האָט זיי אַפילו אין די לעצטע מינוטן זייערע אויסגעהערט, באַרואיקט, איינגערעדט פאַרשידנס... וואָס הייסט איינגערעדט? ער האָט זיי דען געזאָגט אַ ליגן? וואָס איז דען פאַר זיי דאָס לעבן דאָ? איז דאָס בעסטע: אַ יי ן מינוט און — אָפּגעטאַנצט! אַ גרויסע זאַך זעסטו, אויף וואָס ס'איז דאָ צו קלאָגן!

נאָר איינס האָט ער יאָ געטון:

יעדן קראַנקן, אַזוי ווי ער איז נאָר אַריינגעקומען אין זיבעטל אַריין, האָט ער פאַרשריבן דעם נאָמען. פון וואַנעט אַ ייד קומט, אפשר האָט ער געהאַט אַ ווייב, קינדער... אַ גאַנץ בוך שוין געהאַט מיט פאַרשרייבעכצער. דערנאָך האָט ער צוגעשריבן דעם טאָג, ווען מען האָט וועמען פון זיי „צוגענומען". זאָל בלייבן אַ יאָרצייט. נאָך יעדער סעלעקציע האָט ער צוזאַמענגענומען אַ מנין יידן און מ'האָט קדיש געזאָגט. בשעת מעשה האָט ער אין זינען געהאַט ד ע ם און י ע נ ע ם... דעם געשריבענעם בוך — ס'זאָל בלייבן בסוד — האָט ער נאָך דאָ, באַגראָבן ערגעץ. ס'איז שוין ביי אים אַן עקשנות אַזאַ — טאָמער בלייבט מען אַמאָל לעבן. כאָטש עס זענען געווען צווישן זיי אַזעלכע יידן, וואָס האָבן ז יי ן קדיש זיכער נישט געדאַרפט. זיי וועלן זיך שוין ד אָ ר ט זייער וועג אַדורכגיין אָן שמעון שאַפּיראָס מנין און דעם „יתגדל ויתקדש" פון דער עדה אין ווערק צע... נאָר, אַז מ'איז ביי אַ ז אַ עבודה — זוכט מען זיך אַליין לייכטער צו מאַכן. ניכער האָט ער געוואָלט דעם קדיש זאָגן פאַר דעם שמעון פון אַמאָל, וואָס איז ביי יעדער סעלעקציע אָפּגעשטאָרבן פונדאָסניי... אויך די זעלבע מעשה מיט דעם פנקס. ווען ער נעמט נאָך היינט און בלעטערט איבער די דאַטעס, לייענט איבער די נעמען — קומט אים אַלץ קאַפּויער ביז דער מינדסטער רגע...

פאַרוואָס ער איז אַוועק פון דאָרט אַרבעטן אין פאַבריק? ווידער אַ גאַנצע געשיכטע. אין דער אמתן לויבט ער דעם אין הימל פאַר יעדער רגע, וואָס ער איז נישט דאָרט. נאָר ער איז נישט אַוועק פון דאָרט.

מ׳האָט אים אַרויסגעטריבן מיט קלעפּ, דערביי איז ער שיעור נישט דער־שאָסן געוואָרן... ז י האָט געשטעקט דערין און ז יי אויך, די צוויי לצים פון דער סאַניטאַרקע. אָט וועט מעבעלע באַלד הערן. קיין איין וואָרט שקר איז אין דעם נישטאָ, ווי ער זעט אים אַ ייד. אַ שטיק ווערס צע איז די געשיכטע. ס׳איז דען נישט היינט דאָס זעלבע?

III

אָנגעהויבן האָט זיך עס פּשוט. מענטשן זענען קראַנק געוואָרן באַלד די ערשטע צייטן, ווי זיי זענען נאָר געקומען. יעדער האָט נאָך געהאַט אַביסל חפצים, לייטישע מלבושים און געלט. ווען מ׳האָט זיי געשלעפּט אין זיבעטל, האָבן זיי, טויט־קראַנקע אין היץ, נישט פאַרגעסן די זאַכן מיטצונעמען מיט זיך. טייל האָבן געהאַט גליק און אָפּגעשטאָרבן ד אָ, ווי מ ע נ ט ש ן. געווען אַלערליי טויטן. אַנדערע — מיט געשריי, מיט ליאַרם, מיט אויסשרייען פון זיך דאָס לעצטע וואָרט... און אַנדערע ווייטער זענען געלעגן שטיל און געוואַרט ביז די קראַנקייט וועט זיי ברענגען דעם טויט — פּונקט ווי מען ברענגט זיי דעם לעפל זופּ און מען קען אים נישט בעטן פריער, איידער דעם סאַניטאַר פאַלט נישט איין אים צו דערלאַנגען.

יאָ, ער האָט זיך באמת זיי צו דערלאַנגען אַביסל וואַסער, אויפ־זעצן איינעם, ווען עס האָט זיך געדוכט אַז דערמיט וועט אים בעסער ווערן. ער האָט אַרויסגעטראָגן די אומריינקייטן, וויפל ס׳איז מעגלעך געווען. וואָס נאָך איז ער דען ביכולת געווען? האָט געטראָפן אַז אַזאַ קראַנקער האָט אים שטיל אַ רוף געטון:

— ר׳ שמעון, זייט אַזוי גוט... קומט צו נענטער...

איז ער צוגעגאַנגען, דער קראַנקער איז געלעגן פאַרטראַכט. די היץ האָט אים שוין געהאַט אַדורכגעברענט דעם בליק און, מסתמא, אויך דעם געדאַנק. און אָנגעהויבן רעדן האָט ער, ווי נישט צו דער זאַך:

— איז טאַקע אַלץ פאַרפאַלן, אַ? מ׳עט שטאַרבן, ר׳ שמעון, וואָס? אָדער זיי... וועלן דערשיסן... ניין זיי וועלן גיכער דערשיסן! צום שטאַרבן קען נאָך געדויערן, ווי זאָגט איר?

וואס קען מען זאגן אזא ייד? האט ער געשוויגן. דער ייד אבער האט יא געהאט וואס צו זאגן. ס'איז נאר געווען אזא מין ארײנקריכן אין די אייגענע רייד אריין. די קראנקע זענען געלעגן קעפ אויף קעפ, האט זיך יענער דערפאר געבעטן, אז שמעון זאל זיך צו אים אראפבייגן גאר נאענט, ביז צו די ליפן:

— ר' שמעון... איך האב עפעס אייגנענייט אין ארבל, אין לינקן ארבל... זייט אזוי גוט און נעמט עס ארויס... ווי לאנג כ'וועל אנציען — קויפט מיר עפעס, מיט וואס צו דערקוויקן דאס הארץ און שפעטער... ניין, די רעשט זאל זיין פאר אייך...

עטלעכע אזוינע פאלן זענען געווען. מילא, האט ער ארויסגענומען. געקויפט האט ער, וואס נאר מעגלעך. אבער — אזא סוד האט נאר אויס־געגעבן ממש א בר-מינן, וואס האט שוין נישט געהאט וואס איינצו־שטעלן... געווען דארט שטיקלעך גאלד, בריליאנטלעך, געלט... און ער האט עס געמאכט אזוי, אז קיין ילוד אשה האט נישט געוווסט דערפון. דארף עס דען ארײנפאלן צו די רוצחים? וויפל זענען געווען אזעלכע, וואס האבן נישט אויסגעזאגט און אוועק פארשמאכטע אין קבר אריין און זייער אפגעהיטענע ווערט-זאך האט זיי באגלייט אין קבר, אדער ס'איז אוועק אויף שנאפס אין א שטאטישער שענק?

נאר מענטשן האבן צינגער ווי לאפעטעס, גרייטע יעדן ארויסצו־דערלאנגען היים געבעקס. געווען אזעלכע חולאים, וואס פאליציי האט געוווסט, אז זיי האבן עפעס. ווען זיי זענען געשטארבן, האבן מיילער גענומען גאווערן:

— זיי האבן ביי זיך געהאט א פארמעגן! אוצרות! ווער זשע האט עס געירשנט?

איז אלעמאל ארײנגעקומען אן אנדער פאליציאנט און גענומען שטיל פארשן ביי די קראנקע: ווער? וואס? ווען? און ק נ א ה איז אויך ביי קראנקע אין זיבעטל פאראן. ווער עס האט שמעונען געגעבן געלט — דעם האט ער באוויזן צו קויפן א טראפן מילך, א טעפעלע גע־קאכטע רייז, זיסע טיי אדער גאר א געקאכטן עפל... און די אנדערע?

גאַרנישט. זיי זענען געלעגן און געטריקנט. די זופּ פון לאַגער האָבן זיי נישט געקענט פאַרדייען. נו, האָט זיך עס געענדיקט, אַזוי ווי ס'האָט גע־מוזט זיך ענדיקן... דערפאַר, ווען די פּאָליציי האָט גענומען נאָכפאָרשן, האָבן טייל זיך פאַרקלאָגט:

— אַנדערע ברענגט ער און טראָגט צו פון כל־טוב, דער שמעון, נאָר אונדז לאָזט ער אויסגיין... אַמאָל בלויז ברענגט ער אַביסל קאַלט וואַסער. פאַרוואָס איז ער צו יענע אַזוי גוט? אָט האָט ער יענעם, ביים עק, נעכטן געברענגט אַן אָראַנזש — אַזאַ גאָלדענע און פולע... ס'האָט אַזש פאַר־שמעקט די גאַנצע געסרחע!...

מער האָבן זיי נישט באַדאַרפט. אין אַ ווינקל, צווישן מיסט האָט מען געפונען שפּורן פון אַ סך גוטע זאַכן. האָט מען אים געשלעפּט צו „איר". אויפן אויג האָט מען אים שוין לאַנג געהאַט — איז איצט געקומען די צייט. פון אַלע זייטן האָבן זיך גענומען שיטן קלעפּ מיט געשרייען:

— אַזוי? פרעסטו גאָר דאָס שענסטע און בעסטע?! ווי קומט עס צו דיר, אין ווערק צע? האָסט אפשר דיר עס מיטגעברענגט פון פּלאַצק, וואָס?

און געשלאָגן האָבן זיי! איי, די קלעפּ, וואָס זיי האָבן דערלאַנגט! היינט ז י י אַליין? ווי אַ שלאַנג האָט זי זיך איינגעביסן אין אים מיט די אויגאַנעס און יעדעס וואָרט אירס — באַגלייט מיט שניטן פון איר נאַגייע — איז געווען אויסגערעכנט ווי אַ שפּיז אין האַרץ אריין:

— שימעק גנב! דאָס גאָלד מיט די בריליאַנטן זאָלן מיר שוין זיין אויפן טיש! מ'האָט דיר געגעבן אַ לייכטע אַרבעט און דו האָסט זי אויס־גענוצט צו מאַכן פאַרמעגנס. אַ גליק האָט דיך געטראָפן וואָס דו האָסט צו טון מיט שטאַרבנדיקע, ווערסטו זייער יורש, וואָס? ביי מיר אָבער וועסטו פאַרפוילט ווערן. מען וועט דיר צום ערשט אָפּהאַקן די לונגען און דאַן ערשט וועסטו אַריבערגעשיקט ווערן צו דיינע פּאַציענטן... וועסט זען: מאָרגן גייסטו איבער צו די ווערקשויז אין די הענט אריין...

נאָר זיי האָבן גראָד געטראָפן אויף שמעון שאַפּירא! דאָס, וואָס מ'האָט באַדאַרפט — האָט זיין באַצקעלע שוין לאַנג ערגעצווו פאַר־שטעקט. און אים קענען זיי האַקן וויפל דאָס האַרץ גלוסט... האָט מען אים

גענומען צו די אוקראינער. אלע האבן געקלאפט, שטיקער געריסן. מעכעלע זעט? דאס גאנצע מויל ציין, איז דאן „הלך לעולמו” — אויסגעהאקט! געבליבן זענען א פאר שווארצע פניאקעס, ווי א זכר לחורבן — ווי אונטערגעהאקטע, געציילטע שטאמען נאך א ריזיקן וואלד.

נאר ער איז געבליבן לעבן. דער פסק איז געווען א קורצער: ער ווערט געשיקט ארבעטן אין פאבריק, ביי די שווערע קעסלען, וואס גיבן היץ דער גאנצער פאבריק. א גאנצע נאכט דארף ער שטיין מיט נאך א שותף און שלעפן שטיינקוילן, ארייננשליידערן אין מעכטיקן פיסק פון פאבריקס־אויוון און פארטיק.

מער האבן זיי, די לצים פון דער קאמאנדאנטור, נישט באדארפט. די אנדערע צוויי סאניטארן, אלעק און מלכל, זענען געווען גאנצע איינגייער צו „איר” און מיט זיי האט זי געקענט אפמאכן וואס זי וויל נאר. איצט קענען זיי זיך באברען ביי די קראנקע, אויסזוכן וואס איינער פארמאגט נאר און צונעמען. מען גיט אויך אכטונג ביי וועמען עס האט זיך נאך דערהאלטן א גאלדענער צאן אין מויל. זיי וועלן שוין זען, אז יענער זאל וואס פריער צוענדיקן זיינע פאר טעג, אבער דאס שטיקל גילדענע צודעק פון זיין צאן זאל בלייבן פאר זייערטוועגן... דאס גייט אויף שותפות פאר דער גאנצער געזעלשאפט.

אים, שמעונען, האט מען אנגעזאגט: מילא, דאס וואס ער האט פריער ארייננגעכאפט — איז פארפאלן. נאר אויף ווייטער — זאל ער זיין שטום און טויב. ער ווייסט נישט פון גאר...

שווייגט ער. נאר אמאל מוז ער זיך אראפרעדן פון הארץ. ער דערקענט שוין פאר וועמען ער מעג עס טון. און וויסן — ווייסט ער א סך... איי, ווייסט ער! וואס דא טוט זיך אפ! ער וועט שוין ווייזן מעכעלען וואס דא טוט זיך אפ אזעלכעס... השם ישמרנו!

## IV

אין א ווינקל פון דער פאבריק שטייט א גרויסע, איינגעשווארצטע געביידע. דארט שטייען גרויסע, שווארצע קעסלען מיט אפענע, פייערדיקע מיילער אין וועלכע מען מוז טאג און נאכט ארייננשליידערן גאנצע בערג מיט שווארצע קוילן. אין די מעכטיקע קעסלען ווערט גיהנומדיק

היים און די היץ ווערט אריינגעטריבן אין די אייזערנע אָדערן, וואָס זע-נען אָנגעצויגן איבער אַלע ווענט פון דער פאַבריק.

זומערצייט, ווען די לופט גליט סיי־ווי, איז נישט מעגלעך דאָרט אויסצושטיין אַ גאַנצן טאָג ביי דער אַרבעט. די אַרבעטער שטייען ביי די קעסלען מיט נאַקעט־צוגעברענטע קערפּערס און לאָזן די דיקע שוויס־טראָפּנס קאָכן זיך און שרפהן די לייבער, בעת זיי שליידערן, אָן אויפ־הער, די גרויסע שופלס קוילן אין צעפלאַקערטן גיהנום אַריין. דערפאַר אָבער איז עס איינער פון די בעסטע אַרבעטס־פּלעצער אין ווערק צע, צוליב ווינטער... אַך, ווי גוט עס איז צו שפּירן אויפן לייב דאָס הייסע גלעטן פון די נאָענטע פלאַמען! עס לויפן איבער דיר הייסע ריטשקעלעך שוויים, בעת אין פינצטערן דרויסן ווערן מענטש און בוים איינגעקלאַ־מערט אין די ווייסע אָרעמס פון אייזיקן שטייף...

דאָ אהער האָט מען שמעונען געברענגט. עס האָבן דאָ שוין געאַר־בעט פון פריער דריי פּאָליאַקן. איצט איז ער צוגעקומען און זיינס אַ לאַנדסמאַן — אַ דיקער, פעסטער בחור מיט אַ סך פעטס אויפן רוקן, אויך אַ קצב. אויך כאַצקעלען האָט ער נישט געוואָלט אָפּלאָזן פון זיך און אים מיטגעשלעפּט אהער.

די ערשטע טעג האָט ער געמיינט, אַז די אַרבעט וועט אים אויפ־פרעסן. אָבער די עקשנות — צו באַווייזן אַז א י ם טוט מען גאָרנישט אָפּ — האָט אים געשטויסן צו וואַרפן גאַנצע עמערס קוילן אָן אויפהער מיט דער פאַרביסנקייט פון אַ הפקר־מענטש, וואָס האָט שוין מער נישט פאַרוואָס צו שוינען זיינע כוחות.

האָבן די פּאָליאַקן גענומען אים אָנקוקן מיט פאַרוואונדערונג:

— סימאָן, דו אַרבעטסט עפּעס... נו, ווי וואָלסט גאָר קיין ייד נישט געווען!

איז געשלאָסן געוואָרן אַ מין שותפות צווישן דער יידישער און פּוי־לישער גרופּקע אין דער קעסלעריי. זיי האָבן אָנגעהויבן ברענגען ברויט־לעך, גרויפּן און פאַרשידענע אַנדערע פּראָדוקטן צו דער אַרבעט. שמעון, כאַצקעלע און דער גראָבער לאַנדסמאַן האָבן שוין געוווסט ווי אַזוי עס צו פאַרשמעקן, אַרומוויקלען אַרום דעם קערפּער און אַריינשמוגלען אין

לאגער. די קעסל־אָפּטײלונג איז געשטאַנען נישט ווײט פֿון די דראָטן. האָבן די פּויערים גענומען אַריבערוואַרפֿן פֿאַרשידענע זאַכן און דער פלינקער כאַצקעלע האָט עס אויפֿגעכאַפּט, קײנער זאָל נישט זען, און עס געבראַנגט דעם פעטער. אינעווײניק האָט שוין ווער אויפֿגעמאַנט דאָס געלט דערפֿאַר. עס איז אַוועק אַ האַנדל מיט גרעסערע פֿאַרדינסטן. ווינטער איז סתם געווען אַ פֿאַרגעניגן. בײנאַכט האָט מען זיך צוגעאײלט און געשלעפּט די ווענגלעך קוילן ווי די רוחות, שנעל אָנגעשטאָפּט די מײלער פֿון די קעסלען און דערנאָך האָט מען זיך אַוועקגעזעצט בײ די קעסלען, זיך געוואַרעמט און זיך דערצײלט מעשׂהס פֿון פּויערישן טויזנט און אײן נאַכט. אין אַ זײט פֿון פֿײער האָט מען צוגעשטעלט אַ טאָפּ קאַרטאָפֿל אין די מונדירן און זײ דערנאָך געשלונגען הײסערהײט, באַשיט מיטן זאַלץ, וואָס די גויים האָבן געבראַנגט. דאָס זענען געווען די בעסטע מינוטן אין אַ נאַכט־שיכט, וועלכע אַ ווערק־צעניק קען איבערלעבן. אין דרויסן האָט די נאַכט געגלאָצט מיט אירע שוואַרצע, צוזאַמענגעגאָסענע אויגן, פֿול מיט בײזער פֿאַרפֿרוירנקײט און דאָ איז אַזוי מילד־הײס, ס'איז פֿאַראַן מיט וואָס דאָס האַרץ צו דערכאַפּן און אַ מסחרל האָט זיך שוין אויך געמאַכט... וואָס זשע דאַרף דען מער אַ זינדיק מענטשל!? איז טאַקע גוט געווען. אײ, די שווערע אַרבעט? זאָל קײן ערגערס נישט געשען! ער האָט נאָר געציטערט, אַז ז י זאָל זיך נישט דערמאַנען אין אים. זי האָט אַמאָל געוואָרפֿן אַ וואָרט וועגן שיס־פּלאַץ און בײ איר גײט גאָרנישט פֿאַרלוירן. אַמאָל דוכט זיך אַז זי האָט שוין פֿאַרגעסן, אָבער אין אַ פּאָר חדשים אַרום זעט מען אַז זי געדענקט... אײ, געדענקט זי!

און ס'האָט זיך טאַקע אָנגעהויבן. אײנמאָל האָבן אים די ווערק־שוצן געכאַפּט מיט 5 לאַבנס ברויט. ער האָט זײ געהאַט גוט פֿאַרשטעקט, צוויי — איבער די שיך, ווו די הויזן לאָזן זיך אַראָפּ; צוויי האָט ער צו־געבונדן צום געזעס און אײנעם האָט ער פֿאַרשטעקט אין בוזעם. נאָר זײ האָבן דאָס מאָל דערקענט. זי איז באַלד אויסגעוואַקסן דאַנעבן:

— שמעון, געדענקסט? כ'האָב אײנמאָל געוואָרנט... מאַך, מאַך געשעפֿטן! נאָר דערבײ גרײט זיך בײצײטנס צו אין וועג אַרײן...

מען האָט אים געגעבן קלעפּ, אײנמאָל און נאָכאַמאָל, בדיל־הדל גע־

מאכט, נאָר ער האָט ווייטער געשמוגלט. עס איז אים אפילו געלונגען אי־בערצוקויפן עטלעכע אוקראַינער ביי די דראָטן און מיט זיי געהאַנדלט. קיין גליקן זענען נישט געווען — אָבער די גאַנצע צייט האָט ער געהאַט צו עסן וויפל ער האָט געוואָלט; זאָט געווען צווישן אַזויפיל הונגעריקע. נאָר דאָס האַרצקלאַפּעניש יעדן טאָג, ווייסט נאָר איין גאָט אין הימל. די קאָמאַנדאַנטין האָט אים באַקעמפט, געשלאָגן, אונטערגעשטעלט וואַכ־לייט... נאָר ער האָט צוריקגעגעבן מיט דער זעלבער מטבע. דער מייסטער האָט געוואָרפן אַן אייזן אויף אים, אַז ער אַרבעט ווי אַ פערד און ער האָט אויך געשלאָסן קאָנטשאַפּט מיט נאָך עטלעכע דעה־זאָגער אין דער פאַ־בריק. האָט ער אַמאָל אַ וואָרן געטון:

— ווער עס וויל, קען האָבן אַ שלעכטע צונג. ער, שמעון, ווייסט אויך צו וועמען מען קען רעדן און וו אַ ס ער האָט צו דערציילן — ווער מען שוין זען שפּעטער... אַדרבא, אויב מלחמה מיט אים — האָט ער אויך מיט וואָס צו שיסן!

האָבן זיי מיט אים שלום געמאַכט. אַלעק מיט מלכן, די סאַניטאַרן, האָבן אים איינמאָל אָנגערופן אין אַ ווינקל און אַ פרעג געטון:

— דו, וואָס האָסטו צו אונדז? הייגט האָסטו בעסער פאַר אונדז. די מייסטערס האַלטן פון דיר, שטעלן זיך איין און לאָזן דיר גאָרנישט טון. מ׳קען נישט וויסן ווער ס׳וועט בעסער אויסשפּילן... איז גלייכער זאָלסט פאַרגעסן און נישט דברן, וואָס מען דאַרף נישט!

אין זייערע רייד האָט ער דערקענט, אַז זיי האָבן מורא פאַר אים. מ׳קען נישט וויסן, וואָס פאַר אַ צרות זיין גרוים מויל קען אָנמאַכן — ווילן זיי אים „אָפּכמען" מיט גוט־ברודערשאַפט... האָט ער געמאַכט אַ מינע פון אַ שטאַרקן, וואָס האָט מי־יודע וואָס פאַר אַ מאַכט און קאָנ־טאַקטן... זאָלן זיי טאַקע מיינען און די הויט זאָל כאָטש אויף זיי צי־טערן... דערנאָך איז זי געקומען און אים צוגעשמייכלט:

— שמעון, זאָל דיך אַ כאַלערע נעמען! ביסט אַ ממזר, נאָר אַז דו האָסט אַמאָל אַ גוטע זאַך: פליִיש, שנאַפּס אָדער נאַשוואַרג — ברענג מיר. כ׳וועל באַצאָלן גלייך ווי אַלע...

אָט אַזוי האָט ער געשלאָסן שלום מיט די לאַגער־מושלים. זיי מיינען

נאָך אַלץ, אַז ע ר ק ע ן אָפּטון עמעצן, אַז ער איז פון די שטאַרקע און זיי רעכענען זיך דערמיט, האַלטן אים פאַר אַ שטיק אייגענעם און ער האָט דערפאַר מנוחה. דעם יושרס קאָזאַק וויל ער מער נישט זיין. זאָלן זיי קומען אויף אַנדערע הענט. ער האָט עס גענוג.

נאָר דערנאָך זענען אונטערגעקומען קלענערע דאגות. אַז דער קאָפּ איז רויק — טראַכט מען מער. עס האָט געטראָפן אַז ביינאַכט האָט מען געכאַפּט אַ דרימל ביי דער אַרבעט — איז דער טאָג געוואָרן לאַנג און אויסגעצויגן. דרייט מען זיך אַרום, ס'איז לאַנגווייליק און עס בענקט זיך נאָך אַביסל עסן. האָט ער איין מאָל אָנגעכאַפּט דאָס ערשטע־בעסטע ווייבל פון דער נאַכט־שיכט, וואָס האָט זיך אַרומגעדרייט אויפן הויף:

— הער נאָר, דו! כ'האָב אַביסל קאַרטאָפּל, גרויפּן... אויב דו ווילסט — קענסטו עס אָפּקאָכן און מיר וועלן אַלע עסן. איך האָב אויך נישט קיין געדולד צו שיילן, פּייער צו מאַכן... ווילסט?

ביי יענער האָבן זיך די אויגן געקוילערט פון הונגער און אַז אַזאַ הונגעריקע הערט ווערטער, ווי: קאַרטאָפּל און גרויפּן — ווײַזשע קען זי נישט וועלן? צו אַ מיידל האָט ער עפּעס נישט געהאַט קיין דרייסטקייט דאָס צו זאָגן — נאָר אַזאַ איינע, אַן אָפּגעלאָזענע, אַ מידע... גוט! ער האָט אפילו צוזאַמענגעקראַצט אַביסל האָלץ, קוילן און יענע האָט אָפּגעקאָכט אַ טאָפּ עסן, וועלכן ער, דאָס יינגל און זי האָבן זיך אָוועקגעזעצט עסן אונטערן פרייען הימל. די ווייטערדיקע טעג האָט ער שוין געזאָרגט דערפאַר, עס זאָל זיין מער פּראָדוקטן: קנאָבל, ציבעלעס און אפילו אַ ברעקל פּוטער אָדער אַ ביין מיט אַ שטיקל פלייש. נו, האָט עס פאַרשמעקט דעם גאַנצן אַרום און עס האָבן זיך באַוויזן קנאָה־אויגן פון אַלע זייטן... מענטשן האָבן דאָס שפּייעכץ געשלונגען.

איז דערנאָך צוגעקומען אַן אַנדער ווייבעלע, אַ יונגע נאָך און אַ שעמעוודיקע:

— ר' שמעון... איך קען אויך קאָכן. איר'ט זען, וואָס איך קען מאַכן פאַר אַ מאכלים, אויב מ'גיט מיר נאָר פון וואָס...

האָט ער נישט געקענט פאַרשטיין:

— אין וואָס גייט עס דיר: דו זאָלסט אויך האָבן צו עסן אָדער יענע, וואָס האָט נעכטן געקאָכט זאָל נישט האָבן? זאָג...

דאָס ווייבעלע האָט גענומען שטאַמלען. אָבער ער האָט געמאַכט א סוף דערצו:

— הער, ווייסטו גאָר וואָס? איך קען ברענגען יעדן טאָג פּראָדוקטן, עס זאָל זיין אָפּצוקאָכן א גאַנץ־גרויסן טאָפּ מיט עסן. איז אַזוי: איינמאָל וועסטו אָפּקאָכן און איינמאָל   ז י. איר קענט עס אויך מאַכן צוזאַמען. איך האָב נישט קיין קאָפּ צו אייערע ווייבערישע קריגערייען. נאָר איין זאַך זאָג איך דיר: עסן וועלן אַלע...

אַזוי האָט זיך עס אָנגעהויבן. דערנאָך האָבן זיך אַלע טאָג צוגעקלעפּט צו אים אַנדערע; מיט רייד, געבעט, זיסלעכע שמייכלען וואָס זאָגן צו אַלצדינג אין דער וועלט און שוין־פאַרגעסענע קאָקעטעריע:

— ר' שמעון... פּאַניע שימאָן, איר וועט זען...

הכלל, עס האָט זיך אַזוי אָנגעקליבן א גאַנצער מנין. א גאַנצן האַרעם האָט ער אויפגעשטעלט מיט זיין פאַרעדיקן טאָפּ עסן יעדן פאַרנאַכט... נאָר גיי מאַך מיט ווייבער! רק זיי זענען אייפערזיכטיק, יענע גרייט אַלע ווייל זיך צו קריגן, פּאַטשן זיך... ס'איז אָבער גענוג, ער זאָל אויף זיי איין בליק טון — בלייבן זיי שטום ווי די פיש. ער אַליין דרייט זיך אום צווישן זיי ווי א באַפעלער. טיילמאָל ווייזט ער ארויס זיין חסד א י נ ע ר , אמאָל א צווייטער. מ'איז דאָך נאָר א מענטש!

ער וויל דאָ מער נישט ווויסן, אין ווערק צע, וואָס ס'איז א מצווה און וואָס — אַן עברה. זיין דאגה! זאָל מען שפּעטער שמייסן! ער האָט שוין פאַר גאָרנישט נישט קיין מורא. ער וויל זיך נאָר מער נישט קוועלן. אַז ער זעט א הונגעריקן — טוט אים ווי דאָס הארץ. ווייל ער נישט ליידן פון רחמנות — גייט עס אוים צו א שטיקל ברויט אָדער א לעפל געקעכץ און — פּטור! ער, שמעון, איז דערמיט גיכער מחיה זיך אַליין איידער יענעם... ווייטער גייט אים גאָרנישט אָן, זאָל ער וויסן, מעבעלע: ג אָ ר נ י ש ט !

## V

א מבול רייד האָט זיך אין יענעם אָוונט אַרויסגעריסן פון שמעונס מויל. עס איז געווען אַ מין געמיש; ציניזם און באַרימעריי. נאָך מער אָבער האָט פון אונטער זיינע רייד אַפּערגעשריגן אַ פאַרענטפערונג פאַר עפּעס, וואָס נאָר ער איינער זעט און שפּירט... ער זוכט מיט וואָס זיך אויסצוצאָלן פאַר זיין פּרימיטיוון געוויסן, וואָס האָט אַזויפיל כוח ווי ער און איז נאָך ביז איצט אין זיין געזונטן, גבורהדיקן גוף נישט אויסגע־גאַנגען...

פּונקט ווי ער דאַרף ווייטער עסן און הנאה האָבן פון לעבן, ווי אַזוי עס זאָל זיך נישט לאָזן, אַזוי מוז ער טון טובות מענטשן און באַפרידיקן דעם שאַרפן מאָנער אין אים, וואָס בייטשט אים אינעווייניק פאַר אָפּגע־טוענע זאַכן, מיט וועלכע ער שטיקט זיך דאָרט. אפשר דריקט נאָך אין אים עפּעס פון יענע צייטן, ווען ער איז געווען אין זיבעטן באַראַק און גע־האַט צו טון מיט מענטשן, צווישן לעבן און טויט? וואָס קען מען איצט וויסן? אָט דוכט זיך אַז ער דערציילט אַלץ פון יענע טעג, ער פאַרהוילט גאָרנישט נאָר פירט אויפן גלייכן וועג... אָבער באַלד גיט זיך זיין שטימע אַ פאַרהאַק און מען שפּירט, אַז דאָ האָט ער עפּעס אַריבערגעהיפּט אַ שטיק בלוטיקן טאָג, וואָס האָט מיט אים אַ שייכות געהאַט... ער שרעקט זיך, קענטלעך, פאַר אייניקע פּונקטן אין זיין לעבן פון ווערק צע, וואָס ער וויל זיי האַלטן וואָס ווייטער פון אויג און זכרון. דערפאַר טרייבט ער זיי מיטן נישט־גלייבן מער אין גאָרנישט. וויל ער לעבן רואיק און רייבט זיך נענטער אַרום דעם הערשער־באַראַק און חנפעט אַפילו די לאַגער־מושלים.

דאָס גיסט זיך אָבער גיך איבער אין זיין מוח און עס ווערט אים נמאס. זיין ציניזם ווערט פון אים געשליידערט דורך טויטע, נישט פון האַרץ־אַרויסגעריסענע רייד. אינעווייניק אין אים קען עס אָבער נישט אויסרויכערן יענץ געפיל, וואָס מאַטערט און פאַרלאַנגט שטילערהייט אַ חשבון. און שמעון דערהערט עס נאָך. ווערט ער אין יענע מינוטן ווילד. ער דרייט זיך אַרום „זיין" אַמאָליקן קראַנקן־באַראַק און לויערט פון אַ

ווינקל, ווי אַ חיה אויף פּאַרציקונג, אויפצוכאַפּן די מינדסטע עוולה, וואָס ער וועט דאָרט דערזען. אַלעק און מלכל, די צוויי סאַניטאַרן זענען זיינע בעסטע פריינט. ער כאַפּט מיט זיי אַ קערטל, מען שושקעט זיך וועגן פּאַרמעגנס, וואָס קראַנקע טראָגן אין מויל און אין די געדערים... אָבער אין אַזעלכע מינוטן פאַרגעסט ער דערפון. זעט ער נאָר עפּעס אַ קליינ־קייט, אַ שלעכטע באַהאַנדלונג, וואָס מען טוט עמעצן — שפּרינגט ער צו ווי אַ לעמפּערט מיט איבערגעגאָסענע אויגן, גרייט צו וואַרפן זיך אין גע־שלעג, צו בייסן גאָרגלען...

דער ראַפינירטער אַלעק אָדער דער בעסטיאַלער מענטשנקענער מלכל פאַרשטייען זיך שוין אויף אַזעלכע אויסברוכן. דינגען זיי זיך מיט אים אַ ווײַלע און גיבן נאָך. זיי ווייסן, אַז אין דער מינוט איז מיט שאַפּי־ראָן געפערלעך אָנצוהייבן. פאָלגן זיי אים. ער הייסט, למשל, מעבעלען אַריינגיסן דאָס עסן אָן אַ צעטל — גיסן זיי אַריין. זיי ווייסן, אַז שפּע־טער וועלן אַוועקגיין טעג און וואָכן, ווען שמעון וועט אפילו נישט אַ בליק טון אין דעם זיבעטלס זייט אַריין. ער וועט זיך באַרואיקן.

ער האַנדלט אויך, שמעון, און שפּעקולירט. אַלערליי איינפאַלן און שווינדל־שטיק האָט ער ווי אַזוי צו פאַרדינען געלט, ביי וועמען עס זאָל זיך נאָר נישט לאָזן. ער איז קאַרג און לאָזט נישט נאָך דאָס מינדסטע. ער שמייכלט דערביי מיט זיינע פּאָר נישט־אויסגעבראָכענע פּניאָקעס און צערטלט דערביי מיט די ליפּן זיין באַליבטסט ווערטל:

— אומזיסט איז שוין געשטאָרבן...

הערט ער אָבער פון אַ פרומען אין לאַגער, פון אַ שטיקל תלמיד־חכם אָדער גלאַט אַן איידעלן מענטש, וואָס ראַנגלט זיך שטילערהייט מיטן הונגער — וואַקסט ער באַלד אויס נעבן יענעם. ער שטופּט אים אַריין אַזוי שנעל און קונציק דאָס שטיק ברויט, אַז דער איבערראַשטער מענטש ווייסט נישט, וואָס פריער צו טון... לאַנג וועט ער אַזעלכן נישט שטיצן. ביי שאַפּיראָן בייטן זיך די געפילן און סימפּאַטיעס. ער וואַרפט זיי אי־בער דאָ צו איינעם און דערנאָך צום צווייטן. כאַפּט ער אָבער אַזאַ מענטש — וועט ער אים שוין אָפּוואַרטן עטלעכע טעג און אים אַזוי בגוואַלד אַריינרוקן זיין מתן־בסתר — ביז ער געפינט אַ צווייטן... עקזיסטירט יע־

נער מער נישט פאר אים. עס טרעפט אמאל אז אזא איינער קען עס נישט באגרייפן מיטן שכל:

— ווי אזוי קען עס קומען א מענטש אין ווערק צע און געבן ברויט גלאט אזוי, סתם א פרעמדן מענטש?

לאזט אים שמעון לאנג נישט טראכטן:

— נעמט, זאגט מען אייך! ווארט נישט אויף אליהו הנביא. עס שטייט געשריבן „ושמרתם לנפשותיכם" און שוין! ווייטער איז נישט אייער עסק...

אפגעזאגט זיינס — לאזט ער זיך צוריק צו זיין קאפטע ווייבער, וואס רינגלט אים ארום. ער זיצט און ווילט זיך, קיצלט זיי און לאכט, ביז דער גרויסער טאפ ווערט צעגליט. אמאל קען ער זיך אויפשטעלן פון מיטן רעדל זיינעם, א לויף טון שנעל אין א באראק און אפשטעקן נאך א שטיק ברויט א מענטש, אין וועלכן ער האט שוין גאר פארגעסן... דערנאך קומט ער צוריק אויף זיין ארט און פילדערט ווייטער צו זיין ווייבער־קלאמפער מיט זיינע בלויע תאווה־ליפן...

אין לאגער האט מען גענוג געהאט צו רעדן פון שמעונס פארגאנגענהייט אין ווערק צע און זיינע עסקים מיט דער מחנה „קוזינקעס". נאר אפילו די פאר צניעותדיקע יידן אין ווערק האבן אים נישט געקענט באַרעדן מיט א פול מויל. מעבעלעס א שכן אין באראק, אן עניוותדיק, פארלוירן מענטשל, פול מיט תורה און פארביטערונג, האט מעבעלען אין יענער נאכט פארן איינשלאפן אזוי א זאג געטון אויף זיין האלבירט לשון:

— אט דער ייד? ער האט דאך אין זיך א שטיק פון א למד־וואווניק! איי, ווען איר זאלט געוועז זען איינמאל אין מיטן דער נאכט... ער האט זיך אריינגעשארט אין באראק מיט א שטיק ברויט און א העמד — גלייך צום קראנקן פיקרינער — — —

אזא איז ער געווען, דער שמעון שאפירא, ווען מעבעלע האט אים באגעגנט.

מרדכי שטריגלער

# קאַפּיטל צוואַנציק

## I

די הערשער־משפחה אין ווערק צע איז געווען גענוג צאָלרייך און פאַרבונדן צווישן זיך מיט ענגע פאַמיליען־פעדעם, ווי אַ קעניגלעכער הויף. זיי האָבן געהאַט פאַר זיך אַ באַזונדערן באַראַק און פון דאָרט אויס רע־גירט, געגעבן באַפעלן און געטון וואָס זייער האַרץ האָט נאָר געגלוסט. אַקעגנאיבער איז געשטאַנען דער באַראַק פון דער פּאָליציי, וועלכע די קאָ־מענדאַנטין האָט נאָמינירט.

יעדער איינער פון דער דאָזיקער משפחה איז געווען אַ באַזונדער טיפּ פאַר זיך, מיט באַזונדערע נייגונגען און פאַרלאַנגען. יעדער איינער האָט אויך אָוועקגעריסן אַ באַזונדער שטיק מאַכט פאַר זיך, וועלכע ער האָט נישט געוואָלט טיילן מיטן צווייטן. עס האָט אָבער געוואַכט אויף זיי דאָס אויג פון דער הויפּט־הערשערין, פאַר וועלכער אַלע האָבן געציטערט, הגם זי איז געווען איינע פון דער משפחה.

דער אורשפּרונג פון דער גאַנצער דינאַסטיע, וואָס האָט באַזעצט דאָס „ווייסע הויז" פון ווערק צע, איז געווען אַ פּשוטער ייד, אַ דאָרפישער בעקער, וואָס האָט געהאַט אַ סך טעכטער וועלכע זענען זיך צעפלויגן אין אַלע זייטן. ער אַליין, אַ פרומער ישובניק, איז געשטאָרבן נאָך פאַרן קריג און ס'איז געבליבן זיין פרוי, אַ יידענע מיט אַלע זיפּצעלעך און קנייטשן פון אַ פאַרדאָרפישטער, יידישער מאַמע.

ווען די משפחה האָט זיך אַריינגעריסן הערשן אין ווערק צע, איז זיי געלונגען צו ראַטעווען די מוטער און זי אויסהיטן אין לאַגער פאַר יעדער סכנה. איז זי געזעסן אין באַראַק איבער אַ פּאָר ווייבערשע ספרים־לעך אויף עברי־טייטש, וואָס זי האָט געבראַכט מיט זיך און דערציילט יעדן איינעם פון איר אַמאָליק עשירות און די גרויסע צדקות, וואָס זי האָט געטון. נישט מער, די קינדער אירע האָבן נאָך לאַנג זיך אָוועקגעלאָזט אין אַנדערע וועגן. אין ווערק צע איז זי אָנגעקומען מיט דריי טעכטער, צוויי איידעמס און אַ גאַנצע כאַפּטע אייניקלעך.

די יינגסטע פון די דריי טעכטער, פייגעלע אָדער פּעלאַ — די שפּע־טערדיקע קאָמענדאַנטין פון לאַגער — האָט נאָך קליינערהייט אַרויסגע־וויזן ווילדע, משוגענע שטיק, וואָס די מוטער האָט נישט געקענט פאַר־שטיין, ווי אַזוי זיי קומען צו אַ יידישער טאָכטער. די אויגן ביי איר — צעקאָכטע, גרינע און שטעכיקע האָבן כסדר געזוכט עפּעס אַזוינס, וואָס ס'איז אוממעגלעך געוועזן אויסצוגעפינען און זי אַליין האָט עס קלאָר נישט געוווסט. איז זי געווען שטענדיק פול מיט כעס און בייזוויליקייט, גרייט אָפּצוטון אַלעמען די משונהדיקסטע שפּיצלעך... און זי האָט טאַקע אָפּגעטון! וואָס האָט דען איר צעפלאָמטער מוח נישט אויסגעקלערט? די מויד האָט קיין גוטס נישט אָנגעזאָגט, כאָטש פון דער נאַטור איז זי געווען גיכער ווילד ווי שלעכט.

גאָר שיין איז זי נישט געווען. שוין בלויז איר צופיל-שפּיציקע נאָז האָט זי עס נישט געלאָזט ווערן. יאָ, אירע אברים האָבן געהאַט עפּעס אַזאַ צוגעמאָסטענע אויסגעגאָסנקייט; די אָרעמס האָבן געהאַט אַזאַ ברווינלעכע אויסגעפּולטקייט, וואָס האָט זיך געוואָרפן אין אויג. דער עיקר אָבער האָט איר ווילדער קער און די היציקע רירעוודיקייט געהאַט אין זיך אַזאַ מין רייצעוודיקן חן, וואָס האָט איר געקליידט צום טראַציק־איינגעצויגענעם פּנים. אירע ליפּן האָבן געהאַט אַ באַזונדערס־גליטשיקן אויסבויג, וואָס האָט זי אין איין מינוט געקענט באַגיסן מיט אַ שיינקייט, וואָס איז נישט געווען אויף איר, נאָר אַזוי ווי שוועבנדיק און באַשטראַלט פון ערגעץ אַנ־דערש. אין איר ליפּן־שמייכל איז געלעגן דער ווילדער פלאַנטער פון בעסטיאַלער שטרענגקייט און האַרטלעכער צאַרטקייט. פון אַ גרינער פרוכט וואָס האָט נאָך נישט אויסגערייפט, אָבער זאָגט שוין אָן די זיסע אויסגעשטאַנענקייט.

עס האָט זיך אויף אירע ליפּן געוויגט אַ מין נישט־אויסגעפּרוווטע צערייצטקייט פון אַ וואָלף וואָס האָט נאָך נישט די דרייסטקייט צו לאָזן זיך אויף נעגל־פאַרמעסט. גלייכצייטיק האָט פון צאָרן אַרויס — און אויך איר שמייכל האָט אים נישט אַוועקגעלאָזט פון זיך — אַרויסגעלאָשטשעט אַ ווייכע וואַרעמקייט, מיט ציענדיקן אומרו. דאָס זענען געווען ליפּן, וואָס

זענען גרייט צו קושן מיט ים-פיבער — זיי מוזן אָבער דערביי זויגן די בלוטן. איינס פון צווייטן קענען זיי נישט אָפּטיילן.

די אַלע בלינדע סימנים אין איר האָבן אַרויסגעקוקט אָן פאַרקליידונג, פון די שאַרף־אָנגעשפּיזטע אויגן. אויך זיי האָבן צוזאַמען מיטן וואַמפּיריש דורשט, וואָס האָט געדראָט — באַווייזן צו רופן צו זיך, ציען און אַרומגלעטן מיט ווייך־טוענדיקע צערטלערייען... ווען זי האָט אָנגעקוקט אַ מענטש, האָט עס אים געמוזט צעטומלען. די קאָנטראַסטן, וואָס האָבן אַרויסגעשימערט פון איר — האָבן געשליידערט אין פאַרשידענע מחשבה־זייטן און עס איז נישט אַזוי לייכט געווען פּלוצים צו געפינען די גלייכגעוויכט, דעם געהעריקן דערזען זי אָן איבעררעשונג. יעדער טריט אירער האָט אַזוי ווי געהאַט זיין שפּראַך, מיט וועלכער ער האָט דערציילט, אַז אין איר ליגט עפּעס נייעס און נישט־געווענלעכס.

וואָס ווייסט אַ דאָרפישע מאַמע? אַריינטראַכטן זיך טיפער האָט זי נישט געוואָלט אָדער נישט געקענט. עס האָט זיך גראָד געמאַכט אַ שידוך מיט אַ שטילן, חסידישן בחור. איז זי גליקלעך געווען. פעלאַ אַליין איז נאָך דאַן געווען יונג. ביז צו דער לעצטער מינוט האָט זי גאָרנישט געזאָגט. יענער איז געווען אַ רייך יינגל פון דער היים. געזען האָט ער זי צופעליק און פאַרקאָכט געוואָרן. ער האָט נישט געוואָלט קיין נדן, ער האָט זי באַקליידט און גרייט געווען אין פייער אַריין צו גיין. ווי האָט ער געקענט דאַן הערן, וואָס די עלטערן האָבן זיך געקרימט, נישט געווען אַזוי שטאַרק צופרידן?

און מאָדנע: ווען זיי האָבן זי געזען, איז זייער אַנטיפּאַטיע צו איר נאָך שטאַרקער געוואָרן, זיי האָבן זיך געשראָקן, געמורמלט אַז דאָ פּאַסט זיך עפּעס נישט... אָבער — זיי האָבן נאָכגעגעבן. אַזוי ווי זי איז געקומען איינמאָל צו גאַסט — האָט זי אַרויסגעוויזן אַזויפיל זעלבסטפאַרשטענדלעכע היימישקייט, אַזאַ פילן זיך מעשה־אייגענע באַלעבאָסטע אין שטוב — אַז דאָ איז יעדע וואַקלדיקע נאָכקלערעניש געווען צו־שפּעט. מיט די ערשטע ווערטער אירע איז זי אַריבערגעשפּרונגען אַ סך ווייטער פון זייער באַלעבאַטישן, געלאַסענעם ישוב־הדעת. ס'איז נישט געווען מער קיין

אָרט דערױף. האָט מען זײ געשאַפן אַ פײנע דירה און געלאָזט זײ פירן צו דער חופה.

באַלד די ערשטע טעג פון זײער צוזאַמענלעבן האָבן אים געװיזן, אַז זי איז דאָ נישט געקומען בלױז זײן מיט אים צוזאַמען, אױסהערן זײנע גליקן אין געשעפט, אױסטראָגן זײנע צערטלערײען און אַנדערע נאַריש־קײטן. זי האָט גאָר אַנדערש נישט געטראַכט, װי קומען און הערשן איבער אים, איבער זײן הױז און אױף אַלץ װאָס ער ברענגט אַהין אַרײן. אױסער זײן שװאַכקײט צו איר איז ער נאָך געװען אַ מענטש, װאָס האָט בכלל זיך געשראָקן צו האָבן אַ שײכות מיט װעלכן ס'איז עפנטלעכן טומל. האָט זי טאַקע, באַלד פון אָנהײב אָן, איבערגענומען דעם רודער אין האַנט.

לאַנגע חדשים האָבן זיך אַזױ געצױגן יענעמס לײדן. זי האָט אים געפּײניקט און ער האָט אפילו נישט געקענט װיסן פאַרװאָס. װי זי האָט שפּעטער אַלײן דערצײלט מיט אַ צופרידענעם שמײכל — װי בעת מען לעבט נאָך אַמאָל איבער אָנגענעמע זכרונות — האָט זי אים אפילו גע־שלאָגן און ער האָט עס פאַרשװיגן. אױך דאָס אַלײן האָט נאָך מער פאַר־שטאַרקט איר שנאה צו אים... נײן, נישט אַזױ שנאה װי עקל — אַ געפיל װאָס זי האָט געהאַט אײנגעבױרן צו אַלץ, װאָס ס'איז הכנעהדיק־װײך װי טינופות — לױט איר הערשערישער שפּראַך פון שפּעטער. איר האָט זיך גאָר געבענקט נאָך אַ פעסטער האַנט, װאָס זאָל זי רײסן בײ די האָר, שלאָגן...

מענטשן האָבן נישט געקענט פאַרשטײן דעם יונגנמאַנס צוגעבונדנ־קײט צו איר. ער האָט אפילו קײן הױך װאָרט נישט אַרױסגערעדט, װען מ'האָט אים דערצײלט אין אַ װינקל, אַז זי חברט זיך שױן צופיל מיט אײ־נעם אַ פאַצעט, װאָס האָט זײן שטודיום אין אַ הױך־שול נישט באַװיזן צו פאַרענדיקן... איבערהױפּט איז געװען אַ רעטעניש װי אַזױ ער, אַ זײדענער בית־המדרשדיקער מענטש, האָט גאָר געקענט אױסטראָגן אירע נישט־גאָר פײנע אױסדריקן, כסדר אין פּױליש — און זי נאָך אַזױ מאָדנע־פאַרקאָכט ליב האָבן. אַז קײן גלײך װאָרט צװישן מענטשן האָט זי אים נישט געגעבן, נאָר דװקא, װען אַלע הערן, האָט זי ליב געהאַט פון אים צו מאַכן אַ שמאַטע.

עס האָבן נישט געהאָלפֿן זיין משפּחהס רייד און בעטן זיך ביי אים, ער זאָל אַ סוף מאַכן דערצו — אַז עס זענען נאָך פאַראַן פּרויען, וועלכע ער וועט קענען רופן „פייגעלע!" און נישט האָבן קיין סקאַנדאַל דערפאַר... אַז איבערהויפּט, ווי קען ער אויסטראַגן אירע רייד, וואָס נאָר שונאי־ישראל קענען זיך דערלויבן פאַרן מויל צו ברענגען...

ער האָט שטילגעשוויגן און אויפגעציטערט, ווען מ'האָט אים נאָר דערמאָנט וועגן שיידן זיך מיט איר... און גיי פאַרשטיי אַ וועלט! אַז אים איז גאָר ניחא געווען צו זיין אויסגעשטעלט אויף לייטנס געלעכטער און רייד!

די געשיכטע האָט געפּלאַצט אויף אַ גאָר־מאָדנעם אופן. ווען ער איז איינמאָל געקומען אהיים אַביסל שפּעטלעך און זי האָט נישט געוואָלט עפענען די טיר. ווען ער האָט געקלאַפּט אַביסל שטאַרקער, איז זי אַרויס, אָנגעשריגן אויף אים אַזוי הויך, אַז אַלע שכנים זאָלן הערן. זי האָט אים דערביי אַראָפּגעלאָזט עטלעכע פּעטש און דערקלערט:

— איך האָב דאָ איצט עמעצן... האָסט פאַרשטאַנען? אַ געליבטן האָב איך און דיך וויל איך מער דאָ נישט זען. ווילסט — קענסטו קומען ווען איך וועל נישט זיין. נאָר טאָמער איז דיר ניחא דאָס לעבן — באַוויז זיך נישט...

מענטשן האָבן אפילו דערציילט, אַז ער האָט איינמאָל זיך אַריינגע־גנבעט מיט אַ נאָך־שליסל ביינאַכט אין שטוב אַריין... מסתמא האָט אים די בענקשאַפט אַוועקגעצויגן. באַלד אָבער האָבן זיך געטראָגן דערשראָ־קענע געשרייען איבער דער גאַנצער גאַס... דאָס האָט זי אים אַ כאַפּ געטון מיט די געזונטע, פּויערישע הענט און געוואָלט פאַר כעס אַראָפּשליידערן פון ערשט־שטאָקיקן פענצטער אויף דעם נאַכטיקן ברוק...

פאַר בושה האָט ער זיך שפּעטער אַ לאַנגע צייט נישט געוויזן אויף דער גאַס. ער האָט אפילו נישט געמאָנט זיין דירה, הגם מענטשן האָבן אים נישט צורו געלאָזט און געהאַלטן אין איין שיטן זאַלץ אויף די וווּנדן:

— סטייטש, אַזאַ נפקא!?

...ביים רב איז זי געשטאַנען אַ גאַליקע און געקוקט צופרידן מיט די גרינע שפּילקעס, ווי אַזוי דער בערדיקער ייד ציקלט דאָרט עפּעס אי־

בער א ווייס שטיקל פּאַרמעט אזא. זי האָט געוואָלט זיין ערנסט (פייער־לעבע מאָמענטן האָבן זי שטענדיק אביסל געצוימט, זי האָט זיי אפילו ארומגעזוכט...) און דאָך זיך ווילד צעלאַכט, בעת זי האָט געזען אז אָט־יענער ייד דאָרט, קען מיט א פּאָר געשריבענע שורות זי אנטגילטיק אויפּ־בינדן, אָפּרייסן פון יענעם חסידישן שמעלקע, וואָס שטייט דאָ... ווי מאָד־נע דאָס איז! עס האָט זיך איר פאַרוואָלט א שפּיל טון מיט חופּה און מיט א מענטשל וואָס איז איר צעקראָכן אונטער די הענט. איז זי מיט אים געווען אונטער איין דאַך, ביז עס איז איר נמאס געוואָרן. ער האָט איר געשטערט מיט זיין אָנוועזנהייט — האָט זי אים ארויסגעטריבן... וואָס־זשע קען זי נאָך בינדן? האָט זי עס דען שלעכט געמאַכט?

יאָ, בכדי ער זאָל נישט פאַרלאַנגען פון איר פאַרשידנס, האָט זי נאָך געצעגערט. זי האָט שוין געטון אַלץ פון איר זייט, אז זיי זאָלן זיין צע־שיידט. ביי איר ברענט עס נישט. זי ווייסט, ווי אַזוי זיך אן עצה צו געבן — וואָס דאַרף מען נאָך עפּעס א צערעמאָניע דאָרט!?

קוים וואָס מ'האָט זי דערפירט דערצו. איז זי געקומען שטייף און אָנגעצויגן ווי א גרעפיניע פון די ביכלעך אַרויס. א מאַניע ביי איר גע־ווען נאָכצומאַכן גרויסע אַריסטאָקראַטן פון קינדוווייז אויף און קיינער האָט נישט געוווסט, ווי אַזוי עס קומט צו א מויד פון... נו, אַעלבע פּראָס־טע חי־וקיימס! זי איז געשטאַנען און געוואָלט האַלטן דעם פּאָסאָן, אָבער דאָס געלעכטער האָט פון איר אַרויסגעבראָכן: אַרויסטרייבן אים פון שטוב איז וויניק... דאָס ברענגען פאַר לייט אין די אויגן א יונג, וואָס האָט איר אימפּאָנירט, גלייך אין שטוב אַריין — איז נאָך אויך נישט גענוג! זי איז ווייטער י ע נ ע מ ס ווייב... נאָר די פּאָר ווערטער, וואָס סתם א ייד שרייבט אָן, האָבן דעם כישוף פון צעשיידן! א לאַנגע צייט דערנאָך האָט זי אין דעם נישט געקענט פאַרגעסן און מער געוווּנדערט זיך ווי חוזק געמאַכט:

— אָט א „טשודנע" פּאָלק, די יידן זענען עס!

מענטשן האָבן דערנאָך דערציילט, אז ער, דער מאַן אירער, האָט גע־וויינט ביים געבן איר דעם גט. ער האָט גאָרנישט געזאָגט, נאָר אַזוי אונ־טערטעניק און צעבראָכן געקוקט איר אין די אויגן און געגאָסן מיט

טרערן... ווער קען דען פארשטיין דעם מין מענטש! אז יענער איז געווען א זיידענע נשמה און געקענט חתונה האָבן מיט א שטילער, יידישער טאָכטער און זי... מילא, נישט ווערט געווען די רייד.

זי האָט אים אָבער קאַלט און דרייסט אָנגעקוקט מיט אזא ביטול, וואָס האָט געקענט אוועקהרגענען. אין דרויסן האָט שוין אויף איר גע־ווארט א הויכער געזונטער מאן, וועלכער האָט זי גענומען אונטערן אָרעם און זי אוועקגעפירט אין דער וווינונג, ביי וועלכער זי איז געבליבן.

ער, דער צווייטער מאן אירער און פריערדיקער געליבטער, איז געווען א טיפּ, וואָס האָט אָנגעהויבן מיט אן אינטעליגענטער קאַריערע. זיין גע־דולד און טעמפּעראַמענט האָבן אים זי אָבער נישט געלאָזט אויסטראָגן ביז צום סוף. ער האָט זיך פארפלאָנטערט אין פארשידענע עסקים און געהאַט צו טון מיט מענטשן, וואָס נאָר איין גאָט ווייסט וואָס זיי טוען און ווער זיי זענען.

ביינאכט האָבן מענטשן געזען דאָרט לייכטן די פענצטער ביז די גרויע פאַרטאָגן. אויף די זיידענע גאַרבאַדינען האָט מען געזען וויגן זיך שאָטנס, ווי געוועגלעך אין א שיכורער הוליאַנקע. אין גאַס האָט מען זי שטענדיק געזען אן אויסגעפּוצטע, א שטאָלצע. ווען זי איז געגאַנגען מיט איר הויכן, שיינעם מאַן — האָט זיך אויסגעוויזן אז די וועלט איז אירע. זי האָט מיט אים געהאַט א טעכטערל, וואָס האָט שוין קליינערהייט גע־האַט די זעלבע פינקלדיק־ליידנשאַפטלעכע אויגן און משוגענע קאַפּריזן. דאָס פנימל ביים קינד האָט זיך נאָר אָנגענומען אויך מיטן פאָטערס פול־קייט און דורך דעם דערגענצט די שיינקייט־בלויזן, וואָס זי האָט געקענט איבערנעמען ביי דער מוטער. די צעשאָטענע קאַרעקטורן אין די פּנים־שטריכן, וואָס זענען געקומען פון פאָטער, האָבן זי שוין קליינערהייט גענומען אויספאָרמען פאַר א פייערדיקער שיינקייט, וואָס טראָגט א הער־שער־כוח אין איר אָנבליק. די דאָזיקע משפחה האָט זיך געלעבט אָפּגע־זונדערט, ווייט פון יענע יידן, צווישן וועלכע פעלע איז אַמאָל געבוירן גע־וואָרן.

## II

ווען די קריג איז אויסגעבראָכן, האָבן זיך פאַר איר מאַן אָנגערוקט די אמתע צייטן. נאָך ביי פּוילן האָבן זיך, צווישן אַנדערע פאַרשווינען, ביי אים געדרייט אויך אַזעלכע, וואָס האָבן אַ שייכות געהאַט צו פּאָליציי־ענינים. איצט אָבער איז ער אַריין אין יודנראַט און געוואָרן אַ פאַרבינדער מיט דער געשטאַפּאָ. ס'האָבן זיך אָנגעהויבן טעג פון ווילדע אַרומלויפּענישן און ביינאַכטיקע הוליאַנקעס, אין וועלכע מ'האָט אָפּגעווישט די פּאַרשידענע זאָרגן און איבערטראַכטונגען. ווי אין אַלע שטעט מיט יודנראַטן, איז אויך דאָ די נאַכט געוואָרן דער אַנטלויף־פּונקט, וווּ מ'האָט פאַרשיכורט די שרעק און די געשרייען פון אייגענעם געוויסן — ביי וועמען ער האָט נאָך פרובירט וואַך זיין...

ס'האָבן זיך אָנגעהויבן די פאַרפאַלענע געטאָ־אָרגיעס, הינטער פאַרמאַכטע לאָדנס — ווען אין דרויסן געוועלטיקט די טויטלעכע פּאָליציי־שעה.

זי האָט זיך פריער ווייניק געמישט אין זיינע עסקים, אויסער טיילמאָל ווען עס איז נויטיק געווען אירס אַ קאַלט־אויסגערעכנטע עצה. אין די לעצטע יאָרן האָט זי זיך מער פאַרבאָרגן אין די גרויסע צימערן, ווו זי האָט אפשר אויסגעחלומט אירע מאַכט־גירן, וואָס האָבן פון קינדוויַיז אויף זיך אַריינבאַקומען פון ערגעץ אין אירע בלוטן. ביי די דייטשן האָט זי גאַנצע וואָכן אויסגעמיטן אַרויסצוגיין איבער דער גאַס. דאָרט האָט מען געקענט אויף שריט און טריט באַליידיקט ווערן און זי האָט אויסגעמיטן באַליידיקונג מער ווי קלעפּ. דאָס טראָגן אויף זיך די יידישקע ווי אַ שאַנד, איז געווען איבער אירע כוחות און העלפן זיך דערצו האָט זי נישט געקענט. אין יענע יאָרן האָבן זיך שוין אין איר קלאָר אויסגעשיילט ביידע קעגנזעצלעכע כוחות: די קאַלטע ניכטערקייט מיט דער היציקער דורשטיקייט צו מאַכט, גענוס און לעבן. אייגנטלעך זענען עס בלויז צוויי זייטן פון דער זעלבער מטבע, בפרט אונטער דעם דייטשן שטילעט. וואָס מער מען גליט צום לעבן — מוז מען קאַלט און טויב זיין צום אַרום. דעם גענוס און די זיכערקייט מוז מען נאָר אַראָפּקראַצן פון יענעמס וונד

און סכנה... מוז קאַכיק בלוט זיך טוליען צו אַ קאַלטן האַרץ. שוין דאַן האָט עס פעלאַ געוווּסט.

לאַנג וואָלט זי קיין באַליידיקונג נישט איבערגעטראָגן. כאָטש קיינער ווייסט נישט, ווי אַזוי ס'האָט זיך גענומען אַזויפיל — ביז קראַנק זיין — שטאָלץ ביי אַ טאָכטער פון אַ שטוב, וואָס איז געווינט הכנעה־דיק איבערצוטראָגן דעם שפּאָט פון אַזויפיל פּרעמדע שכנים... אַזוי ווי זי האָט געוואָלט  ל ע ב ן — און אונטער די דייטשן הייסט עס: זיין אויסגעשטעלט אויף חרפּות — האָט זי געזוכט  מ א כ ט.  דאָס הערשן אויף עמעצן בעת מ'איז אַליין אין אַ געוויסן פּונקט דערנידעריקט — קען פאַרגלעטן די בושות פון דער צווייטער זייט. דאָס פאַרגיטיקט און צאָלט אָפּ. אָבער די וועגן דערצו האָט זי נישט געקענט, געזוכט און נישט געפונען.

ביז אַ צופאַל האָט זי אַרויסגעפירט אויפן שליאַך, אַ טראַגישער צופאַל. צוליב זיינע קאָנטאַקטן מיט דער געשטאַפּאָ, אין פאַרשידענע כלל־עסקים, האָבן די דייטשן איינמאָל, אין מיטן דער נאַכט, אַרויסגענומען איר מאַן און אים אַוועקגעפירט ערגעצוווּ. ס'זענען שוין געווען די צייטן, ווען די יידישע געטאָס אין פּוילן האָבן זיך געוואָרפן אין די לעצטע גסיסה־קראַמפּן. ערשט דאַן האָט זי זיך דערוווּסט אויף קלאָר אַזוינס, פון וועלכן זי האָט זיך קיינמאָל נישט אָפּגעגעבן קיין חשבון: זי האָט אים ליב געהאַט. ביז איצט האָט זיך איר אויסגעוויזן אַז דאָס האָט זי אים, ווייל איר איז גוט אַזוי. איצט אָבער האָט זי געזען, אַז אויך ער האָט עפּעס פון איר מיטגענומען מיט זיך, אַז זי קען אַפילו זיין גרייט אויף סכנות פאַר זיינעטוועגן...

וואָס איז ער דען ביי איר געווען די גאַנצע צייט? זי האָט נישט צופיל געטראַכט דערפון. דאָס לעבן איז געגאַנגען אויטאָמאַטיש און ער איז ביי איר געווען דער פאַרמיטלער און באַזאָרגער פון הנאהדיקן לעבן. עס איז קיינמאָל נישט געשטאַנען פאַרן אויג די סכנה, מ'זאָל אים צונעמען — אַז זי זאָל זיך דאַרפן פאַרטראַכטן וועגן דעם. איצט איז ער פלוצים  נ י ש ט אָ  מיט איר. אין קעגנזאַץ צו איר גאַנצער, פאַרפלאָנ־

טערטער נאַטור — װעלכע ל אָ ז ט נ י ש ט עמעצן ליב האָבן אײנגאַנצן — האָט דאָס זי אױפגערודערט.

אפשר איז עס געװען דערפֿאַר, װאָס אין די געטאָ־צײַטן האָט זי זיך סתם געשראָקן צו בלײַבן אַלײן? אַזױ איז געװען, װער עס זאָל אָו־מעטום גײן, לױפֿן איבער אַלע געפֿערלעכע ערטער און פֿאַרהאַלטן אין װעג די סכּנה; אַז װער ס׳איז, זאָל זיך נישט אַרײַנרײַסן צו איר אין שטוב, באַלײדיקן זי, איר שלעכטס טון... איצט אָבער װעט זי מוזן גײן װוּ נאָר זי װעט דאַרפֿן, זי װעט אַרױסגעשלײדערט װערן צו דער גאַס, אַלײן מוזן בױגן זיך פֿאַר פֿאַרשידענע מענטשן און יעדן טאָג לעבן מוזן אַלײן אױסקעמפֿן, אױסבעטלען און אױסחנפֿענען... ראַנגלען זיך! און דערבײַ האָט זי אַ קינד... ער װעט איר פֿעלן — דאָס האָט זי געװוּסט. שפּעטער האָט זי אױסגעמיטן צו רעדן אַ װאָרט װעגן איר מאַן, נישט דערמאָנט אים. אָבער צװישן אַלע בינדונגען מיט אים איז אױך געװען — ל י ב ע , פּרױלעכע מאַן־סענטימענטן, װאָס זי האָט נישט געקענט אױסמעקן אױך אין די צײַטן, װען זי האָט זיך אָנגעטון אַ דעמאַנען־הױט.

דער ערעסט פֿון מאַן האָט זי אינגאַנצן געענדערט. זי האָט אױפֿאַמאָל פֿאַרלױרן די גאַנצע מורא. די זאָרג פֿאַר זײַן גורל האָט זי אַרױסגעשטױסן. זי האָט אָנגעהױבן לױפֿן צו יידישע מאַכער, צו דײַטשע שעפֿן און אָפֿיצירן, געקלאַפּט אין טיר און מיט איר אײַנגעבױרענער דרײסטקײט — װעלכע שטעלט אין שאָטן דעם פּחד פֿאַרן אײגענעם שטאָלץ — איז זי צוגע־טרעטן צו יעדן אײנעם װי אַ גלײַכע. זי האָט געװײנט, אונטערגעהאַנדלט און געבעטן, אָבער עס האָט װײניק געהאָלפֿן. אין אײנער אַ נאַכט איז ער דערשאָסן געװאָרן.

זי האָט אָבער דערבײַ זיך דערװוּסט עפּעס נײַעס: זי האָט אַלײן געעפֿנט אַ טיר, זי האָט מיטלען און װעגן צו שמועסן מיט זײ, צוצוקומען איז אַ סך ערטער... זײ זעען זי און ענטפֿערן אַפֿילו אױף אַ פֿראַגע, װאָס זי פֿרעגט זײ. אַמאָל טוט זי אַ שמײכל און יענער, דער מיטן מונדיר, אַקעגנאַיבער ענטפֿערט מיטן זעלבן...

דאָס איז פֿאַר איר געװען אַן אַנטפּלעקונג. איצט װײסט זי.

אין שטאָט האָט זי אָבער מורא געהאַט צו זײַן. די לעצטע ייִדן האָבן

שוין דערפילט איבער זיך דעם ציטער פון סוף'דיקן גזר־דין. דערפאַר אָבער זענען נאָך געווען עטלעכע קלענערע ערטער, ווו מען האָט ערשט געהאַלטן ביי די פריערדיקע עטאַפּן. דאָרט האָט מען נאָך געטראָגן שוחד און דער־פאַר „געקויפט" פאַרזיכערונגען, וויפל מ'האָט נאָר געוואָלט און דאָרט האָט מען נאָך געגלויבט אין יידישע געשליפענע צינגער, וואָס „דאַרפן נאָר וויסן ווי אַזוי מיט זיי אומצוגיין"... האָט פעלאַ איבערגעלאָזט די היים און איינגעפּאַקט דאָס פּעקל, גענומען דאָס טעבעטערל פאַרן הענטל און אַוועק צו דער מוטער, קיין סקאַרזשיסקאָ. זי איז אָבער שוין איצט געווען רייכער מיט איין דערפאַרונג. זי האָט געוווסט, אַז מען דאַרף האָבן „קאָנטאַקט", אַז ז י דאַרף זיי און קען זיי אָנבינדן. טאַקע דאָרט האָט מען זי אַנטדעקט אַלס אַזאַ, וואָס ווייסט ווי אַזוי און וווהין זיך צו ווענדן...

### III

די צווייטע שוועסטער האָט זיך אויסגעזוכט אַ הויכן חברה־מאַן מיט נישט קיין גאָר־גלאַטע געשעפטן און זיך אויך פאַרצויגן אין דער זעלבער שטאָט ווו פעלאַ. זי איז געווען אַ מיידל ווי אַ דעמב, מיט נאָך אַ קאָפּ העכער פאַר פעלאַן. איר פּנים איז געווען שענער — נאָר טעמפּער. נישט געווען צו מערקן אויף איר די אַלע מישמאַשן, וואָס זענען געווען ביי איר יינגערער שוועסטער. אַ פּשוטער פּולער גוף, ווי אַן אויסגעשטאָפּטע, מיט אַ מין צעקראָכמאַליעטער שיינקייט, וואָס רופט נישט און רעגט צו גאָר־נישט אָן. זי איז געווען אין אויסזען געוואַלדיק ענלעך צו דער שוועסטער. עס זענען אָבער פון איר אַוועקגעפאַלן די טיפערע ליניעס און ניואַנסן וואָס האָבן די שוועסטער געמאַכט בולט און שפּירבאַר. אירע אויגן, מיט דער זעלבער פאַרב, אָבער אָן דעם מינדסטן אָנדייט אויף דורשטן און פאַר־לאַנגען, האָבן נאָר געוויזן אַ פלעגמאַטישע נאָכגיביקייט און לייכטן גע־נוס־באַגער, וואָס זאָל זיין פּשוט און אָפן. דער גאַנצער, גרויסער קערפּער האָט געפּרייכט פון אָפּגיביקייטס־ווילן אָן חכמות און צערעמאָניעס.

זי איז אַזוי ווי באַשאַפן געוואָרן צו זיין אַ ווייב פון אַ הויכן, שטאַרקן יונג, ווען זי האָט זיך אויסגעזוכט — און ווייטער גאָרנישט. איר האָט

אימפּאָנירט זיין פראָסטקייט און נאַקעטע ברוטאַליטעט פון אַ גאַסן־שפּאַצירער מיט צוגעשפּיצטע וואָנסעלעך און שמאָלע, גלאַנציקע שטיוועלעך. אינעם מאַנס אייגעלעך איז אָבער געלעגן עפּעס אַזאַ ברוטאַלע זוכעניש, אַזאַ בליק־וואַרפעניש צו העכערע שטאָקן, צו הערשערישקייט. שוין די ערשטע באַגעגענישן צווישן אים און פעלאַן האָבן געוויזן, אַז דאָ האָט געטראָפן האַמער אויף קיזלשטיין. אין דער בהלה האָט אויך זי מיטן מאַן זיך אַריבערגעטראָגן צו דער מוטער, צוזאַמען מיט זייער לאַנג־פּנימדיק, בלאַס טעכטערל.

די דריטע טאָכטער האָט די גאַנצע צייט געוווינט אין שטעטל מיט דער מוטער. זי איז געווען די עלטסטע פון זיי דריי. זי האָט די מ ו ט ע ר חתונה געמאַכט. אַ מיידל פון אַ דאָרף, אָן ווייסענישן און פאַרלאַנגען — איז פאַר איר גענוג געווען אַ דיקלעכער בעקער, וועמען די שוויגער האָט געמאַכט אַ בעקעריי אין סקאַרזשיסקאָ.

ווען אויך דאָס קליינע אָרט האָט גענומען פּלאַקערן, האָט פעלאַן פאַרכאַפּט דער אומרו. אין דער דאַנעבנדיקער אַמוניציע-פאַבריק זענען שוין געווען יידן. עס זענען דאָרט שוין אפילו געווען יידישע קאָמענדאַנטן און באַפעלער, וואָס האָבן זיך דאָרט איינגעאָרדנט. אַהין האָט זי געוואָרפן אַן אויג. זי האָט אָבער געוווסט, אַז די יידישע מאַכער וועלן קיין פרישע מיוחסים נישט צולאָזן. זיי זענען געקומען פריער — זענען זיי בילעכער... האָט זי גענומען מאַכן קאָנטשאַפט מיט פּוילישע מייסטער, מיט דייטשע וועכטער און אונטער־דירעקטאָרן. אומעטום איז זי אַריינגעדרונגען און גאַנץ שנעל ביי זיי באַקומען אָנזען. איר איינפלוס האָט זי געזוכט אויסצוברייטערן, אָן צו זאָגן דעם ציל דערפון. סתם אַזוי — אַ שטילער האַנדל, אַ מעקל... די קאָנטשאַפט אויסצונוצן האָט זי צייט די לעצטע רגע, ווען עס וועט שוין אויף אַן אמת ברענען די ערד אונטער די פיס. דערווייל האָט זי געמאַכט געלט. די ווערטפולע זאַכן האָט זי פאַרשטעקט אַביסל ביי דעם און אַביסל ביי יענעם. זי האָט אויך נישט ביי איין מייסטער, ווי גאַיעווטשיק, פינאָוו און אַנדערע אַריינגעוואָרפן וואָס עס האָט נאָר געקענט מעגלעך זיין. אַזוי אַרום האָט זי געשאַפן אַ פאַנצער פון געלט און קאָנטשאַפט אַרום זיך און איר משפחה. זי האָט געוואָלט אַריינבאַקו־

מען זיך אין לאגער, א פארזיכערטע מיט איינפלוס און באוואָרנט פאר הונגער. ווייטער וועט מען שוין זען.

מיט א צייט פריער, איידער מען האָט ליקווידירט דאָס געטאָ, האָט זי מיט דער הילף פון מייסטערס אריינגעפירט אהין איר גאַנצע משפחה מיט אלע זאכן, וואָס זיי האָבן נאָר געהאט. עס האָבן זי שוין פריער גע־קענט אלע שפיצן פון דער פאבריק, אזוי אַז זי איז באַלד געקומען ווי א פארטיקע באפעלערין איבערן לאגער.

די פריערדיקע דריי קאָמענדאַנטן פון לאגער: דער קאָמענדאַנט, וואָס מ'האָט אים גערופן „דער גראָבער אבראם" און זיינע געהילפן — הערצקע לעדערמאַן און קויפמאַן האָבן זיך דערשלאָגן צו זייער שטעלונג בלויז מיטן שלאָגן און ממיתן די איבריקע יידן, וואָס איז געפעלן געוואָרן די אונטערשטע שיכטן פון דער פאבריקס־לייטונג. זיי האָבן נישט געהאט די גליטשיקע, ראפינירטע אדורכגעטריבנקייט, וואָס זאָל זיי דערמעגלעכן צו־צוטרעטן צו א העכערן אָפיציר אָדער מייסטער.

ביז איצט איז גענוג געווען נושא־חן צו זיין, ביי איינעם פון די ניד־ריקסטע שלעגער — מען זאָל ווערן א מאכער אין לאגער. די העכערע מאכט האָט זיך נישט געמישט. פאר זיי איז גענוג געווען, אַז יעדער טאָג אין דער פאבריק שלינגט איין אזויפיל און אזויפיל יידן צו דער ארבעט. נאָך דעם — גייט זיי נישט אָן, ווער עס קאָמאַנדעוועט איבער זיי און וואָס זיי טוען דאָרט.

דער גראָבער אבראם, א מגושמע חיה פון נעבן קאָנסק, האָט זיין הערשאפט איבערגענומען א דאַנק זיין ארויסטרעטן פון דער ריי און שלאָגן שוואכלינגען מיט מער סאדיזם ווי א ווערקשוץ. דאָס האָט אימ־פּאָנירט. ער האָט דערביי פארמאָגט אזא דראסטישע, ניבול־פּהדיקע זידל־שפראַך, פון וועלכער דייטשן און פאַליאַקן זענען געפאַלן פון די פיס פאר געלעכטער. נישט קיין סך הינטערשטעליק אין דער הינזיכט זענען אויך די חברים זיינע: קויפמאַן, דער קאָמענדאַנט איבער די באַראַקן און מיטאָג און הערצקע, דער אויסטיילער פון ברויט.

פעלאַ איז אָבער אריינגעקומען דורך אַנדערע וועגן. זי האָט זיך נישט געדארפט פריער „אויספּיינען" און דערשלאָגן זיך דורך „פאר־

דינסטן" צו א שטעלונג. זי האָט עס פריער שוין געהאַט אין דער האַנט. אין לאַגער האָבן זי אַריינגעפירט עטלעכע מייסטער און זי האָט שוין געשיקט און ראַפינירט געהאַט פאַרוועבט די דינסטע קאָנטאַקטן מיט אַלע דעה-זאָגער, נישט נאָר איבערן יידישן לאַגער.

ווי פון זיך אַליין איז זי געקומען צום גרייטן באַפעלן. אַלע פריערדיקע מושלים האָבן איינגעזען, אַז עס וועט אפילו נישט האָבן קיין זין זי צו באַקעמפן און זיי האָבן זיך באַלד אָפּגערוקט אין דער צווייטער ריי. זיי האָבן איר באַלד געגומען אַקעגנטראָגן די אונטערטעניקע חניפה־שמייכלערייען, אַזוי ווי זי וואָלט געווען איינע פון יענע, וואָס קען געבן מאַכט און מאַכן מיט אַ קאָפּ קירצער. אויך אַלע פּאָליציי־לייט האָבן זי פון דער ערשטער מינוט אָן גענומען באַטראַכטן נישט ווי איינע פון זיי, וואָס האָלט אַ יידישן שטעקן און קען אים נאָר הייבן אויף שוואַכע צעבראָכענע יידן — נאָר ווי אַזעלכע וואָס האָט גאָר גרויסע פולמאַכטן, וואָס האָט זיך נאָר באַזעצט אין לאַגער צוליב אַ משוגענעם קאַפּריז.

זי האָט פאַרשטאַנען ווי אַזוי דאָס דאָזיקע געפיל ביי זיי אַרויסצורופן און דערהאַלטן. זי איז נישט געשטאַנען מיט שטייפן דרך־ארץ פאַר יעדן וועלקשוץ און שלעגער. געשמועסט מיט זיי האָט זי פריי, מיטן אָנציעוודיק־שלאַנגישן שמייכעלע אויף די ליפּן. זי האָט אויף אַזעלכן אפילו אַרויפגעלייגט גוטברודעריש אַ האַנט אויפן אַקסל און אים נאָענט אַריינגעקוקט אין די אויגן, אַז יענער האָט זיך ווי פאַרלוירן דערביי. טאָמער איז געקומען ווער פון דער העכערער מאַכט אין לאַגער אַריין, האָט זי געלאָזט אין גאַנג איר גאַנצע געשיקט־ראַפינירטע חוצפה. ס'האָט געמעגט זיין ד"ר ראָסט אַליין, אָדער שמיץ — האָט זי אים אַריינגעבעטן צו זיך אין צימער אויף אַ גלעזל שנאַפּס אָדער טיי. זי האָט דאָס אָבער געמאַכט אויף אַזאַ אופן, מיט איר גאַנצן און אייגנאַרטיקן לשון־אַרסענאַל, אַז יענער האָט אויפן מאָמענט ווי פאַרגעסן, אַז דאָ שטייט פאַר אים סך־הכל אַ יידישקע. נישט אַליין, האָט זי געוווסט, מעג מען און מ'דאַרף דערהערן. האָט זי אומעטום צוגעלייגט איר אוינגבליק און קוימיקע אָנדייטונגען, וואָס קענען נאָר פאַרשטענדלעך זיין פאַר די, וואָס ווילן עס דערהערן און פאַרשטיין.

איר פרייערער אַרט פאַרהאַלטן זיך מיט די מעכטיקע האָט געוואַלדיק געווירקט, אַז אַלע זאָלן זיך איר אונטערוואַרפן, ווי אַ באַפעלערין פון אַ העכערער מדרגה.

זי האָט טאַקע באַלד גענומען איינפירן אָרדענונג אין לאַגער אויף איר שטייגער. זי האָט באַשטימט פאַר פאַליציי, וועמען זי האָט געוואָלט. זי האָט אויך אויסגעטיילט קאָמענדאַנטן און פאָראַרבעטער פאַר די האַלעס. איין שוואָגער, דעם הויכן געזונטן יונג פון קיעלץ, ווייזנבערגן, האָט זי געמאַכט פאַר קאָמענדאַנט פון דער פאָליציי און דעם צווייטן שוואָגער, פעלדמאַן, דעם בעקער פון סקאַרזשיסקאָ, האָט זי געמאַכט פאַרן באַלעבאָס איבער דער גאַנצער אַפּראָוויזאַציע פון לאַגער. ער האָט אויסגעצײלט און אויסגעטיילט דאָס ברויט, די מאַרמעלאַד און די קאַווע. דאָס האָט אים געגעבן מעגלעכקייטן צו פאָרן יעדן טאָג אין שטאָט אַריין, צו דער בעקעריי און דערוויילע דערלייִדיקן פאַרשידענע עסקים און אָנהאַלטן די היימישע קאָנטאַקטן מיט די גוים פון שטאָט.

אַזוי אַרום איז די גאַנצע אויבערמאַכט פון לאַגער איבערגעגאַנגען אין די הענט פון דער דאָזיקער משפחה.

IV

דער עלטסטער שוואָגער פון „ווייסן הויז", פעלדמאַן, איז געווען אַ דיקער, בייזלעכער ייִד, ביי די פופציק. אַ סוחר פון אַלע יאָרן, האָט ער דאָ גענומען אויסטאַפּן אַלע מעגלעכקייטן, ווי אַזוי דאָ צו ציען פּראָפיטן, האַלטן שטרענג אַלץ אין דער האַנט און בייזערהייט לעבן מיט אַלעמען בשלום. די „טעכנישע" זייט פון זיין אַמט האָט ער איבערגעלאָזט ביי זיין געהילף, דעם פריערדיקן קאָמענדאַנט, הערצקע לעדערמאַן. ער האָט נאָר געזוכט מעגלעכקייטן, ווי אַזוי אויך דאָ צו לעבן בריווח מיט זיין משפּחה און דערלעבן דעם סוף.

זיין ווייב, ווי ביידע אַנדערע שוועסטער, איז געווען אַ הויכע, געזונטע ייִדענע. איר אַרבעט איז באַשטאַנען אין זיצן ביי זיך אין באַראַק און אויסהערן די פאַרשידענע אויסטערלישקייטן, וואָס דער מאַן האָט דער-

ציילט, צוריקקומענדיק פון שטאָט. אַ בייזע פון אַלע יאָרן, האָט זי אויך דאָ מקנא געווען די אַנדערע שוועסטערן, וואָס האָבן מער מאַכט און פּאָזיציע אין לאַגער, ווי זי און איר מאַן.

עס פלעגט טרעפן אַז דער אַלטער פעלדמאַן איז געקומען פון בעקערײַ מיט אַ הויך־אָנגעלאָדענעם וואָגן קאַכעדיק ברויט, וואָס האָט פאַרשמעקט דעם לאַגער. אין אַזאַ מינוט פלעגן זיך אָנלויפן חושבדיקע געשטאַלטן פון אַלע זײַטן. וויפל די פּאָליציי זאָל זיי נישט געווען שלאָגן און טרײַבן — האָט עס נישט געהאָלפן. יעדער איינער האָט זיך געהאַט זײַן חלום פון אַביסל גליק: אפשר וועט אַראָפּפאַלן אַ ברויט... און אפשר וועט ער זיך קענען צורײַסן און אָפּקנײַפּן אַ שטיק... דער עיקר אָבער איז געווען אַ קרן דאָס אײַנאָטעמען אין זיך פון גאָר־נאָענט דעם זיסלעך־שמעקעוודיקן ריח, וואָס דערפרישט און ער ווארפט גלײַכצײַטיק אַרײַן אין אַ פאַרחלשטן צושטאַנד.

אָבער די מסחר־גענייטע הענט פון פעלדמאַנען האָבן שוין באַצײַטנס גוט אײַנגעפּעקלט די ברויטן אין וואָגן, קיין ברעקל זאָל נישט אַרויספאַלן. גאַנץ באַזונדער האָט ער דאָרט אײַנגעקויפט אַביסל ברויט, מער ווי דער פּאַסונג, בכדי זיי צו פאַרקויפן פאַר הויכע פרײַזן אין לאַגער. וויל ער נישט, אַז צופיל אויגן זאָלן זען, ווי אַזוי ער סאָרטירט זיי אויס! ער האָט דערפאַר, אויסער דער פּאָליציי, אויך געהאַט אַ פּאָר יונגען, וואָס האָבן פאַר אַ פּאָרציע ברויט געהאָלפן טרײַבן דעם עולם. אַ גרויסע הילף האָט אים דערבײַ געגעבן דער ווילדער בן־יחיד זײַנער, אַ פופצן־יעריק יינגל. ער האָט זיך געוואָרפן אויף דער מחנה און געהאַקט מיט די געזונטע פויסטלעך איבער די קעפּ און ווו ס'האָט זיך געלאָזט... עס האָבן זיך אָבער געפונען אַזעלכע עקשנים, וואָס האָבן, ווי היפּנאָטיזירטע, נישט געוואָלט אָפּטרעטן. וואָס מער מען האָט זיי געשלאָגן, אַלץ מער האָבן זיי נישט געקענט באַגרײַפן:

— וואָס אַרט אײַך דען, פאַניע פעלדמאַן!? מיר טוען דאָך גאָרנישט! נאָר דעם ריח... מיר נעמען דאָך בײַ אײַך גאָרנישט...

דאָ האָט אויך פעלדמאַנס פרוי געוואָלט ווײַזן איר אָנזען. זי איז אַרויס מיט אַ קוויטש:

— שוין זאָלט איר זיך אָפּטראָגן, איר הערט? איך וואָרן אייך...

קיינער האָט זיך אויף איר אָבער נישט אומגעקוקט. פונעם טומל האָט זיך פעלאַ גראָד אויפגעכאַפּט און געלאַכן, מאַיעסטעטיש זיך צוגע־לאָזט נענטער צום המון. זי האָט קיין סך נישט געדאַרפט שרייען. מאַ־מענטאַל האָט זיך דער עולם צעשאָטן אין אַלע זייטן. פעלאַ האָט גאָר־נישט געזאָגט נאָר שפּאָטיש אַ בליק געטון אויף דער שוועסטער, וואָס האַלט זי אין איין מקנא זיין און פילזאָגנדיק און גיפטיק אַ זיי־געטון אַ פּאָר ווערטער דורך די ציין:

— נו, זעסט? דו וואָלסט דאָך אויך געקענט זיין קאָמענדאַנטין... וואָס?

אָפּגעזאָגט אירם — און אָוועקגעשפּרייזט, ווי איבער אַלעמענס קעפּ. דאָס האָט אָבער נאָך מער פאַרשטאַרקט די שטילע אייפערזוכט. אָבער צו קיין אָפענעם אויסברוך איז נישט געקומען. די שוועסטערן אירע האָבן אויך זיך געשראָקן פאַר איר בליק און נישט איינמאָל האָבן זיי זיך גע־מוזט ווענדן צו איר, זי זאָל זיי אַרויסהעלפן אין פאַרשידענע פאַלן. אַזוי אַרום איז פעלאַ געוואָרן די קרוין אויך פון איר משפּחה.

אין אַלגעמיין איז דער אַלטער פעלדמאַן נישט געווען להוט נאָך גרוי־סער מאַכט. זיין שטוב האָט ער געפירט מיטן גאַנצן, באַלעבאַטישן שטיי־גער פון אַ נאָרמאַל לעבן. פון געטאָ האָט ער זיך מיטגענומען אַ גרויסן טלית מיט אַ סידור, געראַטעוועט פאַר דער שוויגער אַביסל ווייבערשע ספּרימלעך און אויך ער אַליין האָט אין זיי אַמאָל אַריינגעבליקט. אין לאַ־גער איז ער געווען פאַרהאַסט צוליב דעם, וואָס ע ר האָט געהאַלטן די שליסלען פון ברויט און שטענדיק געהאַט וואַכע אויגן אויפן מאַגאַ־זין. עס זענען געווען געגנוג חברה, וואָס זייער הויפּט־חלום איז געווען: צו מאַכן דאָרט אַן איינברוך. אָבער פעלדמאַנס מיט פעטס־באַשלאָגענע איי־געלעך האָבן זיי דערפון אָפּגעהאַלטן. ער האָט אפילו אַזעלכן דערקענט, מיט אַ מאָדנעם חוש, פון ווי ווייט. ער האָט אים דערפאַר געוואָרנט, ווי נאָר ער האָט אים געזען זיך אַדורכדרייען:

— דו, וואָס שמעקסטו דאָ אויס? ס'וועט דאָך זיין אַ וויי־בראָך צו דיר...

און דאָס האָט געקלעקט זיי אָפּצוהאַלטן.

גאַנץ באַזונדער האָט ער געהאַט אַזאַ בעל־הביתדיק גענגל, מיט אַזאַ אונטערקרעכצלען, וואָס נאָר צופרידענע מיט זיך און זאַטע קענען עס אַזוי אַרויסברענגען פון זיך. ביי אים האָט זיך גאָרנישט געענדערט און אויך די שפּראַך זיינע און דעם לעבנס-שטייגער האָט ער זיך מיטגענו־מען אַהער און זיך דערמיט נישט זשענירט. ער האָט, למשל, געקענט שטיין מיט אַ מענטש אין מיטן הויף און שמועסן. אַרום האָבן זיך געדרייט אַזויפיל מענטשן, וואָס שטרעקן אויס די צונגען. ביים בלויזן זיך דער־מאָנען אין עסן. פעלדמאַן האָט אָבער הויך מיט זיין כריפּענדיק־זויערער שטים, פאַרענדיקט מיט יענעם זיין שמועס:

— ווייסט איר גאָר וואָס? כאַפּט זיך אַריין צו מיר היינט ביינאַכט, נאָך דער וועטשערע. די קינדער וועלן שוין שלאָפן און די ידענע וועט זיך מסתמא אַריינכאַפּן צו אַ שכנה — וועלן מיר קענען אַביסל אַ מוטל טון...

אַזעלכע ווערטער ווי „וועטשערע" און „קינדער וואָס וועלן שוין שלאָפן" און די יידענע, וואָס גייט כאַפּן אַ געמיטלעכן שמועס מיט אַ שכנטע — האָבן זיך אַ קוילער געטון איבערן גאַנצן הויף. עס האָט אַ שמעק געטון מיטן גאַנצן לעבן פון אַמאָל, וואָס נאָר ער איינער פאַרמאָגט עס נאָך... עס האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט דאָ זיך מיט אַלעמען גע־רייצט און געשיט זאַלץ אויף די אָנגעווייטיקטע ערטער. האָט מען אים שטיל נאָכגעשאָלטן:

— אַ כאָליערע אים! פאַרברענט זאָל ער ווערן!

פעלדמאַן האָט זיך דערצו אפילו נישט צוגעהערט. ער האָט נאָך אינ־גאַנצן געשטעקט אין זיין פריערדיקער וועלט, מיט אַלע קליינע הנאות — און אפילו נישט געכאַפּט זיך, אַז דאָס בלויזע רעדן וועגן דעם הויך, אויפן קול, טוט וויי מענטשן און רעגט זיי ביז משוגעת. האָט ער זיך געקענט אַרומכאַפּן מיט זיין פריינט, דעם גראָבן אַבראַם, אָדער מיט דעם אינטע־ליגענטן אינזשיניער קורץ און דערביי זיך סמאַקעווען אויפן קול:

— הערט איר, האָט מיין ווייב געקאָכט היינט אַ קרופּניק! אַי, איז

דאָס געווען אַ מאכל! שמאַלץ, מאַרך־ביינער און צוגערייִשטע ציבעלעס... די פינגער צו לעקן!

ער האָט אפילו נישט אָפּגעגעבן זיך אַ חשבון, ווי ווייט זיין התפעלות שטעכט די אַלע, וואָס כאַפּן אויף זיינע ווערטער און צעטראָגן זיי ווי בריענדיקע, קנאָהדיקע קוילן איבערן לאַגער...

זיין תענוגדיק זיפצן און באַרימעריי. איז ביסלעכווייז געוואָרן די הויפּט־דערמאָנונג פאַר אַ סך מענטשנס יסורים. איז ער אַזוי אַרום אַריינגעצויגן געוואָרן אין דעם שטילן, פאַרהאַסטן קרייז, וואָס די לאַגער־מענטשן האָבן געשאַפן. פאַר אַלע וואָס טראָגן זיך דאָ אַרום מיט מאַכט און זעט.

# קאַפּיטל איין און צוואַנציק

## I

מיטן אָנקום פון דעם מאַידאַנעקער טראַנספּאָרט איז אויך אין ווייסן הויז געוואָרן אַ גאַנצע איבערקערעניש. דער ערשטער וואָס האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָ קען מען עפּעס אַרויסציען נוצן פאַר שפּעטער, איז געווען פעלדמאַן. ביז איצט זענען אים אַלע געשעענישן אין לאַגער גאָרנישט אָנגעגאַנגען, זיי האָבן אים נישט אָנגערירט. ער האָט נאָר געזוכט ווי אַזוי צו מאַכן מסחרים ביי זיין שטעל; גראָב פאַרדינען ביי די איבריקע ברויטן, וואָס ער האָט איינגעהאַנדלט אין שטאָט און פירן אַ שטוב ווי אין די אַלטע, גוטע צייטן. וואָס גייט זיין פּעט, גראָב האַרץ אָן, וואָס דאָ טוט זיך אָפּ מיט עטלעכע טויזנט מענטשן? זיין פרוי האָט ער, די קינדער אויך און די פאַמיליע לעבט אויך, טאָ וואָס זשע? יאָ, אַמאָל האָט ער זיך אפילו אַריינגעכאַפּט אין סטאַשעווער באַראַק און אַריינגעכאַפּט אַ מנחה־מעריב מיט מנין; האָט ער שוין אַ מצווהלע אויך ווי געפונען אין איין וועגס. אין די אַנדערע נעכט האָט ער פאַרבעטן אַ פּאָר גוטע ברידער און מ׳האָט געמאַכט אַ קערטל אויך — קען מען זיך אַזוי גאַנץ רואיק איבערוואַרטן די מלחמה...

מיטן אָנקומען פון אַזאַ טראַנספּאָרט מענטשן האָט זיין פינדיקער קאָפּ עפּעס דערכאַפּט. געשמועסט האָט מען, אַז דאָ זענען געקומען, צווישן די אָפּגעריסענע קאַלניקעס, אַ גרויסע צאָל אינטעליגענץ... מענטשן וואָס קענען אין פרידנס־צייטן שפּילן אַ וויכטיקע ראָל און מיט די מענטשן דאַרף מען זיך אינטערעסירן. פּאַקטיש דאַרף ער נאָר דערשנאַפּן  אַ יי־נ ע ם ,  דעם וואָס ער מיינט. דערנאָך וועט שוין רעכט זיין...

דאָס וואָס פעלדמאַן האָט אין יענער צייט דערציילט בקול רם וועגן די גוטע מאַכלים, וואָס זיין ווייב קאָכט און דער רו וואָס הערשט אין זיין הויז, איז איצט געוואָרן אַ גאַר־אָפּטע דערשיינונג. ווען דער קלוגער קוריץ האָט אים איינמאָל שטילינקערהייט אַ רוים אַריין געטון אין אויער, אַז עס וואָלט גלייכער געווען ער זאָל דאָס זאָגן אביסל שטילער — האָט זיך פעלדמאַן צעקאָכט:

— זאָל עס זיי קרענקען, די לאַכודרעס! אַז נישט וועלן זיי מיר דען יאָ פאַרגינען? נאָר גלייבט מיר, כ'בין נאָך אַזוי קלוג ווי אַן אַנ־דערער...

פּאַקטיש האָט טאַקע דאָ פעלדמאַן עפּעס אויסשפּעקולירט. ער האָט זיינע ווערטער אַרויסגעטראָגן אויפן פּסיכישן מאַרק פון לאַגער און זיך געהאַט זיינע אויסרעכענונגען.

פעלדמאַנס טאָכטער, רעניאַ, איז שוין געווען אַ מיידל פון ניינצן יאָר. איבער דער צייט וואָס זי איז געווען אין לאַגער, איז זי אויסגע־וואַקסן און געוואָרן רייף. איר מומע, די קאָמאַנדאַנטין, האָט איר אײ־בערגעגעבן צו פירן די עווידענץ פון לאַגער און זי, מיט איר בילדונג פון אַ געענדיקטער פאָלקסשול, האָט געפירט די ביוראָ. דער תמיד־גוט־מוטיקער שמייכל איז קיינמאָל נישט אַראָפּ פון איר נאַאיוו־טעמפּ, שיין פנימל און הגם זי האָט געהאַט אַלס געהילף אַ בחור, מאַרעק, וואָס האָט פּאַקטיש געמאַכט די גאַנצע ביוראָ־אַרבעט, האָט אויך זי זיך גערעכנט צו די הויכע פיגורן פון דער לאַגער־פאַרוואַלטונג.

זי איז געווען שיין, רעניאַ; שיין און קינדיש־נאַריש. צוליב איר נישט דערוייפטקייט האָט זי אויך נישט געקענט זיין שלעכט. נישט איינ־מאָל האָט זי גענומען אַ רעפּטל ברויט און שטיל עס אונטערגעטראָגן אַ

פיקרינגער. דאָס איז ביי איר נישט געקומען אַזויפיל פון ווילן גוטס צו טון, ווי פון ש פּ י ל ... די געלע אָפּגעפּאַרבטע מענטשעלעך האָבן ביי איר אויסגעזען ווי שפּילעכלעך און זי האָט זיי אַמאָל אַרויסגעטראָגן ברויט, ווי מען פלעגט עס טון מיט פייגעלעך אַמאָל. זי האָט דערביי האַרציק אָנגעקוואָלן ווי יענער קען אַזש נישט אָטעמען פאַר איבעררא־שונג און שפּעטער וואָרפט ער זיך איר קושן די הענט, ציט זיך צוריק — ער זאָל זי נישט איינשטויבן — און שיט מיט ברכות, וויפל זי איז נאָר גרייט אויסצוהערן...

איר גאַנצע שיינקייט האָט עפּעס געהאַט נאָך נישט אויסגעשטאַ־נענס אין זיך. דער קערפּער איז שוין אויסגעפּולט געווען, אַפילו צו־דיק־לעך געוואָרן, אָבער אויפן פּנים איז געלעגן אַ חן, וואָס הייבט זיך ערשט אָן אויספּיקן אין די פאַרשידענע ווינקלען פון דער הויט. דאָס לעבן האָט זיך נאָך מיט גאָרנישט קיין בייזס און פאַרדאַרבנדיקס איינגעגעסן אין איר — האָט פון איר געאָטעמט מיט פרישקייט. איר שיינקייט איז דער־ביי געווען די בלויזע מי פון דער נאַטור און זי האָט אַפילו נישט פאַר־שטאַנען מיט איין קלוגן קנייטש צו פאַרטיפן דאָס, וואָס איר איז גע־שענקט געוואָרן.

נאָר אין אירע אויגן, גרויסע שוואַרצע אויגן, איז געלעגן אַזאַ פאַר־טראַכטער, גוטער צער. אַ גוטסקייט אַזאַ, וואָס דערציילט פון מיטגע־פיל, וואָס איז איינגעהילט אין אַ מחיצה; און נישט עמעץ ווייסט ווי אַזוי צוצוקומען צו אים און אים באַרירן און נישט זי אַליין ווייסט, ווי אַזוי אים צו נעמען און שענקען וועמען...

אַ טעמפּע בענקשאַפט נאָך עפּעס האָט פון זיי אַרויסגעקוקט. די אברים האָבן זיך ביי איר שוין אָנגעגאָסן מיט זאַפט. די גאַנצע ירושה פון דאָרפיש־געזונטע עלטערן האָט זיך געשפּאַרט מיט מילדע בלוט־און מילך־קאָלירן פון דער הויט אַרויס. האָט זי נאָכגעקוקט יעדן געזונטן בחור מיט פאַרשעמט־פאַרצויגענע אויגן. בענקשאַפט, ווי אינסטינקטיוו־טעמפּ זי זאָל נישט זיין, גיט צו רייץ, טיפערע שיינקייט ווי די וואָס פלייש און לייב אַנטפּלעקן. בפרט, ווען זי איז געווען די איינציקע, וואָס האָט געקענט גיין אָנגעטון מיטן גאַנצן שיק פון אַן אַמאָליקער שטאָטי־

שער טאָכטער — איז זי געװאָרן די פּרינצעסין פון לאַגער. די טאָכטער פון הערשנדיקן קרײַז.

אַמאָליקע, נאָרמאַלע צײַטן װאָלט אַזאַ מײדל געטון אַ שידוך אין שטעטל מיט אַ בחור פון פעלדמאַנס קרײַז. מעגלעך אַז מיטן שטיקל נדן, װאָלט זיך דאָס פּאָרפאָלק געמאַכט אַ קראָם, קינדער געבױרן און אין זײ װײַטער געצױגן דעם פאָדעם פון האָפענונג אױף קלײנע נחתן. דאָ אָבער האָט פעלדמאַן פאַר זיך געזען אַ גרױסע װעלט. ב ר ו י ט איז דאָ — לעבן. דאָ איז ער מאַגנאַט, שׂררה. אין לאַגער דרײען זיך אַרום יונגע מענטשן מיט הױכער בילדונג, מיט איבערגעריסענע, גרױסע צוקונפטן. יעדער פון זײ קען אױסגײן הײַנט אָדער מאָרגן פון הונגער, אין שמוץ... אײנעם קען זיכער פעלדמאַן שױן דאָ צוריקגעבן אַ מענטשלעך געשטאַלט, אַ נאָרמאַל לעבן און מעגלעכקײטן איבער׳צוהאַלטן, װי לאַנג ס׳װעט באַ־שערט זײַן... אפשר ביז איבערן נס פון היטלערס מפּלה! װער קען דאָס דען אָפּשאַצן?

נו, אױב ער האָט אַזאַ געלעגנהײט — קען ער דאָך אױסקלײַבן דאָס ב ע ס ט ע, ממש װאָס דאָס הארץ קען זיך נאָר דערלױבן צו גלוסטן... װער פון זײ דאָ װאָלט זיך נישט געפילט גליקלעך? דערנאָך, אױב מ׳װעט איבערלעבן, װעט ער האָבן דאָס גרעסטע גליק. אַז שױן אַן אײדעם — זאָל די װעלט נאָך אַמאָל קענען קלינגען מיט אים!

צו זײַן גיריק װײַב האָט ער געהאַלטן אין אײן אײנטענהן:

— נאַרעלע, װאָס װײסטו, װאָס װײסטו!? ברילִיאַנטן װאַלגערן זיך דאָ... װילסט — קענסטו שױן האָבן אַ דאָקטאָר, אַ... אַ פּראָפעסאָר! נאָר גאָרנישט — בײַ מיר ברענט נישט... א י ך האָב צײַט. מען דאַרף זיך נאָך אַלץ אומקוקן...

און ער האָט זיך אַרומגעקוקט און געזוכט צו רײַצן, מיטן דערצײלן הױך װאָס פאַר אַ שטוב בײַ אים איז... אַלעמאָל האָט מען אים דערצײַט פון אַן אַנדער ײנגל װאָס איז „דאָס און יענץ". ער איז נישט פױל געװען. מיט יעדן אײנעם פון די האָט ער פאַרפירט אַ שמועס, געטאַפּט אין װאָגן, אױסגעפרעגט זיך גלאַט אַזױ... אַ מענטש צו גאָט און צו לײַט דאַרף ער האָבן! אײנמאָל האָט ער אפילו פאַרהאַלטן מעבעלען און סתם

זיך אַזוי געגומען אויספרעגן: פון וואַנעט איז ער? אָך יאָ, דאָרט האָט ער געהאַט פאַמיליע... נו, זאָל ער נישט מיינען אַז פעלדמאַן איז אַזאַ גראָבער יונג. ער קען אין די דראָבנע אותיות אַביסל... און צו אַ ביכל קען ער אויך פאַרשמעקן... איז יאָ, אויב ער איז שוין טאַקע אַן איידל יינגל — קען ער זיך צוכאַפּן אין מאַגאַזין אַריין אַמאָל, פאַרנאַכט, ווען קיינער זעט נישט... ווייס איך וואָס... אַ שטיקל ברויט אַמאָל... אַ טראָפּן מאַרמעלאַד... מ'איז דאָך נאָר מענטשן! ווען מען אַמאָל אַ שמועס טון אַ פּאָר ווערטער... ס'פעלט דען פון וואָס צו רעדן? אַז אין די אָוונטן קען מען משוגע ווערן...

דער צעטומלטער מעכעלע האָט אים אָנגעקוקט און נישט פאַרשטאַנען: וואָס וויל דער ייד? און גיין זיך דרייען, ווי אַ הונט, נעבן מאַגאַזין האָט ער אויך נישט קיין חשק, בעת „זי" קען זיך דאָרט באַווייזן, די גאַנצע חברותא אירע...

אָבער פעלדמאַן האָט אַזוי געשנאַפּט; נישט נאָכגעלאָזט און היימיש געוואָרן, אַזוי מיט איינעם, אַזוי מיט צוויי, מיט פינף... קיינעם פון זיי האָט ער נישט נאָכגעלאָזט פון אויג. אַלעמאָל איז ער צוגעפאַלן צו אַזאַ, געפרייט זיך מיט אים און ווייטער געגאַנגען. מיט די פּאָר עלטערע און היימישע מענטשן, וועלכע ער האָט געהאַלטן פאַר מבינים אויף „עפּעס גוטס" ווי אינזשיניער קורץ אָדער אוישער, דער זייגערמאַכער, האָט ער זיך נאָר מיישב געווען אויף אַ האַלבן לשון, סתם אַזוי — גאָרנישט צו זאָגן נאָר צו הערן אַ וואָרט:

— נו, וואָס זאָגט איר צו דעם יאַטל, האַ? אַ קאָפּ ווי פייער, ניין? אַזעלכער וואָלט געקענט אַ וועלט פאַרברענען, ווען נישט דער ימח־שמוניק... נאָר — גיי מאַך עפּעס...

אַזוי איז ער אַרומגעגאַנגען, געזאַמלט קאַנטשאַפּט און אָנגעקוואָלן פון דעם, וואָס ער קען זיך דאָ אַלץ אויסקלייבן. פון יעדן איינעם האָט געוווּסט דאָס ווייב, די שוויגער... נאָר ער איילט זיך נישט. צייט איז דאָ — ווערט מען זען. אָבער נחת האָט ער פון בלויזן געדאַנק, אַז ס'איז דאָ גענוג... זאָל ער נאָר וועלן! וואָסי, ביי זיי פרעגט מען עפּעס? און

נישט איינמאָל האָט ער אַזוי, פון פאַרגעניגן וועגן זיך אויסגעטענהט מיט דער שוויגער זיינער:

— נו, איר זעט דאָך; נישטאָ קיין שלעכטס אָן עפּעס גוטס דער־ביי... קוקט נאָר אָן, קיין עין־הרע וואָס דאָ טוט זיך... דאַרפסט נאָר אַ פּיפּס טון און — שוין... ווי זאָגט איר, אין פרידנסצייטן וואָלט פעלדמאַן בעקער אויך געקענט זיך אָנמאַכן אַזאַ אַפּעטיט? איי, די צייטן, די צייטן!

דעם לעצטן זיפץ האָט ער נאָר געטון, יוצא צו זיין פאַר דער צייט...

## II

פעלדמאַן האָט זיך באמת מיט אַלע כוחות צו דערהאַלטן זיין באַ־לעבאַטישן שטאַנד אין לאַגער. פאַר זיין בן-יחיד, בעניעקן, האָט ער אפילו אויסגעזוכט עפּעס אַ פרום מעלמשל, וואָס האָט פאַר עטלעכע שטיקלעך ברויט מיט מאַרמעלאַד אַ וואָך געפּרוווט אַריינקנעלן אין דעם פּופּצן־יאָריקן בחורעץ אַ שייטל עברי. דער יונג איז אָבער שוין אויסגעוואַקסן פון די קינדער־הייזלעך, זיך אַריינגעבאָרן אין מאַגאַזין־עסקים און אַרומ־געלאָפן הוליען מיט דער פּאָליציי. מיטן מלמד זיינעם איז ער שנעל פאַר־טיק געוואָרן. נישט איינמאָל האָט ער דעם דאָרן מוזולמאַן גוט אויסגע־פּאַטשט אָדער ער האָט אים אַריינגעשטעקט אַ שטיק ברויט, ער זאָל אים לאָזן צורו און נישט דערציילן דעם פּאָטער דערפון. ביי פעלדמאַנען איז ער נאָך געווען אַ קינד וואָס דאַרף לערנען עברי — האָט ער נישט געקענט איינזיצן אין שטוב. אויפן הויף האָט ער זיך געפילט בעסער. דאָרט איז ער אַליין געווען אַ שטיק קאָמאַנדאַנט, געקענט שלאָגן און הנאה האָבן, ווי אַלע האָבן פאַר אים דרך־ארץ. די מיידלעך פון לאַגער האָבן שוין אויך גע־ווּסט, אַז דער גרויס־אויגיקער בעניעק, מיטן ווייכן פּנימל, איז שוין לאַנג אויס קינד געוואָרן. טייל פון זיי האָבן געוווּסט, אַז מען דאַרף אים אויסמיידן און אַנדערע האָבן געזוכט, ווי אַזוי אים צו קומען גלייך אין די אויגן אַריין.

דער קליינער האָט זיך אָנגעטון די זעלבע שטיוול, וואָס זיין פעטער

וויזנבערג, דער קאָמאַנדאַנט פון דער פּאָליציי. ער האָט זיך אויך אויס־געלערנט אַ טרונק טון פון דעם ביטערן טראָפּן און האַלטן פּאַסאָן, גלייך ווי קויפמאַן און אַנדערע דערוואַקסענע קרובים אין דער משפחה פון די רעגירער. זיין אומשולדיקע יינגלערישקייט האָט ער אָבער נאָך נישט פאַרלוירן פולשטענדיק. ער האָט געהאַט אַזאַ מין נייגונג צו באַקענען זיך מיט איבערגעוואַקסענע פאַר אים און ביי זיי זיך אָנהערן אַזעלכעס, דורך וועלכן ער זאָל קענען פאַרשטיין אַ סך זאַכן, וואָס זענען פאַר אים אינטערעסאַנטער געווען פאַר עברי. ער האָט שוין געוווּסט ווי אַזוי צו פאַרשלעפּן עסנוואַרג פון פּאַטערס מאַגאַזין און עס אונטערטראָגן הונגע־ריקע פון לאַגער. ער האָט זיך נאָר אויסגעזוכט אַזעלכע, וואָס זענען אים געפעלן. ער האָט איבערהויפּט געהאַט אין זיך עפּעס פון אַ שפּיר־הינטל און ער האָט אויף אייגענער האַנט זיך דערוווּסט אַ סך זאַכן, וואָס זיין משפחה האָט פאַר אים אויסגעהיטן.

טאַקע ער האָט דער ערשטער אויסגעפּויקט פאַר עטלעכע מענטשן אין לאַגער, אַז די „מומע" האָט שוין פאַר רעניען אַ חתן אויפן אויג... דער טאַטע ווייסט נאָך נישט דערפון, דער בחור אַליין ווייסט נאָך אויך נישט, נאָר זי, די טשאַטשע פעלאַ, האָט עפּעס געזען אַ יינגל פון די קאַ־עלניקעס און אים איינמאָל געוויזן רעניען. זי האָט דערביי שטיל אַ פרעג געטון:

— ער געפעלט דיר, זאָג?!

נאָר דער קליינער בעניעק האָט עס אונטערגעהערט און באַלד עס צעטראָגן צו די פּאָר מענטשן, מיט וועלכע ער האָט ליב געהאַט צו פּלאַפּ־לען. ער האָט אפילו שוין געוווּסט אַז עס וועט זיכער זיין ביי זיי אַ חתונה, ווייל ער האָט געזען ווי רעניאַ איז רויט געוואָרן און די מומע האָט איר פריילעך געגלעט די האָר פון קאָפּ...

ווען דער אַלטער פעלדמאַן האָט געהערט עס פון זיין קיביצער, קורצם, מויל, האָט ער עס אַליין נישט געקענט צוגלייבן. דאָס ערשטע, וואָס ער האָט געהאַט ביכולת — האָט ער געטון. ער איז אַוועק און פעסט אויסגעפּאַטשט דעם „קליינעם יונג" זיינעם. דאָס האָט אָבער ווייניק וואָס געהאָלפן. זיין שוועגערין האָט זיך שוין געהאַט אירע פּלענער,

וועלכע זי האָט גענומען אויספירן, ווי ז י האָט געוואָלט און ער האָט דערמיט געמוזט צופרידן זיין.

מיטן שטראָם פון מאַידאַנעק האָט עס אויך פאַרשלעפּט אַמיטל־געוויקסיק, דאַר בחורל פון לעמבערג. ער איז געווען דער זון פון אַ באַ־קאַנטן אַסימילירטן פּראָפעסאָר אין לעמבערג, ה אַ נ ד ע ל. ער איז אַוועקגעשלעפּט געוואָרן אין די לאַגערן אַלס מעדיצין־סטודענט און אין ווערק צע האָט ער שוין פאַרלוירן דאָס ביסל פליש פון זיך. ער איז אַריינ־געפאַלן צו די גראַנאַטן און באַלד געוואָרן אַזוי מוזולמעניש ווי אַלע פון זיין האַלע. נאָר עמעץ האָט וועגן אים דערציילט דער קאָמאַנדאַנטין און זי האָט זיך מיט אים אינטערעסירט. זי האָט אים קודם אַרויסגענו־מען פון אַ שווערער האַלע אין אַ לייכטערער און דאַן אים גענומען אויס־קליידן, ער זאָל צוריק באַקומען אַ שטיקל אויסזען.

עס האָט איר אימפּאָנירט זיין רייכע, אַריסטאָקראַטישע אָפּשטאַ־מונג און דאָס וואָס דער בחור איז געווען פולשטענדיק אַסימילירט און אַפילו רעכט נישט געוווסט, וואָס אַזוינס עס איז יידישקייט. פונקט אַזוי ווי ער האָט זיך אויף די האַלעס געפילט פאַרלוירן, ווייל ער האָט נישט געקענט קיין יידיש און חברה האָט פון אים אָפּגעלאַכט און פון זיין פוי־ליש — אַזוי האָט עס אים פאַרכאַפּט, ווען ער איז פלוצים פאַרגעשטעלט געוואָרן דער קאָמאַנדאַנטין אַליין.

אַ שטילער, אַן איידעלער — האָט ער נישט געקענט זיך קיין עצה געבן מיט דער פיזישער, שווערער אַרבעט אין פאַבריק. דאָס וואָלט פאַר אים געווען דער טויט. ער איז צוגעווווינט געווען פון דער היים צו אַ גוט לעבן און דאָ איז אים נישט מעגלעך געווען זיך אַדורכצוזעצן. ער האָט נאָך פון דער היים געהאַט אַ דרך־ארץ פאַר העכערער מאַכט און די קאַ־ריערע־חלומות האָבן זיך שטענדיק געצויגן צו די העכערע פענצטער. אין נאָרמאַלע צייטן וואָלטן עס געווען די הויכע רעגירונגס־קרייזן פון דער מלוכה. דאָ אָבער זענען די האָריזאָנטן איינגעשרומפּן געוואָרן, די וועלט איז געוואָרן אַ קליין לאַגערל, אין וועלכן עס געפינען זיך אַ פאָר טויזנט מענטשן און אין דער שפּיץ פון דאָזיקן אָפּגעשניטענעם וועלטל שטייט אַ

פרוי. זי איז דאָ קעניגין און ס'איז די העכסטע דערגרייכונג — זיך צו איר צו דערלאַנגען. האָט ד אָ ס אים אימפּאָנירט.

פעלאַ האָט זיך געהאַט אירע חשבונות. זיין פאָטער, האָט מען איר דערציילט, איז געווען פון די העכסטע שפּיצן אַריסטאָקראַטיע. ער זאָל נאָך איצט לעבן ערגעץ אויף דער אַרישער זייט. אויב די וועלט זאָל באַפרייט ווערן און ס'זאָל אויפשטיין אַ ניי פּוילן, וועט ער זיכער שפּילן אַ גרויסע ראָלע — דאַרף מען זיך באַוואָרענען אויף שפּעטער. איבערהויפּט האָט זי זיך אַרומגעטראָגן מיט פּלענער, ווי אַזוי צו נעמען זיך, מיט דער גאַנצער משפּחה און זיך אַריסטאָקראַטיזירן. דאָ איז די בעסטע צייט אויף אַ לייכטן אופן צו פאַרבינדן זיך מיט הויכן יחוס. ווער וועט זיך דען נישט פילן גליקלעך צו ראַטעווען זיך און לעבן נאָרמאַל? שפּעטער קען געלינגען איבערצולעבן און פּטור ווערן פון דעם דאָרפישן שטאַם. זי אַליין האָט אויך געזוכט פאַר זיך עפּעס אַ גאָר־וואָזשנע פאַרבינדונג. זי האָט געהאַט נאָך ווייטערדיקע פּלענער. אָבער דעם אָנהייב זאָל מען מאַכן מיט רעניאַן. זי האָט געהאַט אַ פּלאַן, אויפצושטעלן אין לאַגער אַ שפּיטאָל, מאַכן האַנדלען פאַר „שעף־אַרצט" און אַזוי אַרום ביסלעכווייז אַלע הויכע אַמטער באַזעצן מיט ניי־אַריינגעצויגענע אין דער משפּחה.

די נעץ אַרום דעם נאַאיוון יינגל איז געווען אַזוי פּאַרוויקלט; די אויסזיכטן צו קענען האָבן אַ זאַט און רואיק לעבן האָבן אים אַזוי פאַרכאַפּט, אַז ער האָט זיך באַלד פאַרליבט אין רעניאַן און זי אין אים. מען האָט אים באַלד אויסגעקליידט, אויסגעקעמבלט און ער האָט צוריק באַקומען זיינע אויסגעבאַליעט-יונגטלעכע קאָלירן. דער לאַגער האָט אויף אַמאָל פאַר אים באַקומען דרך־ארץ. ער איז נאָמינירט געוואָרן פאַרן הויפּט פון אַלע לאַגער־דאָקטוירים און יעדער באַזונדער האָט זיך געבויגן פאַר אים, אויסצופועלן אַ טובהלע.

ער אַליין האָט זיך זייער גוט געשפּירט אין דער ראָלע פון אַ יונגן פּרינץ אין דער דאָזיקער מלוכה פון טויט און אָנגרענעצדיקן אומגליק. אין פאַרלויף פון אַ קורצער צייט האָט ער באַקומען אַ וויכטיקע מינע אויף זיין שיין, יינגלש פּנים און אָנגעהויבן לאָזן פילן, אַז ער מאַכט אין לאַגער. די חתונה האָט פעלדמאַן געפּראַוועט מיט פּאַראַד. עס האָט זיך

אָפּגעזוכט אַ רבֿ אַ זון, פֿון אָטוואָצק, וואָס האָט פּאַר אַ פּאָר פּאָרציעס ברויט געפּראַוועט דעם סדר־הקידושין מיטן גאַנצן קנאַק און פעלדמאַן אַליין האָט געטיילט די פּיקרינער צו האַלבע פּאָרציעס ברויט, לכּבֿוד דער גרויסער שמחה. דערנאָך האָט מען זיי געגעבן אַ צימערל אין הער־שער־הויז און עס איז צוגעקומען נאָך אַ „קעניגלעכע" משפּחה.

עס איז אָבער רירנדיק געווען די ליבע צווישן די דאָזיקע צוויי גרוי־סע קינדער, די איינציקע פֿון יענער משפּחה, צו וועלכע דער לאַגער האָט כמעט קיין האַס נישט געפֿילט. ער, אַן אַכט און צוואַנציק־יאָריק קינד, וואָס האָט אין דעם צעפּיעשטשעטן הויז ביי זיינע עלטערן נישט דער־קענט די וועלט, אויסער זיינע שול־ביכער, האָט שטענדיק נאָר גע־שמייכלט גוטמוטיק און צופֿרידן. אין מאַידאַנעק האָט ער דאָס ערשטע מאָל דערקענט די גרויל און די מענטשלעכע ליידן. ער האָט נישט אַלץ געקענט באַגרייפֿן מיטן שכל.

זיינע אייגענע יסורים האָבן אים די ערשטע טעג נישט געלאָזט אויפֿ־נעמען די נייע געשעענישן מיט אַן אָפֿענעם מוח און פֿאַרשטאַנד. זיינע הונגער־טעג און קלעפּ זענען אַליין געווען אַ צו־גרויסע רעטעניש, צו קע־נען זיי אינגאַנצן באַגרייפֿן און דורך זיי — דאָס אַלץ וואָס קומט פֿאָר מיט אַנדערע, מיט דער וועלט... ער איז געלערנט, ד ר ע ס י ר ט גע־וואָרן צו רעדן צו מענטשן מיט אַ שמייכל, מיט איידעלע אויסדריקן און איצט האָט דאָס אַלץ געקראַכט. דעם נייעם אופֿן פֿון זען אַ וועלט, אונטער אַנדערע אומשטענדן — דאָס פֿילן אויף זיין הויט די אַנדערשקייט האָט אים געוויזן עפּעס אַזוינס, צו וועלכן ער האָט באַדאַרפֿט יאָרן, אַז ער זאָל זיך איינלעבן דערמיט און באַנעמען.

ערשט ווען ער איז אַריינגעקומען צו פעלדמאַנען אין שטוב און זיך באַפֿרייט פֿון דעם אייגענעם הונגער, ווען ער האָט שוין נישט געמוזט האָ־רעווען שווער און כאַפּן קלעפּ און זידלערייען — האָט ער פּסיכיש געהאַט די מעגלעכקייטן צו דערזען, ווי אַזוי עס לעבן אַנדערע מענטשן, וויפֿל עס שטאַרבן און ווערן צעטרעטן יעדן טאָג. ערשט דאַן האָט ער אָנגעהויבן מיט זיין נישט־אויסגעשליפֿענעם שכל זיך אַריינצוקלערן אינעם גרויסן פּלאָנ־טער: פֿ אַ ר וו אָ ס ?

די שמוציקע נישט־ערלעכקייט האָט אים נישט געקענט אדורכנעמען צוליב זיין פלאַכקייט און נאַאיוויטעט. זיינע געפילן האָבן זיך באַוועגט לאַנגזאַם ווי אין אַ גאָרסעט און אויך צו די ראַפינירטע מאַכערייען פון זיין נייעם אומקרייז — וואָלט ער באַדאַרפט ציַיטן און צייטן, ביז ער וואָלט אין זיי נ אַ ט י ר ל ע ך אַריינגעקראָכן. גראָד ער האָט נישט געקענט דעמאָראַליזירט ווערן און די קינדישע גוטסקייט, אָן חכמות, האָט פון אים עפּעס געפּאָדערט.

זיין ווייבל רעניאַ איז ממש געווען די צוגעפּאַסטע פּאָר צו אים. זיי זענען כסדר געגאַנגען איבערן לאַגער, ליבלעך־שפּילעוודיק אָנגענומען פאַר די הענט און ביידע האָבן גליקלעך געשמייכלט. איינער האָט אין צווייטן געפונען זיין גאַנצע וועלט. ווען זיי האָבן צייט געהאַט, האָבן זיי גענומען סריכן איבער די באַראַקן און זוכן עמאָציעס, זען פאַרקריפּלטע און גוססים. דאָס האָט פאַר זיי נאָך מער אונטערגעשטראָכן ז י י ע ר גליק. עס האָט אָבער אין זיי אויך עפּעס   א ו י פ ג ע וו ע ק ט.

ד"ר האַנדל האָט גענומען זוכן, ווי אַזוי גוטס צו טון. אויף ביידנס פּנימער האָט זיך גענומען באַווייזן אַ גרימאַסע פון איבערגעגעבנקייט. ער האָט אָנגעהויבן שאַפן הילף פאַר עטלעכע אינטעליגענטן אין לאַגער און פאַרוואָרפן די קאָמאַנדאַנטין מיט פּלענער, ווי אַזוי מען קען דאָ אויסבעסערן די לאַגע פון די אומגליקלעכע. פעלאַ האָט דערביי איראָניש געשמייכלט. זי האָט געוווסט, אַז אַ שטיקל צייט וועט דאָס קינדישע פאַרפאַלק זיך איבערנעמען מיט אַזעלכע זאַכן, ביז זייער סיטואַציע וועט זיי פאַרשלינגען און פאַרדייען... האָט זי אויסגעהערט, צוגעזאָגט און — אָפּגעשלעפּט. האַנדל האָט זיך אָבער איבערגענומען מיט זיינע פאַרלאַנגען. דאָס צעקראָכענע בחורל האָט גענומען פאָדערן, רעדן שטרענגער און אפילו געגעבן אָנצוהערן פון אינטערווענצן. דאָ און דאָרט, אויף אייגענער האַנט. ביסלעכווייז איז ער אָבער שטילער געוואָרן, איינגעצויגענער. דאָס נאָרמאַלע עסן, שלאָפן און הנאה האָבן פון דער וועלט האָט אים געמאַכט פלעגמאַטיש, פויל — האָט ער עס אָפּגעלאָזט. נאָר אָן הבטחה האָט ער יאָ באַקומען: אין איינעם פון די נייע באַראַקן וועט מען מאַכן אַ גרויס שפּיטאָל פאַר קראַנקע — וועט ער, אַלס הויפּט־דאָקטאָר קענען דאָרט איינ־

אָרדענען, ווי ער וועט וועלן! זאָל ער דאָרט ראַטעווען, זיך אָפּגעבן די קראַנקע וויפל זיין האַרץ גלוסט! נאָך אַ קורצע צייט זאָל ער צוואָרטן... ער וועט זען. האָט ער געוואָרט.

דערווייל האָט ער זיך אַרומשפּאַצירט מיט רעניאַן, געקוקט זיך אין די אויגן אַריין מיט אַ גליקלעכן שמייכל און געקוואָלן פון זיך. דער גאַנצער לאַגער האָט זיי נאָכגעקוקט מיט קנאה, אָבער גלייכצייטיק הנאה געהאַט, וואָס אין דאָזיקן גיהנום געפינט זיך נאָך איין גליקלעך, מענטשלעך פּאָרפאָלק אין דער ערשטער אומשולדיקער יוגנט...

## III

דער קאָמאַנדאַנט, ווייזנבערג, האָט זיך אין לאַגער געפילט ווי אין אַ גן-עדן. דאָס ערשטע וואָס ער האָט געזוכט צו פּאַרווירקלעכן איז געווען הערשאַפט. ער האָט זיך אַ לאַנגע צייט געיאָגט איבערצושטייגן זיין שווערן און נישט געקענט. זי האָט באַוויזן צו האָבן קאָנטאַקט מיט פאַרשידענע קאַרפּן-קעפּ, צו וועלכע ער, מיט זיין לשון, האָט נישט געקענט צוקומען. פאַר אים איז בעסער געווען צו האַלטן זיך פון דער ווייטנס און זי לאָזן דערליידיקן די אַלערליי פאַרפּלאָנטערטע ענינים. ער האָט פאַר איר אויך מורא געהאַט. אַז זי וויל — קען זי אַלעמען ליקווידירן. ווען עס האַנדלט זיך אין איר מאַכט-אַמביציע קען זי אויך דעם אייגענעם שוואָגער נישט שוינען. דערפאַר האָט ער רעזיגנירט פון אָפענער ריוואַליזאַציע מיט איר און באַשלאָסן זיך צו פאַרפעסטיקן אין דער פּאָליציי. אַ געוועזענער חברה-מאַן פון דער אונטערוועלט, איז ער געווען דער באַנאַלער געמיש פון רויער ברוטאַליטעט מיט סענטימענטאַלער גוטמוטיקייט. ער איז אָבער געווען ראַפינירט, כיטרע און פאַרשטאַנען, אַז דאָ טאָר ער זיך נישט לאָזן מיטרייסן מיט זיין אינסטינקט און ער מוז כסדר טראָגן אויפן פּנים די שטרענגקייט, וואָס פּאַסט אַ קאָמאַנדאַנט נאָכמער ווי אַ היטל מיט דריי שטערנדלעך און גלאַנציקע „גייערס"...

ער האָט אָנגעהויבן נעמען אונטער אַ שאַרפער דיסציפּלין אַלע פּאָליציאַנטן זיינע און זיי מושטירט ווי זעלנער אין אַ קאַזאַרמע. זיי האָבן אים

אַלע געמוזט סאַלוטירן ווי אַן אָפיציר און אפילו זיין וויצע־קאָמאַנדאַנט, דער אַמאָליקער פּראָלעטאַרישער פּאַרטיי־חבר, פעלדמאַן, האָט פאַר אים געציטערט און געוואָרן אונטערטעניק. פעלאַ האָט טאַקע אויסגעקליבן פאַר פּאָליציי, ווער ס'איז איר געפעלן, אָבער ווייזנבערג האָט זיי שטרענג גענומען אין דער האַנט אַריין און געהאַט זיך זיינע סימפּאַטיעס און אַנטיפּאַטיעס.

אין לאַגער האָט ער יעדן מענטש געהאַט אויפן אויג און אַלעמען געקענט. מיט זיין שאַרפן בליק האָט ער תופס געווען, וועמען מען דאַרף געבן אַמאָל אַ חסד־שמייכל און וועמען מען דאַרף, אָן אַ פּאַרוואָס און פאַרוועז, אַלעמאָל אַ שמיר טון מיט דער בייטש, ווען ער ווייזט זיך אויף די אויגן. ער האָט קיינעם נישט צוגעלאָזט גאָר נאָענט צו זיך, הגם דאָס הארץ האָט אים געחלשט צו כאַפּן אַמאָל אַ שמועס מיט אַ „יאַט" פון אַמאָל, אָדער סתם מיט אַן עמך. דאָס, האָט ער געוווסט, וועט אַרונטעררייסן זיין פּרעסטיזש און אַלע וועלן אים נעמען קריכן אויפן קאָפּ...

— נאָר פון דער ווייטנס מיט זיי...

דאָס איז געווען זיין שטענדיק געבאָט פאַר דער פּאָליציי און פאַר זיך. מיט זיין הינטיש־שאַרפן חוש האָט ער אַרויסגעפילט, אַז אַזוי אַרום וועט ער האָבן מער אָנזען; אויך פאַר די פאַרשידענע אינספּעקטאָרן פון דער פאַבריק איז בעסער צו ווייזן, אַז דאָ ציטערט מען פאַר אים און מ'האָט דרך־ארץ. דאָס שטאַרקט די פּאָזיציע אויך אין זייערע אויגן. דער ערגסטער חטא ביי אים איז געווען, ווען אַ פּאָליציאַנט האָט זיך צופיל געהיימישט מיט אַ פשוטן חי־וקים פון אַ האַלע. די פּאָליציי האָט ביי אים געדאַרפט זיין אַ העכערע קאַסטע און ער זאָל זיין דער העכסטער איבער די הויכע, צו וועלכן עס זאָל זיין אַ זכיה צו קענען אַרויסרעדן אַ וואָרט. מיט דער דאָזיקער מידה, האָט ער געוווסט, קען ער זיך נאָך העכער מאַכן. און יעדעס מאָל, ווען אַ פּאָליציאַנט האָט פריידלעך געשמועסט מיט אַ פשוטער „לייזע" (אָפּגעריסענעם) האָט זיך אים אויסגעוויזן ווי אַ דערנידערונג פון זיין ראַנג.

ער איז ממש געקראָכן פון דער הויט. צו האָבן כאָטש אַ טייל פונעם מעכטיקן אָנזען וואָס אַ ליאַדע דייטש האָט ביי אַ ייד. האָט ער זיי אָנגע־

הויבן נאכמאכן ביז א פינטל. אליין, אויף אייגענער האנט, האט ער געמאכט שטרענגע אפעלן און ציילונגען. ביי דער מינדסטער פארשפעטיקונג האט ער געגעבן שמיץ און געמאכט שטראף־איבונגען. נישט איינמאל האט ער ארויסגעשלעפט א גאנצן באראק מענטשן און זיי געהייסן קוילערן זיך אויף דער ערד, זיך בייגן און אויפשטעלן אומצייליקע מאל, פאר עפעס א קליינעם חטא.

האבן די מאכט פון א דייטש — דאס איז געווען זיין קאמפלעקס און אלץ, וואס ער האט געהערט, אז דייטשן טוען אין די קאנצענטראציע־לאגערן, האט ער זיך באמיט נאכצוקאפירן. איינמאל אין א פיטש־נאסן ווינטער־טאג האט ער אפילו די גאנצע פרויען־אפטיילונג פון לאגער געצוואונגען זיך אוועקצולייגן, אלס שטראף, אינעם נאסן שניי אריין מיט די לייכטע קליידלעך זייערע...

דאס אלץ איז ביי אים געווען מער נאכמאלפעריי ווי רשעות, וואס האט אים אויך נישט געפעלט. א רויער, אבער פראקטיש־קלוגער יונג, האט ער מיט דעם געוואלט אנווארפן אן אימה — אזוי, אז אלע זאלן וויסן ווי אזוי זיי ליגן ביי אים אין דער האנט אויף לעבן און טויט, אויף חסד און שטראף. פון דעם קען מען א סך נוצן ציען און — ער האט געצויגן, אויף פארשידענע וועגן.

זיין צווייטע, נישט־קלענערע ליידנשאפט זענען געווען די מיידלעך. עס האבן זיך ארומגעדרייט אין די הונדערטער בלוט־יונגע, שיינע מיידלעך און ער האט געוווסט, אז ער איז זייער האר און באפעלער. דאס האט אים געצונדן און בייז געמאכט. ער וואלט אלע צוזאמען געוואלט האבן און איינשלינגען. ער האט גענומען מיט גוטן און גוואלד. עס זענען געווען פאלן, ווען ער האט געווארפן אן אויג אויף וועלכער, האט ער זי געלאזט פארשפארן פאר אן אויסגעזוכטן חטא אין לאגער־תפיסהלע און דארט זי גענומען מיט גוואלד אדער איינרעדעניש. אז יענע איז פארשפארט, בייננאכט, אין א קליין קעמערל! אבער איינמאל האט אים פארבאפט א קליין, בלאנד מיידעלע, וואס האט גראד געארבעט ביי דער פיקרין, טאשקע. ער איז צו איר צוגעבונדן געווארן אזוי שטארק, אז ער האט זי יעדעם מאל אפגעווארט ביים טויער און איר נאכגעקראכן איבערן גאנצן

לאגער פאר אלעמענס אויגן. ביינאכט איז ער געקומען א קאמאנדאנטיש־אויסגעפוצטער צו איר אין שמוציק־געלן באראקל און דארט אפגעלעגן שעהען. די מיידלעך, וואס האבן דארט געוווינט מיט איר, פלעגן זיך ארויס־שארן און זי איבערלאזן אליין. ווען דאס האט אבער געדויערט א לענגערע צייט, האבן זיי זיך שוין נישט זשענירט, פונקט ווי ער. עס האט אים אפילו פארלאזט די ספעציעלע הנאה פון כאפן מיט גוואלד. ער האט דאס קליינע מיידל באשיט מיט קליידער און מתנות און זיך געלאזט מיט זיין גאנצער גרויס פירן פאר דער נאז פון דעם ראפינירט־שעלמישן האלב־קינד. ער האט זי אפילו גענומען אויף ביינאכט צו זיך אין צימער, ווו עס איז גע־שלאפן זיין פרוי, מיט זיין טרויעריק, עלף־יעריק מיידעלע...

אין ווייסן הויז האבן זיך אנגעהויבן אויפרודערונגען. די קאמאנדאנ־טין, פעלא, האט צוערשט געמאכט סקאנדאלן. זי האט אין דעם געזען, נישט נאר א באליידיקונג פאר איר שוועסטער, וועלכע זי האט — פונקט ווי קיינעם אין דער וועלט — נישט איבעריק ליב געהאט. דאס האט פאר איר באדייט א באהאלטענע אפרעכענונג מיט איר פערזענלעך. נישט קענענדיק ביי איר ארויסרייסן די אויבערהערשאפט און זייענדיק אוממעכטיק קעגן איר — האט ער איר דא כאטש, געוואלט ווייטון מיט דער פארשעמונג פון אירם א נאענטן, וואס זאל זייטיק צילן צו איר.

פאליציי האבן שטילערהייט דערציילט צווישן זיך וועגן די גוואלדן ביינאכט אין יענעם באראק. מען האט געהערט דאס באפעלערישע קול פון פעלאן, ווייזנבערגס שארפע זיך־קעגנשטעלן און פעלדמאנס כריפענדיקע מוסר־זאגן „אז ס'איז א חרפה און א בושה"...

דאסמאל האט ווייזנבערג געזיגט. אויך פעלא האט זיך געהאט אירע מעשים־טובים און זי האט נישט געקענט פארלאנגען פון איר שוואגער, ער זאל זיין צניעותדיקער פאר איר. האט זי נאר געהאט פאר דער שוועסטער איין עצה: אים אפצוצאלן מיט דער זעלבער מטבע. זאל ער פרווון נאר עפעס זאגן — איז זי פאראן דערויף.

ווייזנבערגס פרוי האט דערפאר להכעיסדיק גענומען זוכן אויף שנעל וועמען אין לאגער. מען האט זי גענומען זען ווי זי שלעפט זיך ארום א שטיקל צייט דא מיט איין יונג פאליציאנטל, דא מיט א צווייטן. דערנאך

האָט זי אַ שטיק צייט זיך אָנגעהאַנגען אין אַ נאַר יונג פֿאַראַרבעטערל ביי דער פּיקרין און פֿאַראַדירט מיט אים ספּעציעל, אַז אַלע אין לאַגער זאָלן עס זען. דאָס איז געווען אַ צאַרט בחורל פֿון אַ קליין שטעטל, וואָס האָט געהערט צו אַ חלוצישער אָרגאַניזאַציע און זיין איינציקער חלום איז אַמאָל געווען ארץ ישראל. ביי זיינע דריי און צוואַנציק יאָר איז ער נאָך געווען שיין און אומשולדיק ווי אַ קינד. ער האָט זיך נישט פֿונאַנדערגעקליבן, וואָס מען וויל דאָ פֿון אים און ווי ער קומט אין דאָזיקן פּלאָנטער אַריין. ס'איז געווען אַ צער צוצוזען, ווי אַזוי די הויכע שווערע פֿרוי ווייזנבערג הענגט זיך אָן אין דעם שלאַנקן, דינעם יינגל און ער קוקט אויף איר מיט דער־שראָקענע אויגן, ווי ער וואָלט געציטערט פֿאַר עפּעס אַ קאַטאַסטראָפֿע.

ווייזנבערג אַליין האָט זיך צוגעקוקט דערצו מיט אַ צופֿרידן און שטע־ביק שמייכעלע. ער האָט זיך אַפֿילו אָנגעהויבן פֿריינדן מיט דעם יאָסלען, אים געקלאַפּט גוטברודעריש אין פּלייצע און געזוכט פֿאַר אים פֿאַרשידענע פּריווילעגיעס. פֿעלאַ האָט אָבער אויך דאָ געהאַט אירע חשבונות. דאָ מוז מען דעם שוואָגער אַריינשטעכן, ער זאָל געדענקען! דערביי האָט זי נישט אַראָפּגעלאָזט פֿון געדאַנק איר פּלאַן פֿון אַריסטאָקראַטיזירן די משפּחה.

האָט מען טאַקע אין איינעם אַ טאָג געזען די פֿרוי ווייזנבערג מיט אַ נייעם בחור. דאָס איז געווען אַ רייך זונדל פֿון אַן אַסימילירטער, וואַר־שעווער משפּחה פֿון פֿאַבריקאַנטן. ער איז געקומען מיטן מאַידאַנעקער טראַנספּאָרט און איז שוין געווען אַ האַלבער סקעלעט. עס איז אים אָבער געלונגען אָנצוקניפּן קאָנטאַקט מיט זיינע פּוילישע באַקאַנטע פֿון אַמאָל, און זיי האָבן אים אַריינגעשיקט אַ געוויסע סומע געלט. די קאָמאַנדאַנטין האָט געהאַלטן אויג און געוווסט פֿון אַלע פֿעדעם, וואָס ציען אין „דרויסן" אַרויס. זי האָט זיך מיט דעם דאָזיקן לאַלעק הערלעך אינטערעסירט און אים איינגעלאַדן צו זיך. ער האָט אויף איר געמאַכט אַן איינדרוק מיט זיין אינטעליגענץ און שטילער ערלעכקייט. זי האָט דערפֿאַר אַריינגערופֿן די שוועסטער און דורך אַלע מיטלען פֿאַרפּלאָנטערט אַ ראָמאַן.

דער בחור האָט געוווסט, אַז זיין לעבן איז אין זייערע הענט. פֿאַר האָבן קאָנטאַקט מיט וועמען ס'איז, אויסערן לאַגער — האָט מען געשאָסן אַן צערעמאָניעס — און ער האָט דאָס געוווסט... האָט ער אָנגעהויבן אַריינ־

קומען אין די אַוונטן, זוכן צו פאַרגלעטן, זיי ווייכער צו מאַכן... אַ צייט האָט עס אַזוי געדויערט. פעלאַ האָט אים דערווייל געמאַכט פאַר פאַראַר־בעטער אויף איינעם פון די בעסטע פּלעצער, ביי שטיצן אין דער פּרויען־אָפּטיילונג, ביז עס איז איינמאָל דאָך געשען: ער איז דאָרט געבליבן נעבּ־טיקן. אַרויספּלאָנטערן זיך איז נישט מעגלעך געווען. אין זעלבן צימער, וווּ וויינזנבערג האָט זיך געברענגט זיינע, איז געשלאָפן דאָס קינד און לאָ־לעק האָט זיך באַזעצט מיט וויינזנבערגס פרוי.

דאָן איז אויך געשלאָסן געוואָרן דער שלום. פאַר אַלעמען אין די אויגן זענען זיי צוריק געוואָרן מאַן און ווייב, שפּאַצירט און געלאַכט צו־זאַמען, נאָר ביינאַכט האָט זיך אָנגעהויבן דער משוגענער מישמאַש פון פאַרברעכער. די אַלטע מוטער האָט זיך געבראָכן די הענט, געשריגן אַז „אין סדום איז אַזעלכעס נישט געהערט געוואָרן“... אָבער ווער האָט זי דען געהערט? מען האָט פון איר געלאַכט, ווען זי האָט כאָטש געוואָלט אַריבערנעמען דאָס טעכטערל צו זיך. האָט זי אַזוי לאַנג גערעדט, ביז ס'איז איר נמאס געוואָרן און זי האָט זיך געלאָזט זוכן אַנדערע נחתן איבערן לאַגער...

# קאַפּיטל צוויי און צוואַנציק

## I

מיט דעם האָט זיך דער פּלאָנטער אין יענעם הויז ווייט נישט געענ־דיקט. דאָס איז נאָר געווען דער וועגווייזערישער אָנהייב, וואָס האָט זיך דערנאָך אַריבערגעטראָגן איבערן גאַנצן לאַגער און געוואָרן דער טאָן־גע־בער פאַרן גאַנצן זומפּיקן תוהו־ובוהו פון אַ הפקר־וועלט, אָן צוימען און גרענעצן. פעלאַ האָט זיך נאָך געגרייט צו איר אייגענער הויפּט־אַוואַנטורע, וואָס זאָל שמעקן מיט עמאַציע, הפקרות, רויב און ווילדקייט. דאָס וועט שפּעטער ווערן די סטימול פאַרן ווערק צע, אַראָפּצוואַרפן פון דער נשמה אַלע מענטשלעכע הייטלעך. אָבער זי אַליין איז נאָך נישט גרייט דערצו.

דערווייל האט זי נאר קורצע עפיזאָדן און איבערלעבענישן. א גאַנץ אייגנאַרטיקע געשיכטע, וואָס דאַרף ווייזן, אַז אַ מענטשלעכע נשמה קען פוילן און פוילן, זינקען און זינקען אָן אַ סוף און דאָך זאָל זי נישט צעפאַלן זיך אינגאַנצן.

זינט איר אָנקום אין לאַגער האט זי פאַראַדירט מיט דעם לאַנגן גומישטעקן איבערן לאַגער. מיט איר איז אויך מיטגעקומען איר צווייטן מאַנס אַ ברודער, לאָלעק. די סענטימענטן צו איר מאַן האט זי אויך איבערגעטראָגן צו זיין ענלעכקייט, דעם צעקראָכענעם, אויסגעפראַנטעוועטן ברודער זיינעם. ער האט פאַר איר געציטערט און יעדעס וואָרט אירס האט ער אויפגענומען מיט אַ מאָדנע־שרעקעוודיקער געהאָרכזאַמקייט. אים האט זי באַשטימט פאַר דעם מאַגאַזינער פון דער מלבושים־אָפטיילונג. צוליב זיין אַמט האט ער טאָג און נאכט געהאַט צו טון מיט אַלע מיידלעך און פרויען פון לאַגער... ווי נאָר ער האט זיך באַוויזן אויפן הויף, האָבן זיי אים אַרומגערינגלט גרופנווייז, אָדער אים אָפגעוואַרט באַזונדער אין אַ ווינקל. יעדע איינע האט געזוכט מיט עפעס־וואָס זיך צוצודעקן די שטיקער נאַקעטקייט. אַנטקעגן זיי האט לאָלעק אָנגעשטעלט אַ קינסטלעךשטרענג פנים און געהאַלטן אין איין טענהן, אַז ער האט גאָרנישט אין מאַגאַזין, ממש קיין צעריסענע שמאַטע אפילו... האָבן זיך אַלע גענומען צו אים חנדלען, קאָמפּלימענטן געמאַכט און געבעטן, ער זאָל זיי דאָך עפעס אויסזוכן פאַר זיי. די וואָס זענען אים געפעלן, האט ער באַשטעלט, זיי זאָלן צו אים קומען אין די אָוונט־שעהען. מיט דער צייט האט ער אַריינגעשטעלט זיין בעטל אין מאַגאַזין אַריין און דאָרט געוווינט. דערפאַר האט ער זיך אַרומגעדרייט בייטאָג אין לאַגער פלעגמאַטיש־פויל און פאַרשלאָפן.

ער איז פעלאַן שנעל נמאס געוואָרן. זי האט כסדר געזוכט נייעס. האט זי זיך אַלע מאָל שטיל געסודעט מיט אַן אַנדער פּאָליציי־בחור, דערנאָך איז עס איר ווידער נמאס געוואָרן און זי איז ווייטער געווען נערוועז און פול מיט משוגענער דערוואַרטונג. יעדער טראַנספּאָרט מענטשן האט צעפלאַקערט איר נייגיר, וועלכער האט זיך אָבער באַלד פאַרלאָשן, ווי אַ האַסטיק־פלאַקערדיקער קנויט, וואָס גיסט אויס פון ליכט מער חלב ווי ער פאַרצערט. דעם גרעסטן טייל טאָג האט זי אויסגעפולט מיט פאַרשי־

דענע עסקים און צוזאַמענטרעפן מיט אַלערליי מייסטער, ווערקשוץ און סתם גויים, וואָס זענען געקומען אויפן שטח פון לאַגער. קיינער האָט נישט געוווּסט וואָס פאַר אַ געשעפטן זי פירט און וואָס פאַר אַ פּלענער זי גרייט צו. איר וועג האָט זי באַהאַלטן נאָר פאַר זיך אַליין.

לעצטנס, פאַרן אָנקומען פון דער מאַידאַנעק־גרופּע, האָט זי פאַרכאַפּט דער קאָמאַנדאַנט פון דער ביוראָ, מאַרעק. דאָס איז געווען אַ מיטלוווּק־סיקער, דיקלעכער בחור מיט אַ גוטמוטיק־געכאַליעטן אויסזען. ער האָט זיך אָבער געהאַט זיין אייגענעם גאַנג און פּאָזיציע אין לאַגער און זי אויסגענ־מיטן. דאָס איז געווען איר איינציקע, קליינע טראַגעדיע. זי האָט געהיטן איר שטאָלץ מער ווי אַלצדינג אין דער וועלט, דאָך האָט זי אַלץ געטון, בכדי אים צו געווינען. ווען דאָס איז איר נישט געלונגען — איז עס ביי איר געוואָרן אַ מין קראַנקהייט. זי האָט געזוכט אונטערטעניקייט פון אַלע־מען און דערפאַר נישט געקענט זיך אַליין אַראָפּבייגן ביז אַ קליינעם טעקרעטאַרלס פוס. זי האָט געוואָלט נעמען, אָבער נישט סתם־בעטלען און זיך דערנידעריקן. איר פרויען־אינסטינקט, וואָס איז נאָך געווען ווילד־שטאַרקער ווי ביי אַנדערע, האָט אָבער נישט געקענט שלום מאַכן מיט איר קאָמאַנדאַנטישן שטאָלץ. זי האָט געשיצט איר מאַכט, מיטן פאַרבייגיין נעבן אים גלייכגילטיק, מיט אַ חוזק־שמייכעלע, אָבער זי האָט דערביי גע־ליטן אַלס פרוי, וועלכע עס ציט צו דערגרייכן איר זיג אפילו דורך דער גרעסטער הכנעה. צווישן די צוויי הכנעות האָט זי אויסגעקליבן די שוואַ־כערע. זי האָט אויפגעהיט איר מאַכט, געווען ווייטער צו אים ווי אַ באַ־פעלערין איבער איינעם פון אירע פונקציאָנאַרן, דאָס איז אָבער געוואָרן אירס אַ ווייטיקלעכע וווּנד. אין לאַגער האָט מען געוווּסט, אַז זי איז אין אים אַזוי שטאַרק פאַרליבט; אַז זי איז אפילו גרייט מיט אים אַמאָל חתונה צו האָבן און אַז זי האָט איר דאָזיקע האָפענונג נאָך נישט אויפגעגעבן. זי האָט נאָר געוואַרט, ביז ער וועט זוכן דעם וועג צו איר און זי האָט איר שפּיל געפירט מיט דער גאַנצער אָנגעשטרענגטער שטייפקייט. זי האָט גע־וווּסט, אַז דאָס איז די טעמע פון די שושקענישן אין לאַגער. דערפאַר האָט זי זיך באַמיט דאָס צו פאַרדעקן, באַווייזן אַז זי איז אַנדערש און אַז זי

שטייט העכער פון אַלע נאַרישקייטן, אַז זי מיינט אים גאָרנישט און ווען זי זאָל נאָר וועלן — וואָלט ער זיך גאָר געפילט גליקלעך...

בכדי צו פאַרדעקן איר שוואַכקייט האָט זי אַפילו אָפּגעשטעלט קעגן איב אירע אָנגעהויבענע, קוים־מערקבאַרע, לייכטע שיקאַנעס — אויף וועלכע זי איז געווען אַ מייסטערין. זי האָט צו אים אַרויסגעוויזן איבערגעטריבענע פריינטלעכקייט און צווישן מענטשן האָט זי אויף אים געקוקט מיט אַזאַ ספּעציעלן בליק פון מכלומרשטן באַדויער, ווי מען קוקט אויף אַ פאַרליבטן, וואָס האָט נעבעך נישט קיין גליק... און זי איז דערביי די העלדין פון יענעמס שלימזלדיקייט.

מיטן אָנקום פון די קאַפעל־מיידלעך האָט זיך אויך באַוויזן אַ בלאָנדע שיינהייט פון וואַרשע, וועלכע מאַרעק האָט גענומען פאַר זיין „קוזינקע" דאָס האָט פעלאַ די ערשטע צייטן נישט געקענט איבערטראָגן. עטלעכע טעג האָט זי זיך נישט אַרויסגעוויזן, געגאַנגען אין שטוב, אַ בייזע און אָנגעבלאָזענע. זי האָט זיך דאַן, פאַר זיך, פּודירט מיט אַזאַ כעסדיקער איבערגעטריבנקייט, אַז קיין שפּור פון דער נאַטירלעכער הויט-פאַרב האָט מען נישט אַרויסגעזען. אירע קאָמאַנדעס צו דער פּאָליציי האָט זי אַרויסגעגעבן דורכן קליינעם לופטשיק פון איר פענצטערל, דורך וועלכן מ'האָט געזען איר לענגלעך־בלייכע נאָז און פּלוצים־אָנגעבלאָזענע אויגן־קישעלעך. זי האָט אָבער שנעל איינגעביסן איר קרענקונג און זי אַריינגעשטויסן טיף אין זיך, זי זאָל דאָרט טליען און ברענען.

זי האָט זיך צוריק גענומען אַרומדרייען מיט אַ קינסטלעך־פריילעכער מינע איבערן הויף, געלאַכט מיט אַ הויך קול און באַוויזן ווי ווייט זי קען הערשן איבער זיך, אַזוי גוט ווי איבער אַנדערע. זי האָט געלאָזט רופן צו זיך די נאַרישע, געלד-האָריקע און לוסטיקע אַלינע, מאַרעקס שיינהייט — און מיט איר געשלאָסן פריינטשאַפט. ווען זי האָט געהערט, אַז יענע איז אַ זינגערין און קען שיין טאַנצן, האָט זי פאַר איר געלאָזט מאַכן ספּעציעלע קאָסטיומען, מיט וועלכע זי זאָל קענען אויפטרעטן אין לאַגער. זי האָט אויך מיטגעווירקט אַז אַלינקע זאָל איינאָרדענען אַ ספּעציעלן אָוונט אין אַ באַראַק און ווייזן די לאַגער־שליאַכטע מיט אירע טענץ און געזאַנג. זי האָט געדאַרפט באַווייזן דעם עולם, אַז דאָס איז זי איר

דאַנקבאַר דערפאַר, וואָס זי האָט איר געהאָלפן אַזוי לייכט פּטור צו ווערן פון דעם יונגן נאַריש-צודרינגלעכן מאַרעק, וועלכן זי האָט שוין איבערגעענוג. מען האָט אָבער געוווּסט, אַז דאָס איז אַלץ נאָר אָנשטעל און אַז די פּריי־לעכע אַלינע קען נאָך פּלוצים דערשפּירן אויף זיך די נקמה פון דער טאַק־טיש־גיפטיקער וואַרקאָוויטשן. זי האָט עס נאָר ליב צו מאַכן אַזוי, אַז אַלץ זאָל קומען שפּעטער, פון דער זייט — און מען זאָל אירע פינגער-שפּורן דערויף נישט דערקענען...

ביי יענעם ערשטן קאָנצערט פון אַלינען מיט דעם הויכן פּאָליציאַנט האָט די קאָמאַנדאַנטין אַליין שטאַרק אַפּלאָדירט און צוגעגעבן חשק אַנ־דערע דאָס צו טון. געווען אָבער פּאָליציילייט, וואָס האָבן שוין דאַן פאַר־שטאַנען, אַז מ׳קען זיך איינקויפן דעם ספּעציעלן חן פון דער וואַרקאָ־וויטשן, ווען מען שטייט אין דער זייט און מען טוט איר נ י ש ט נאָך... זיי זענען געשטאַנען אין אַ זייט רויִק, נישט אַפּלאָדירט און „נישט באַגייסטערט געוואָרן" פון אַלינעס קונצן.

## II

ווען דער קאָמיטעט צו שאַפן הילף פאַר די סקעלעטן פון לאַגער האָט באַשלאָסן צו מאַכן אַ קאָנצערט — איז פאַר זיי געשטאַנען די פראַגע, ווי אַזוי די קאָמאַנדאַנטין זאָל נישט שטערן. דער ראַפּינירטער קורץ האָט דערפאַר געהאַט אַ פּשוטן פּלאַן: מען דאַרף צוציען אַלינען... איר קונסט, האָט ער געזאָגט, איז ער איר מוחל — אָבער אַ סגולה צו אַ דערלויבע־ניש איז עס פאַרט. ווען מ׳האָט געמיינט, אַז דאָס איז איינס פון קורצס פּאַראַדאָקסאַלע איינפאַלן, האָט ער עס דערקלערט פּשוט:

— „זי" האָט זי אַזוי פיינט, אַז זי וועט דערפאַר דערלויבן... זי האָט מורא, מ׳זאָל נישט מיינען, אַז צוליב אַלינען האָט זי פאַרבאָטן. דאָס וועט הייסן אַז זי איז צוליב איר אייפערזיכטיק און מאַרעק וועט דערפאַר שטיין אין גרויסן. אַזאַ פאַרגעניגן וועט זי אים נישט צולאָזן... איר האָט פאַרשטאַנען? פאַרלאָזט אייך אויף מיין נאָז...

און קורץ איז גערעכט געווען. דער נאָמען אַלינע האָט ביי איר

אויפגעלויכטן די אויגן מיט געמאַכטער באַגייסטערונג. זי האָט אפילו נישט געוואָלט וויסן ווער נאָך עס וועט דאָרט אויפטרעטן און וואָס דאָרט וועט געשפּילט ווערן. זי האָט נאָר גענומען אונטעראייַלן, עס זאָל פאַרקומען וואָס שנעלער און מען זאָל אַלײנען שאַפן, וואָס זי דאַרף נאָר צום שפּיל.

מעכעלע האָט שוין געהאַט אָנגעשריבן אַ סך זאַכן און זיי פאַרטיילט צווישן די אָנטיילנעמער פון דאָזיקן קאָנצערט. די פּאָליציי און אַ גרופּע טוער פון דעם נייעם, באַהאַלטענעם קאָמיטעט האָבן אויסגעזוכט אַ באַראַק, מען האָט דאָרט אַרייַנגעשטעלט בענק און געמאַכט אַ טריבונע, ווו דאָס שפּיל זאָל פאָרקומען. מעכעלע אַליין האָט זיך אָפּגעטון זיינס; אַרויסגעשלעפּט פון זיך אַביסל צאָרן און קלאָג אויפן פּאַפּיר. די פריילעכע פרעדזשא האָט שוין געקענט דאָס גאַנצע ליד זיינס, פול מיט כעס און אָפּשפּאָט פון אַלע מעכטיקע אין לאַגער אויף אויסנווייניק. האָט זי איצט געפיבערט פון דערוואַרטונג, ווי אַזוי זי וועט דאָ אויסנעמען. דער פּאָליציאַנט ביימאַן האָט געהאַט עטלעכע פריילעכע לידלעך און צווישן זיי האָט ער געדאַרפט אַדורכשמוגלען מעכעלעס פּאַעמען וועגן די הונגעריקע און זאַטע אין לאַגער. מער האָט מעכעלען נישט אינטערעסירט. אים האָט מען אפילו מער נישט געדאַרפט. אינעם טאָג פון קאָנצערט האָט מען אים געלאָזט צורו. דער לאַגער איז געווען אויפגערודערט, די פּאָליציי האָט זיך געגרייט, די קאָמאַנדאַנטין אויך — האָט דאָס אָנגעשטעקט אַלע מענטשן פון לאַגער. קיינער, אפילו די פון מעכעלעס באַראַק, האָבן נישט געוווּסט, אַז אויך ער האָט אַ שייכות דערצו. האָט ער זיך אַרומגעדרייט איבערן לאַגער, צופרידן דערפון: וואָס קיינער ווייסט נישט. עפּעס האָט ער זיך געשעמט און עס האָט זיך אים אויסגעוויזן אַז היינט וועט ער גאָרנישט טון און דאָך וועט ער עפּעס טון אַ נישט גאָר פיינע זאַך...

די רייכע, אָנגעגעסענע מענטשן פון לאַגער האָבן זיך נאָך בייטאָג גענומען פּוצן און באַשטעלן פּלעצער צום זיצן אינעם קאָנצערט־באַראַק. עס האָבן זיך געגרייט דערצו אַלע „קוזינקעס" מיט דער פּאָליציי און לאַגער־אינטריגאַנטן האָבן שוין באַצייטנס געוווּסט, אַז די קאָמאַנדאַנטין גרייט זיך דאָ אָפּצוטון אַ שפּיצל מאַרעקן מיט זיין נייער „סימפּאַטיע".

עס האָבן זיך אויך געגרייט די אָפּגעריסענע געשטאַלטן פון אַלע באַראַקן, עפּעס צו הערן אַ נײַ שטיקל געזאַנג און שפּיל.

אין צווייטן באַראַק איז געווען אַ באַזונדערע אויפרודערונג. באַלד נאָר ווי די נאַכט-שיכט האָט זיך באַוויזן, איז פרידלאַנד ארומגעלאָפן ווי אַ משוגענער און יעדן איינעם באַזונדער אָנגעזאָגט די בשורה:

— היינט איז אַ קאָנצערט, מאַך זיך פאַרטיק... פאַר מיינע מענטשן וויל איך באַקומען גוטע פּלעצער. אָבער קיינער זאָל מיר נישט פעלן, סוואָלאָטשעס!

סטאַראָבינסקי האָט זיך דאָס מאָל נישט געלאָזט בעטן. אין די לעצטע טעג איז ער געוואָרן הייטערער. דער געדאַנק פון שאַפן אַ הילפס-קאָמיטעט האָט אים פאַרכאַפּט. אַליין אַ כּלל-טוער זיינע אַלע יאָרן, האָט דאָס אים צוריק אַריינגעפירט אין זיין אַמאָליקער וועלט אַריין. ער האָט דערפאַר גענומען העלפן פרידלאַנדן אַגיטירן די מענטשן:

— איך ווייס נישט וואָס איר קענט דאָ היזק האָבן... דעם קאָנצערט מאַכט מען נישט פון שווילטאָג. דאָ האָט מען זיך געשטעלט אַ גוטן צוועק דערביי. און אַליין איז מען דאָך נאָר אויך אַ מענטש...

פון אַ ווינקל אַרויס האָט זיך אַ הייב געטון אַ חושכדיק-צעביילט פּנים און זיך אַ לאָז געטון גלייך אויף דעם בלאַס-צעשמייכלטן סטאַראָבינסקין מיט פרידלאַנדן. זיינע רייד זענען ביי אים אַרויסגעקומען אונטערנאָזיק און אַביסל שטומלעך:

— וואָס פאַר אַ קאָנצערטן!? וואָס פאַר אַ שטיק פּראַוועט איר דאָ? מער פעלט אייך דאָ נישט?

מעכעלע האָט דערקענט דאָס קול און זיך אויסגעדרייט צו אים. ס'איז געווען הענעך. ער איז לעצטנס אינגאַנצן אויסגעקרימט געוואָרן. אויף די הענט האָבן זיך באַוויזן בלויע, געשוואָלענע צייכנס און דאָס גאַנצע פּנים איז געווען שוואַרץ ווי קויל. איצט אָבער איז ער געשטאַנען מיט אַזאַ צעפלאַמט פּנים, ווי איינער וואָס גרייט זיך צו אַ שלאַכט מיט אַלעמען. זיין בליק איז געוואָרן דראָענדיק און אויף די מויל-ראַנדן האָט זיך באַוויזן אַ בעסדיקע שוים...

מעכעלע האָט געשטוינט, ווי אַזוי דער מענטש קען נאָך רעדן און

זיך היצן. אָבער דער היציקער פרידלאַנד איז אַקעגנגעלאָפן הענעכן און אים אָנגעכאַפּט ביי דער האַנט:

— דו, שוטה, דאַרפסט דאָך זיין דער הויפּט־מחותן! דיין ווייבעלע איז דאָך די גאַנצע אַקטריסע היינט... טאָ וואָס זשע שרייסטו?

הענעך האָט נאָך עפּעס געוואָלט זאָגן, נאָר דאָס קול איז אים שטעקן געבליבן אין האַלדז. ער האָט אַ צעשאַר געטון מיט בײדע הענט און שטיין געבליבן אין מיטן צימער, ווי אַ דערוואָרגענער. ער האָט עפּעס געבאָרכלט, ווי אַ ביין וואָלט אים זיך געשטעלט דאָרט אינעווייניק. בלויז די אויגן זיינע האָבן אַרויסגעשטאַרצט, געקוקט דאָ אויף איינעם און דאָ אויפן צווייטן... דאָס האָבן זיי געבעטן, אַז עמעצער זאָל אים דערווייל באָרגן אַ וואָרט, דערזאָגן עפּעס פאַר זיינעטוועגן. ס'האָט זיך אָבער קיינער נישט אָפּגערופן... אין באַראַק איז פּלוצים געוואָרן גאָר שטיל. בלויז פרידלאַנד מיט סטאַראָבינסקין האָבן זיך צעחושט אָנגעקוקט. הענעך האָט זיך באַלד אַ ריס געטון פון אָרט און איינגעבויגענערהייט זיך צוגעשאַרט צו זיין געלעגער. אין דרויסן איז נאָך אָנגעגאַנגען דער געוועלטעכער טומל פון פאַרנאַכט. געלע פּיקרינער האָבן אַרויסגעשלעפּט די צעקרימטע בענקלעך פון אַלע באַראַקן און זיי אַוועקגעטראָגן צום וואַלד־צו. פון ווייטנס האָט מען געזען אַלינקען אין אַ ווייס קלייד מיט רויטע קרעלן. זי איז ערגעץ געלאָפן מיט אַ צעפּלאָטערטן קאָפּ און דאָס איז געווען דער סיגנאַל, אַז מען דאַרף זיך אַרויסלאָזן צום באַראַק וווּ דער קאָנצערט דאַרף פאָרקומען.

פון דער זייט האָט זיך געטראָגן דאָס שאַרפע קול פון דער קאָמאַנ־דאַנטין. דאָס האָט זי געשריגן אויף וועמען פון דער פּאָליציי. אַלע האָבן זיך געריסן צום גיין אַהין און זי האָט נישט געוואָלט לאָזן אויף הפקר דעם לאַגער. זי האָט דערפאַר באַשטימט די וואַכן, וואָס מוזן דאָ בלייבן ביי די דראָטן און ביים טויער. די פּאָר פּאָליציי האָבן פאַרשעמטע אויס־געהערט זייער פּסק און זי איז דערפאַר ווייך געוואָרן. פון אַקעגנאיבער־דיקן, ערשטן באַראַק האָט זיך נאָך געהערט איר טרייסטן אירע משרתים:

— איר וועט זען... די צווייטע וואָך באַפעל איך צו מאַכן אַ ספּע־ציעלן קאָנצערט פאַר אייך. דאַן וועל איך קיינעם נישט צולאָזן, אויסער אייך אַליין... איך וועל נאָר זען ווער די נייע אַרטיסטן זענען...

פון א צענדליק מיילער האָט א הילך געגעבן:

— יאַוואָל!

און די מאַרקאָוויטשן האָט, א צופרידענע פון דעם מיליטערישן כבוד, וואָס די יינגלעך גיבן איר אָפּ, זיך געלאָזט גיין אין דער ריכטונג פון וועלדל, באַגלייט מיט דער גאַנצער כאַפּטע פון וויסן הויז.

### III

אין די ערשטע רייען זענען געזעסן די באַפעלער פון לאַגער. אין סאַמע מיטן איז געזעסן זי אַליין. פון ביידע זייטן זענען געזעסן אירע שוואָגערס. אביסל וויטער איז געזעסן איר שוועסטער און געהאַלטן פאַר דער האַנט דאָס יונגע פאַראַרבעטערל, מיט וועלכן זי האָט פריער כסדר אַרומגעשפּאַצירט. ער, יאָסל, איז דערביי געזעסן מיט אַן אָנגעשטרענגטער מינע צו דער בינע און אַפילו נישט געקוקט, ווי אַזוי זי שפּילט זיך מיט די פינגער פון זיין האַנט, מיט אַ צולהכעיסדיקער אָפּנקייט. איר מאַן, דער קאָמאַנדאַנט וויינזנבערג, האָט עס באַמערקט און זיך אויפגעשטעלט מיטן פּנים צום אויסגעזעצטן עולם. ער האָט באַמערקט צווישן די רייען זיין פּיקרין־מיידל, טאָשקען, און ער האָט צו איר אַ הויכן, פריילעכן פייף געטון איבער אַלעמענס קעפּ. דאָס האָט ער אויך געוואָלט עמעצן אָפּטון להכעיס. פּעלאַ האָט אָבער אויף אים אַ בייזן קוק געגעבן און ער האָט זיך צוריק אַוועקגעזעצט פאַרשעמט ווי אַ פאַרשולדיקט יינגל.

באַלד איז אויפן זאַל שטיל געוואָרן. אויף דער בינע האָט זיך באַוויזן פרעדזשאַ. זי איז געווען צעטומלט און בלאַס. מיט די אויגן האָט זי גע־זוכט וועמען צווישן דער אָנגעדרענגטער מאַסע און נישט געפונען. איז זי געוואָרן פריילעך און זיך דערביי אומעטיק פאַרלוירן. זי האָט די ער־שטע ווערטער געפּלאָנטערט, באַלד אָבער איז איר קול העכער געוואָרן און שטאַרקער... אַן איבעררעשונג האָט זיך באַוויזן אויף אַלעמענס פּני־מער. די ווערטער אירע זענען געווען ווענן גאָר היימישע מענטשן! שאַ, אָט רעדט זיך גאָר פון קויפמאַנען!... הא, אַלע זעען דאָך ווי אַזוי ער טיילט די מיטאָגן, שלאָגט און זידלט... אָבער דאָ רייסט עס פון אים

שטיקער, מיט געלעכטער און מיט גאַל. פרעדזשאַ שפּירט, אַז זי האָט פאַרכאַפּט דעם עולם. אויך די קאָמאַנדאַנטין און פּאָליציי זיצן געשפּאַנט: ווער קומט נאָך דעם? אויף פעלאַס פּנים באַווייזט זיך דער צאָרנדיק־להכעיסדיקער שמייכל. אַרום איר שטרענגען זיך אַלע אָן אויפצוכאַפּן יעדעס וואָרט, וואָס פאַלט פון דער צוזאַמענגעקלאַפּטער טריבונע און פרעדזשאַ פילט, אַז דאָס גייט זי אויף אַן אויסגעצויגענעם שטריק, איבער אַלעמענס קעפּ... איז זי פאָרזיכטיק, זינגט אויס און ציילט אויס יעדעס וואָרט, אַז קיין אות זאָל איר נישט פאַרלוירן גיין... איצט איז זי אין דער ראָל. אַזויפיל אויגן קוקן אויף איר! רייסט זי זיך מיט שטורעם צו אַלע־מען אין האַרץ אַריין... העי, מען דאַרף דאָ אַלץ באַנוצן, וואָס נאָר די מעגלעכקייטן דערלויבן! שמייכלט זי, רויטלט זיך, באַווייזט וואָס מער די ווייסע ציינדלעך און איר בויגעוודיקייט ביים דעקלאַמירן...

אין באַראַק ברעכט אויס אַ שטורעם פון אַפּלאָדיסמענטן. העכער פאַר אַלע שרייט קויפמאַן. אים אַרט נישט, וואָס דאָ באַווייזט מען אים אין דער גאַנצער ווילדקייט זיינער. אים האָט פאַרכאַפּט דאָס, וואָס וועגן אים, דעם שוסטער־יונג פון קיעלץ, מאַכט מען שוין ספּעציעלע לידער, ווי וועגן אַלע גרויסע מענטשן אויף דער וועלט... זעצט ער מיט די פעסטע שטיוול אין דער פּאָדלאָגע און רעוועט ווי אַ שיכורער:

— בים!!! נאָכאַמאָל! נאָכאַמאָל!

עס ווילט זיך אים נישט אַראָפּ פון דער סצענע אַזוי שנעל. פון אַלע זייטן קייכט די פּראָמינענץ פון לאַגער פון פאַרכליניעטער הנאה: איבער־חזרן!... נאָכאַמאָל! פעלאַ אַליין זיצט אַ צעטראָגענע און קיינער ווייסט נישט, וואָס זי וועט דאָ זאָגן. נישט ווייט פון איר זיצט די שוועסטער אירע. זי האָט ביז איצט געהאַלטן דעם יינגלס האַנט אין אירער. איצט אָבער איז דאָס בחורל מיטגעריסן געוואָרן מיט דער גאַנצער מאַסע. ער האָט אַרויסגעריסן די האַנט זיינע און געקלאַפּט מיטן גאַנצן כוח אויף „בים!". זיינע אויגן האָבן דערביי געקוקט אויף פרעדזשאַן מיט אַזאַ מין בענקשאַפט און באַגייסטערונג, ווי זי וואָלט געווען אַ געטין... די פרוי ווייזנבערג איז דערביי געזעסן אַ פאַרלוירענע און אַזוי ווי נישט מיט

איר קול האָט זי אַפּלאָדירט געצוווּנגענערהייט, אָדער ווילדניק נאָכטון דער גאַנצער מאַסע...

פעלאַ האָט אויף איר שנעל אַ בליק געטון, עפּעס באַמערקט מיט אירע שאַרפע אויגן און פּלוצים אַ געשריי געטון צו דער סצענע:

— גענוג! מען דאַרף אויסשפּילן דעם גאַנצן פּראָגראַם... ווייטער־דיקע נומערן!

דער באַראַק האָט זיך גענומען באַרואיקן. פּרעדזשאַ האָט זיך אַ צעפּלאַמטע אַראָפּגעלאָזט פון די בינע־ברעטלעך הינטער די קליינע קוליסן, וואָס זענען פאַרשטעלט געוואָרן מיט עטלעכע פאַרביקע שמאַטעס. קיינער איז דאָרט נישט געווען, אויסער מעבעלען, וועלכער איז געזעסן אויפן שפּיץ פון אַן אַרויסשטאַרצנדיק ברעטל, קיינער זאָל אים נישט זען... דורך אַ לעכל האָט ער געקוקט פאַרגאַפט אויפן עולם און נישט געשפּירט אַפילו, אַז זי שטייט דאָ הינטער אים. אויף דער בינע איז שוין איצט געשטאַנען דער פּאָליציאַנט ביימאַן און זיך אויסגעהוסט פאַרן אָנהייבן... פּרעדזשאַ איז נאָך נישט געקומען צו זיך פון דעם, וואָס פעלאַ האָט זי געהייסן אַראָפּגיין און נישט ביסירן. זי איז אָבער אַדורכגענומען געוואָרן פון דעם דערפאָלג, וואָס די מאַסע האָט איר דערלאַנגט. דערביי האָט זי געזען אַזויפיל אויפגעריסענע אויגן אויף איר, אַזויפיל ציעניש אין איר זייט אַריין, אַז זי האָט זיך ערשט דאָ, אונטער דעם שמאַטע־ווענטל אַ וואַקל געטון... זי האָט דאָרט באַמערקט אויגן, בליקן, וואָס האָבן איר אַ שלאָג געטון אין קאָפּ אַריין. נאָר דאָרט, פאַר אַלעמענס אויגן האָט זי זיך געצווימט. ערשט דאָ האָט אַלץ אויפגעפלאַצט. זי האָט זיך אַ שיכורע אַראָפּגעלאָזט אויפן ברעטל נעבן מעבעלען. מעבעלע האָט נאָך ווייטער געוואָלט אויפכאַפּן, וואָס אין זאָל קומט פאָר. ער האָט זיך דערפאַר אָנגעהאַלטן מיט איין האַנט ביים פאַרענטש פון אַ ברעטל, הינטער די קוליסן, ער זאָל זיך נישט אַריבערקייקלען אויף דער סצענע.

נעבן אים איז איצט געזעסן פּרעדזשאַ, שאַרף צוגעדריקט אויפן ענגן שטיקל ברעט. ער האָט זי איצט נישט געוואָלט זען און ספּעציעל זיך אָוועקגעבויגן. אַ מינוט האָט ער נישט געוואָלט און דאָך געשפּירט איר ציטער. דערנאָך איז אַלץ ביי אים אין מוח פאַרלוירן געגאַנגען. מיטן

לעצטן ביסל געדאַנק האָט ער זיך איינגעהאַלטן נישט אַ געשריי צו געבן: פּלוצים האָט ער געשפּירט ווי עפּעס וואָרעמס, גליטשיקס און פייערדיקס באַרירט זיינע פינגער פון דער האַנט... ער האָט זיך דערשראָקן אַ קער געטון און נאָך באַוויזן צו זען, ווי פּרעדזשאַ כאַפּט אַוועק דערשראָקן אירע ליפּן פון זיינע פינגער אויפן פאַרענטש... דאָס האַרץ איז אים איינגאַנצן איבערגעלאָפן און ער האָט פאַרלוירן דאָס לשון. זי אָבער איז שוין צוריק רואיק געווען און אים אָנגעקוקט מיט שאַרפן שפּאָט אין די אויגן, פון וועלכן ער איז געוואָרן צוריק קאַלט און ניכטער... אַ סעקונדע האָט עס געמוזט דויערן, נישט מער, ווייל אָט האָט ערשט ביימאַן אָנ־געהויבן צו דעקלאַמירן. מעבעלע האָט ווידעראַמאָל אַ בליק געטון דורכן לעכל אויפן זאַל און אין איין מינוט איז אים אַלץ קלאָר געוואָרן: דאָס האָט זי איצט אַ קוש געטון איר אייגענעם דערפאַלג...

## IV

אין דעם ליידיקן באַראַק האָבן זיך אָנגעפּראָפּט אַ סך הונדערטער מענטשן. אין די ערשטע רייען זענען געזעסן פון דער מאַכט. דערנאָך האָבן זיך אַריינגעכאַפּט אַלע מענטשן פון די ריינע האַלעס און בעסערע אַרבעטס־שטעלן. מיט זיי איז דער באַראַק פול געוואָרן. ביי די צע־עפנטע פענצטער זענען ערשט געשטאַנען די גרויסע מחנה פון פיקרינער און טראָטילער. זיי האָט מען נישט אַריינגעלאָזט אינעווייניק, אַז זיי זאָלן מיט זייער שטויב אויף די מלבושים קיינעם נישט באַפלעקן. ווען מעבעלע האָט אַרויסגעבליקט פון זיין באַהעלטעניש, האָבן זיך אים גע־וואָרפן הונדערטער פּנימער אין די אויגן אַריין. אים איז אָבער געווען נאָר באַקוועם צו קוקן אויף דעם פאַראַרבעטערל פון דער פיקרין־אָפּטיי־לונג, נעבן דער פרוי וויזנבערג. ער האָט געזען, ווי אויף יענעמס רויט־לעך־קיילעכדיק פּנימל פון אַ יונגלינג ליגט צעגאָסן אַ מין ראַפּטומדיקע דערוואַרטונג. ער קוקט און וויל מיטן אויג אַדורכנעמען די ווענטלעך... זען עמעצן כסדר אָן אויפהער, וואָס מ'האָט אים נאָר וואָס אַוועקגעריסן פון בליק... מעבעלע וויל זיך אָפּשטעלן אויף אַנדערע אויך, אָבער די

אומשולדיקע פּערכּפּעקטיוו פון יאָסלען ציט אים צוריק און ער מוז אים כּסדר קוקן אין די אויגן, כאָטש יענער זעט עס נישט. וואָס האָט ער גראָד אים מיטגעריסן?

...ווען מעכעלע איז ביים אָנהייב צוגעקומען צום באַראַק, זענען שוין אַלע פּלעצער געווען באַזעצט. די פּאָליציי, וואָס האָבן געהאַלטן וואַך, האָבן אים נישט געוואָלט אַריינלאָזן. ערשט אין דער לעצטער מינוט האָט אים וואַרטמאַן געזען און אים געעצהט:

— קומט בעסער אַרונטער הינטער די קוליסן. דאָרט וועט איר זיך פילן באַקוועמער און זיך קיינעם נישט וואַרפן אין די אויגן. איר וועט אַלץ קענען בעסער זען און — טאָמער פאַרגעסט ווער דעם טעקסט — קענט איר פון דאָרט שטיל סופלירן... איז ער דאָרט געזעסן און געוואָלט אַרומכאַפּן דאָ אַלעמען מיטן אויג. יאָסל האָט אים אָבער אָפּגעריסן פון אַלע. עס איז קענטיק געווען, אַז דאָס יינגל לעבט דאָ איבער היינט אַ גרויסע אויפרודערונג. וואָס אַזעלכעס ווייסט ער נאָך זיכער אַליין נישט. די אויגן בלויז שפּרינגען ביי אים אַרויס פון אומגעדולד. ווען ביימאַן איז אַרויף אויף די ברעטער, האָבן אַלע לייכט אָפּגעאָטעמט. מען האָט אים געקענט פון די פריילעכע קופּלעטלעך, וואָס ער האָט נישט איינמאָל זיך צוגעזונגען אין פּאָליצייאישן באַראַק. וועט ער מסתמא איצט ווידער ברענגען אַזעלכע לידלעך און זיי אויפזינגען מיט זיין מעלאָדישער שטים! אָבער דאָס מאָל קוקט ער גאָרנישט אויף די אויסגעזעצטע רייען. ער זעט זיי גאָרנישט נאָר זוכט עפּעס מיט די אויגן אַנדערע מענטשן גאָר, וואָס שטייען דאָרט אויסערן באַראַק. זיין שטאַרקע שטים רייסט זיך דורך די צעפּראַלטע פענצטער, וואַרפט זיך אויף די צוזאַמענגעדריקטע קופּקעלעך אָפּגעריסענע און אויסגעדאַרטע. זיינע ווערטער שלאָגן זיי, רודערן זיי אויף און צעטרייסלען ווילד די צעפּלאָשעטע האָר־שויבערן:

...צו אייך, הונגעריקע ווערק צע־לייט, קען מען נישט רעדן קיין סך,
נישט מ׳זעט אויף אייך קיין שמייכל, נישט מ׳הערט פון אייך
א לאַך.

דער טויט האָט זיך ביינדלשפּיל געמאַכט פון אייערע גלידער —
וואָסזשע וועל איך עס דאָ פאַר אייך פּרעדיקן ווידער?

ביי אַלעמען אויף די פּנימער האָט אָנגעשוואָלן אַ פאַרשעמט וווּנ־דערן זיך. וואָס איז שוין ווידער? אָבער דאָ האָבן זיך שוין געצויגן שורה נאָך שורה פון מויל און געשמיסן דאָ אַלעמען מיט בייטשיקע ריטער:

ארבעט! האָרעווען אין הונגער! אויסהאַלטן אין שמוץ, אין
דרעק... אין קויט.
נאָרמען! שאַפן זאָלט איר מיט דארן זעקל ביינער און דער
געלער הויט,
דאַן ווען איר בייסט פאַר צאָרן, פאַר יסורים ביזן בלוט די פינגער
און יעדער טריט אייערער פיבערט: איך הונגער! איך הונגער!

אין די פאָדערשטע רייען האָבן זיך די קעפּ גענומען אַראָפּבויגן פאַר־שעמטע. אויף די ראַנדן פון די נישט־פאַרענדיקטע פענצטער האָבן זיך גענומען באַווייזן צעשויבערטע קעפּ און מיט אַ טויטער פאַרגאַפטקייט גענומען שלינגען די ווערטער, וואָס זענען געפאַלן, ווי שטיקער גיפט אין דער האַלז. זיי האָבן אַלעמען דאָ געשלאָגן די ווערטער און דאָך האָט מען זיך אונטער זיי געבויגן, ווי אונטער אַ פאַרדינטער שטראָף:

און אויך דער טויט קומט נישט גלאַט אַזוי ביי אייך, שנעל
אין שטעק־לעטשלעך... געקומען שטיל און רואיק פון דער שוועל
ווי אַ לאָקיי, וואָס מ'קען יעדע מינוט רופן צום געברויך
הע-הע! צום שטאַרבן מוז מען האָבן כּוח!
און איר האָט אים נישט מער... ניין, איר קענט נישט שטאַרבן!
(פּונקט ווי מ'קען נישט צעברעכן אַ שוין־צעבראָכענעם שאַרבן)
איר קענט נישט אַזוי זאָגן צו זיך, מיטן לעצטן באַקלער:
ניין!!! איך וועל נישט... איך קען נישט מער!
און פּאַרטיק! איר גייט נישט מער אין שפּאַן!
(די איינציקע נקמה אין האַר: ווינציקער אַ שקלאַף פאַראַן!)...
איר האָט אפילו נישט אין זיך דאָס ביינאַכטיקע וואָיען פון וועלף
וואָס באַפעלן צום לעצטן, נישט־געבראָכענעם צאָן זייערן: העלף!

אָן אימה האָט אַרומגענומען דעם עולם: ווער רופט עס צו רעוואָלט?

דער קאָמאַנדאַנטינס פּנים איז געוואָרן פינצטער ווי אַש. זי האָט אָנגע־הויבן פינטלען מיט די אויגן, ווייזן ביימאַנען, ער זאָל אויפהערן צו דע־קלאַמירן... אָבער יענער איז שוין פאַרכאַפּט געוואָרן פון זיך אַליין. האָט ער ווייטער געצויגן די צאַרניקע און ווילד־שרייאיקע מגילה און אַלע האָבן דערביי דעם אָטעם פאַרהאַלטן. ציען זיך אַזוי די ווייטערדיקע שלאַנגען, ביימן די גלידער, דאָס האַרץ... אָט לאָזן זיי אָפּ די אויסגעמאַ־טערטע, די סקעלעטן און גיבן זיך פלוצים אַ וואָרף אויף די ערשטע רייען... אויף יענע שרייען זיי, וועקן — אָבער ביי די איצטיקע מאָגען זיי אַ חוב, רייסן זיי דעם קאָפּ אַראָפּ:

איר זעט נישט? ניין, איר זעט נישט און ווילט עס נישט דערהערן.
פון אייערטוועגן קען דאָ שוין טויט און פּוסט זיך ווערן.
דאָס מיינט מען די האַלע־יידן פון יענער זייט, נישט אייך,
נישט אייך...

איר האָט פלייש צום עסן! איר האָט געלט און איר זענט רייך,
איר זענט זיכער און אייך וועט גאָרנישט שוין פאַרשאַטן...
זאַט זענט איר דאָך היינט און וועט שוין בלייבן זאַטע!
אייך צערטלען אָרעמס ווארעם און ס רינט פון אייך די פרייד,
וואָס זשע גייט אייך אָן, ווען ס'שטאַרבט ווער ביי אייער זייט!?

העי, וויפל קללות, צאָרן און דראָאונג עס האָט זיך דאָרט אָנגע־זאַמלט אין די שורות! פון דער גאַס הערן זיך אויפגערודערטע ברומע־רייען. אָט־אָט און דאָ וועלן אַריינפאַלן גאַנצע מחנות מיט אויסגעשטשי־רעטע ציין און וועלן זיך נעמען ביימן גאָרגלען... רייסן לעבעדיקע שטיקער פלייש!

אָבער מיט ביימאַנס פאַרענדיקן ווערט טויט־שטיל. אַלע שווייגן. עס דאַרף זיך שוין באַלד פאַרענדיקן. דאָ דאַרף נאָר עמעצער פון קאָמיטעט אַרויפגיין און אַפּעלירן צום לאַגער, אַז מען זאָל העלפן, טון עפּעס אַז דער גרעסטער טייל פון לאַגער זאָל נישט אַוועקפאַלן, אויסשטאַרבן... אַלע זיצן אָבער אויף די ערטער און וואַרטן נאָך אויף עפּעס. באַלד קומט פון ערגעץ אַ דערשטיקטע שטים. דאָס פרעגט ז י :

— ווער האָט דאָס אַלץ צוזאַמענגעשטעלט?

קיינער ווייסט נישט צוליב וואָס זי וויל עס וויסן. נאָר עמעץ פון זאַל לאָזט נישט לאַנג וואַרטן:

— מעכעלע!

און איבער אַלע מיילער לויפט אַדורך אַ געמורמל:

— מעכעלע? יאָ, מעכעלע!...

און מעכעלע הערט צענדליקער טריט זיך שאַרן צום פאַרשטעלטן ווענטל.

## V

וואָס עס האָט זיך מיט אים יענע נאַכט געטון, האָט מעכעלע שפּע־טער נישט געקענט געדענקען. ער האָט זיך נאָר דערמאָנט, ווי מען האָט אים געבעטן, געריסן אים ער זאָל אַרויפגיין אויף אַ מינוט כאָטש זיך באַווייזן פאַרן עולם. ער האָט נישט געוואָלט. ביים ציען אים האָט ער פאַרלוירן אַ הילצערנעם שיך און זיך אויפאַמאָל דערפילט אַרומגענומען פון הונדערטער בליקן. אין מיטן נעפּל האָט ער דערקענט דעם הויכן שאַ־פּירא, ווי ער איז געשטאַנען און געוועוועט איבער אַלעמענס קעפּ:

— מע־כע־לע!...

יעדער איינער באַזונדער איז געווען איבערראַשט, וואָס דאָרט אויף די ברעטער שטייט אַן אָפּגעריסן יינגל, פון וועמענס בגדים עס קוקן אַרוים שטיקער לייב און ער אַליין שטייט הילפלאָז און ווייסט נישט וואָס מיט זיך צו טון. עס לאָזט זיך נישט גלויבן אָבער עס איז דאָך אַזוי! דאָס האָט ער דאָ אויפגעשריבן דעם גאַנצן באַרג מיט שווערע ווערטער, אונטער וועלכע אַלע האָבן זיך דאָ איצט געקורטשעט. אַליין איז ער דער־ביי געזעסן, אויסבאַהאַלטן אין אַ ווינקל, מורא האָבנדיק פאַר עפּעס שלעכטס. ער איז נאָר אַ בריה אָנצושרייבן און אַנדערע זאָלן עס אויס־שרייען פאַר אים. איצט שטייט ער אַליין און שווייגט... פאַרלירט זיך...

פון אַלע זייטן האָט זיך אויפגעהויבן אַ געשריי:

— זאָל ער עפּעס זאָגן, מעכעלע! זאָג! דערציייל! לייען פאָר!

ביי מעכעלען טונקלט דער בליק. פון אַלע זייטן זעט ער אַזויפיל פּני־

מער, וואָס קוקן גלייך צו אים, שרייען, דערוואַרטן פון אים אויסערגע־וועגלעכס... די קאָמאַנדאַנטין זיצט אין זעלבן אָרט וואָס פריער. זי שווייגט איצט, נאָר פון איר שטרענגן קוק זעט זיך אַרויס אַזאַ באַהאַל־טענער כעס, וואָס טליעט דערווייל און וועט זיך אַמאָל אַרויסרייסן מיט דער גאַנצער, ביטערער שאַרפקייט. אינעווייניק האָבן זיך שוין אָבער אַריינגעריסן אַ היפּשע מחנה דרויסנדיקע, וואָס שטופּן זיך, שטויסן איי־נער דעם צווייטן, בכדי אים אָנצוקוקן. עמעצער פון זיי שרייט אַפילו אויפן קול:

— ס'איז דאָך אַ האַלב־מענטש... אַן אונדזעריקער... ער גייט דאָך אויך אָפּגעריסן!

דאָס איז ער צופרידן, וואָס איינער, נישט פון די לאַגער־מיוחסים שטייט איצט אויף די ברעטער און קען איצט זאָגן, וואָס ער זאָל נאָר וועלן און אַלע זאָלן אים הערן... האָבן זיי גענומען פאָדערן פון אים — פון אַלע ווינקעלעך אַרויס:

— דבר! דערלאַנג!...

און מעכבלע האָט דערנאָך אַליין נישט געוווּסט, וואָס אַזעלכעס ער האָט דאָרט אַלץ אויסגערעדט און אויסגעשריגן... ער האָט נאָר גע־שפּירט ווי זיינע אויגן בלאָנקען דערביי איבער די קעפּ. אַט שטעלט ער זיך אָפּ אויף די קאָמאַנדאַנטן און פּלוצים בלייבט ער ווידער שטיין אויף דעם נאַאיוון בחורל, וואָס זיצט צוגעדריקט צו ווייזנבערגס פרוי... יענער קוקט אויף אים גלייך, מיט די גרויסע, גרינלעכע אויגן און וויל פון אים עפּעס אַראָפּלייענען. דערנאָך גיט ער אַ שושקע דער פרוי ווייזנבערג אַ סוד אין אויער אַריין, פון וועלכן זי נעמט אָן אַ גאַר ערנסטע מינע... שפּעטער איז פּלוצים געוואָרן אַ טומל. עמעצער האָט גענומען שרייען און עטלעכע פּאָליציאַנטן זענען צוגעלאָפן עמעצן באַרויקן. מעכבלע האָט דערווייל פאַרענדיקט זיינס און זיך אַראָפּגעגליטשט פון דער סצענע. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס האָט מעלאַ עפּעס אויסגעמוסרט די אָר־גאַניזירער פאַר דער פּראָגראַם. זי האָט געוואָלט הערן האַלינען! די פּאָ־ליציי האָבן זי גענומען באַרויקן, איינרעדן אין איר... עס האָבן זיך צוזאַמענגענומען די גאַנצע פּראָמינענץ פון זאַל און זי האָט זיך געלאָזט

בייגן. אין איין מינוט האָט זי צוריק באַקומען איר הייטערקייט. האָט זי אַראָפּגעצויגן איר קאָקעטיש היטעלע פון קאָפּ און זיך געלאָזט מיט אַ פּלוצים־באַפאַלענער היץ זאַמלען געלט פאַר די אָרימע שטאַרבער פון לאַגער...

מעכעלע האָט זיך דערווייל אַרויסגעכאַפּט פון באַראַק און זיך געלאָזט גיין צו זיך. פאָראויס האָט ער געזען גיין פרעדזשאַן און אַרום איר זענען געגאַנגען אַ גאַנצע כאָפּטע רייכערע לאַגער־איינוווינער. מען האָט זיך געשטופּט אַרום איר, געשטויסן... און זי האָט דערביי דערציילט עפּעס אויפן קול און גאָר הויך געלאַכט. הינטער אַלעמען האָט מעכעלע דערקענט זיך נאָכשלייכן דעם שלאַנקן, יינגלשן גוף פון יענעם פּאָראַרבעטערל מיט די גרויסע, גרינע אויגן.

ווען מעכעלע האָט איבערגעיאָגט די גרופּע, האָט אים קיינער אַפילו נישט באַמערקט. בלויז דאָס בחורל, וואָס האָט זיך נאָכגעשלעפּט זייטיק, אַן אַרויסגעשטויסענער פון דער גאַנצער מחנה באַלאַגערער, האָט אים באַמערקט און אויף אים אַ קוק געטון מיט אַ גרויעם, טרויעריקן בליק. אָנגעלאָדן מיט אַלערליי געדאַנקען אין קאָפּ, האָט דאָך מעכעלע געהאַט צייט אויף אַ רגע נאָר אַ טראַכט צו טון:

דאָס בחורל האָט זיך היינטיקע נאַכט פאַרליבט. מיט דער טראַגישער ליבע, וואָס נאָר גרויסע קינדער קענען באַווייזן...

## קאַפּיטל דריי און צוואַנציק

### I

נאָך דעם קאָנצערט האָט דאָס לעבן אין לאַגער באַקומען אַן אַנדער פּנים. אַלנפאַלס האָט זיך עס אַזוי אויסגעוויזן מעכעלען, ווייל ער האָט עס אַזוי געזען ביי זיך און די, וואָס זענען געווען נאָענט אַרום אים. מיט יענעם אויפטריט זיינעם האָבן אים שוין געקענט נאָך הונדערטער נייע מענטשן און ער האָט אָנגעהויבן זען נייע זאַכן.

דעם ערשטן פרימאָרגן, ווען ער איז נאָר אריבער די שוועל פון באַראַק, האָט אים באַגעגנט דער קאָמאַנדאַנט ווייזנבערג און אים באַטראַכט מיט זיין קרומען, שאַרפן קוק. ווען מעכעלע האָט געוואָלט גיין ווייטער, האָט ער אים פאַרהאַלטן:

— שטיי! איך דאַרף מיט דיר עפּעס רעדן...

מעכעלע איז שטיין געבליבן און אים געקוקט גלייך אין די אויגן אריין. ווייזנבערג האָט דערווייל נישט געפונען וואָס צו זאָגן און אָנגעהויבן גלאַט ציען ווערטער פון זיך:

— ווו אַרבעטסטו? אַך, יאָ... ביזט מאַלער... פרייערסטו אָפּ דיין מייסטער און פּאַטשקעסט זיך דערווייל לידלעך אַזעלכע... נו, יאָ: מיין קאָפּ וועל איך פאַר דיר נישט געבן! פון היינט אָן וועסטו נעמען אַ בעזעם מיט אַ הילצערנעם ווענגעלע און צוזאַמענגעמען דאָס מיסט פון גאַנצן לאַגער... און איצט... מאַרש! כ׳זאָל דיין פּנים מער נישט אָנקוקן...

מעכעלע האָט אים אויסגעהערט שווייגנדיק און אַוועק. אָפּגייענדיק אַ פּאָר טריט, האָט אים יענער צוריקגערופן:

— נאָר ווייי איז דיר — אויב דו וועסט מיך איצט נעמען באַפּליאַמקען... געדענק דערפון...

מעכעלע האָט זיך אַוועקגעלאָזט צו זיין אַרבעט. אָבער נעבן זיין באַראַק האָט ער זיך אָנגעטראָפן אויפן הויכן קויפמאַן. יענער האָט אַזש אַרויסגעלאָזט אַ פייף פון איבעררעשונג:

— העי, דאָס ביסטו דער... דער... ווי רופט מען עס? נו, גוט... בין איך נישט אינטעליגענט! נאָר ווייסט, וואָס כ׳וועל דיר זאָגן? ביסט שוין גאָרנישט אַזאַ תם, ווי דו מאַכסט דיך... איז אַזוי: איך בין נישט בייז... אַ פיין לידעלע! מיר זאָלן אַלע אַזוי דערלעבן די פריי!... הער זשע: יעדן טאָג, ווען כ׳וועל האָבן אַלעמען אויסגעטיילט — קום צו... אַמאָל וועט זיך פאַרוואַלגערן אַ בלעכל עסן פאַר דיינעטוועגן...

אָפּגייענדיק אַ פּאָר שריט ווייטער, האָט ער זיך אָנגעשטויסן אויף אַ מאָדנעם מענטש, מיט אַ גרויליך־צעשויבערטן קאָפּ האָר און טיפע, קלוגע אויגן. מעכעלע האָט געוואָלט גיין ווייטער, אָבער אַ כריפּענדיק, רייסנדיק קול האָט אים צוריקגעהאַלטן:

— דו, לאַפּיטוטל קליינס! זעסט שוין נישט קיין מענטש פאַר די אויגן, וואָס? און קיין דרך-ארץ איז שוין טאַקע נישט פאַראַן אויף קיין האָר, האַ?

דער מענטש האָט מעבעלען פאַראינטריגירט. ער האָט זיך אָפּגע־שטעלט. יענער איז דערוויַיל צוגעקומען נענטער און ממש אַריינגעקוקט מעבעלען גלייך אין די אויגן אַריין:

— מ'האָט שוין געזען אַזעלכע גרויסע קנאַקער! ווייסט טאַקע נישט ווער איך בין?

מעבעלע האָט גענומען שטאַמלען:

— איר ווייסט נישט?... מען איילט צו דער אַרבעט... דער קאָמאַנ־דאַנט... און ווער איר זייט — ווייס איך נישט...

יענער האָט שפּאָטיש אויסגעקרימט דאָס מויל:

— נו, אַז דו ווייסט נישט — ווייסטו נישט... זאָגן האָב איך נישט קיין חשק... האָסט צו־קליינע וואָנסעס, אַז איך זאָל זיך פאַר ד י ר פאָרשטעלן! און קיין וויזיט־קאַרטן האָב איך דאָ נישט באַוויזן אָפּצו־דרוקן... זאָג איך דיר נאָר איינס: דרך־ארץ, בחור!...

מעבעלע האָט געפינטלט מיט די אויגן און נישט פאַרשטאַנען וואָס יענער וויל פון אים. איז ער געשטאַנען און געשוויגן. אויך יענער איז געבליבן שטיין, געפינטלט מיט די גרויסע, טיפע אויגן אויף דעם צע־טומלטן מעבעלען, דערנאָך אַ בליק געטון אין הימל אַריין און דערנאָך אויף מעבעלעס צעקרימטע האַלץ־שיך און פלוצים אַ בורטשע געטון:

— אויף וואָס דאַרפסטו עס? אויף וואָס דאַרפסטו עס, פרעג איך דיך?

יענעמס רמזימדיקע רייד האָבן מעבעלען אויפסניי צעטומלט: וואָס וויל דער מענטש? איז ער נישט אַמאָל אַ משוגענער? אָבער יענעמס צע־קנייטשטער שמייכל, דער שיין־געפורעמטער קאָפּ פון אַ געלערנטן, האָבן דאָס באַלד אָפּגעלייקנט. טאָ וואָס מיינט ער פאָרט?

יענער האָט זיך פאַרטראַכט אַ מינוט און דאַן ווידער גענומען רעדן, מיט זיין צעריסענעם, צווײדייטיקן לשון:

— ז י איז דאָ פאַראַן... און אַ שד איז זי... און אים, ד יי ן

קאָמאַנדאַנט פעלט אויך נישט... פרעג איך דיך: אויף וואָס דאַרפסטו עס? האָ? ווילסט אַ דיקטאַטאָר־קרוין אין ווערק צע, וואָס?

איצט האָט שוין מעבעלע פאַרשטאַנען. פון יענעמס שפּיציק־פּריריקע רייד איז מעבעלען קאַלט געוואָרן אין אַלע אברים. האָט ער אים געוואָלט עפּעס איבערפרעגן, אַרויסציען ביי אים, וואָס ער ווייסט... אָבער יענער האָט דערווייל פאַררייסן דעם קאָפּ מיט חשיבות און אָפּגעהאַקט:

— שוין צייט צו גיין... וואָס איז דאָ פאַראַן מיט דיר צו מעלה־גרהן? אַ יינגל! נאָר איידער איך גיי, וועל איך דיר זאָגן ווער איך בין: קורץ... אינזשיניער קורץ היים איך... און דו — שפּרינג ווייניקער... ס'איז געזונטער... געענדיקט!

ער האָט זיך דערביי אַ קראַץ געטון אונטערן אָרעם, געפּאַקט דאָרט עפּעס פאַרדעכטיקס צווישן צוויי פינגער און שטאַלץ אָוועקגעשפּריזט... מעבעלע איז געבליבן שטיין און אים פאַרתמט נאָכגעקוקט. פון אַן אינזשיניער קורץ האָט ער דאָ שוין נישט איינמאָל געהערט. מען האָט געהאַלטן אין איין נאָכדערציילן פון אים ווילצן און שאַרפע זאָגן. ער איז געווען דער אָנערקענטער לאַגער־חכם און פּאָליטיקער. אַלע האָבן מורא געהאַט פאַר זיין צונג, פיינט געהאַט אים און דאָך דרך־ארץ געהאַט... אַפילו די גאַנצע קאָמאַנדע. איצט אָבער איז מעבעלען אויסגעקומען אים אָנצוטרעפן פערזענלעך. מיטן ערשטן בליק האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז ער האָט דאָ אַנטדעקט אַ נייע וועלט. יענער אָבער האָט שוין געשפּריזט צו די אונטערשטע באַראַקן און מעבעלע האָט געזען, ווי ער לאָזט זיך אַריינגיין אין פּאָליציי־באַראַק אַריין...

דער טאָג איז שוין געווען אַ צעדרייטער. פון אַלע זייטן האָבן מענטשן פאַרהאַלטן מעבעלען, געוואָלט וויסן, פון וואַנעט ער קומט און וואָס ער איז אייגנטלעך. אויך די קאָמאַנדאַנטין איז געקומען זען, ווי אַזוי ער אַרבעט און כסדר געהאַלטן אין שיטן איבער אים מיט שמעך־ווערטלעך. דערנאָך האָט זיך באַוויזן דער קאָמאַנדאַנט ווייזנבערג און אים אַרויסגענומען פון זיינע געמאָלטע שילדלעך. ער האָט אים צוגעפירט, אָן איין וואָרט צו זאָגן, ביז אַ הויכן באַרג מיט מיסט און אַ באַפעל געטון:

— היידאַ! דאָס מוז שוין אָוועקגעפירט ווערן!

אין דער זייט איז געשטאַנען אַ הילצערנע טאַטשקע. האָט מעבעלע שווייגנדיק אָנגעהויבן לאָדן דאָס מיסט. ווען ער האָט שוין געהאַלטן ביי פול, האָט ער געוואָלט עס אַוועקשלעפּן. אָבער ווייזנבערג האָט זיך צע־לאַכט:

— נו, אַזוי לייכט וועט עס דיר נישט גיין... שיט אָן פולער! אָט אַזוי... מיט אַ הויכן שפּיץ!

מעבעלע האָט אָן אַ ברום צו טון גענומען ציען די שווערע טאַטשקע. אין די האַנט־געלענקען האָט עס אַ קנאַק געטון... ער האָט זיך אָבער איינגעהאַלטן און גענומען ציען ביי די הענטלעך... ווייזנבערג האָט זיך צעפּאַכעט מיט דער נאַגייקע אין דער לופט און זיך צעשריגן מיט דעם זעלבן קול, ווי אַלע דייטשן טוען:

— לאָס! שנעלער! טעמפּאָ!...

ער האָט מעבעלען נישט אָנגערירט און דאָך האָט מעבעלע געשפּירט אַ ברענענדיקן ווייטיק אין פּנים. ער איז געלאָפן אַהין און צוריק מיט די פולע וועגעלעך, געוואָרפן שנעל די פולע שויפלס שמוץ אין וועגעלע אַריין און געשלעפּט, געלאָפן... ווייזנבערגן איז אָבער דאָס שפּיל געפעלן און ער האָט געהאַלטן אין איין אָנטרייבן מיט דער לעדערנער בייטש:

— לאָס, פאַרפלוכטער יודע! שנעלער! באַוועגונג!

פּונקט ווי ער וואָלט געווען אַ דייטשער קאָמאַנדיר און קאָמאַנדע־וועט איבער אַ גאַנצער בריגאַדע... זיין פּנים איז געווען רויט און צע־יאַכמערט. אינעם קול זיינעם איז געלעגן אַ ים מיט בייזן צולהכעיס... וואָס מער מעבעלע האָט געשלעפּט אָן אַ פּיפּס צו טון און ער האָט אַפילו רעכט נישט אַ בליק געגעבן אויף אים; אַלץ מער האָט עס ווייזנבערגן צערייצט, אַריינגעבערענגט אין רציחה אַריין:

— איך וועל דיר ווייזן, וואָס מען מיינט אַרבעטן! דאָס איז דיר נישט דיינע שמאַכטעס... מיינסט ס'איז נעכטן, ווען ביסט געשטאַנען און אַזוי שיין געדרשנט? וואַרט אויס...

מעבעלע האָט אַרויסגעפילט פון אים די גאַנצע שנאה פאַר נעכטן ביינאַכט. אים פאַרדריסט וואָס מעבעלע האָט אים נעכטן געשלאָגן מיט ווערטער. וויל ער זיך איצט אַליין איבערצייגן, אַז ע ר האָט איבער

מעכעלען די אויבערמאַכט, כאָטש נעכטן האָבן אַלע דעם יינגל אַזוי צו־געיובלט... דערביי וואַרט ער, אַז דער קאַעלניק, וואָס שניידט זיך אויף אַ נייעם יחסן אין לאַגער, זאָל צו אים צופאַלן, בעטן זיך ביי אים, קרעכצן... דאָס וועט אים באַווייזן, אַז ער איז דאָ מעכטיק, מען מוז אָנ־קומען צו אים און דערפאַר אויך — דרך־ארץ האָבן...

אָבער יענער לויפט מיט די לעצטע כוחות, כאָטש דער אָטעם פאַר־האַקט זיך שוין ביי אים. רייסט זיך ביי ווייזנבערגן די רציחה נאָך מער ווי אַ הונט פון דער קייט און ער קייכט אַזש פון צאָרן און תאווה יענעם דאָ אויסצומאַטערן ביז צום פּלאַצן... רעוועט ער שוין ווי אַ משוגענער:

— קריך נישט ווי אַ פּלוי אין פּוטער! הורנזין! וועסט דאָ פּגרן ביי אַזאַ אַרבעט...

ביי מעכעלען אין האַלדז שטיקט עפּעס און קען נישט אויפרייסן; נישט מיט געוויין און נישט מיט געשריי. דריקט ער דעם ווייטיק טיפער אַריין אין זיך... ער זעט איצט גאָרנישט און הערט נישט. ער שלעפּט בלויז מער ווי די כוחות זיינע טראָגן...

פון אַ נישט־ווייטן שטח שלאָגט זיך דערווייל אָפּ אַזאַ קרייענדיקער כריפּ, וואָס קומט אוים מעכעלען אַביסל קענטלעך:

— וואָס שטייט איר עפּעס, פאַניע קאָמאַנדאַנטשיע, נעבן די מיסט־קאַסטנס? קיין בעסער אָרט נישט געפונען? וואָס?

ווייזנבערג פאַרשעמט זיך אַביסל פאַר יענעם און נעמט זיך פאַר־ענטפערן:

— איך מאַך אַביסל איבונגען מיט דעם מאַרקיראַנט... אַז נישט וועט ער זיך נישט קענען רירן פון פוילקייט...

ער הערט אָבער אויף צו שרייען פאַר ווילדקייט. מעכעלע באַווייזט אַ מינוט אַ בליק צו טון און זיינע אויגן טרעפן זיך אָן מיט קורצעס... יע־נער זאָגט אים גאָרנישט, נאָר קוקט אויף אים, קוקט... מעכעלע זעט ווידער זיין שפּאָטיש גלענצל און אים דוכט זיך, אַז יענער פרעגט אים ווידער איבער, אויף שטום־לשון:

— וואָס האָב איך דיר געזאָגט? וואָס טויג עס דיר, האַ?

קורץ שטײט נישט לאַנג. ער לאָזט זיך באַלד װײַטער מיט זײַנע געלאַסן־פֿלעגמאַטישע טריט. װײַזנבערג גײט אים נאָך:

— פּאַניע אינזשיניעזשע! װאָס לױפֿט מען? איז דאָ עפּעס נײַעס אין צײַטונג?

קורץ דרײט זיך אױס און װאַרפֿט אים צו:

— װאָס זשע? זאָל איך אײַך דערצײלן דאָ, בײַם שמיעטניק, װען א ל ע הערן?

װײַזנבערג פֿאַרשטײט. שרײַט ער איבער צו מעכעלען:

— דע! קענסט שױן אַרײַנקריכן אין דײַן שטינקעכץ אַרײַן... דײַן גליק איז, װאָס איך האָב קײן צײַט... מאָרגן װעלן מיר װידער זען!

און ער מיט קורצן זענען פֿאַרשװוּנדן צװישן די בײמער.

## II

בײַנאַכט אין באַראַק האָט מעכעלע זיך געשעמט צו דערצײלן פֿון זײַן באַגעגעניש. װען דער עולם איז זיך צונױפֿגעקומען פֿון דער אַרבעט, האָט מעכעלע נישט אױסגעהערט אַפֿילו, װי אַזױ אַלע רעדן פֿון אים. די חרפּה האָט געברענט אױף דער הױט און די גלידער האָבן װײ געטון. ער איז דערפֿאַר געשטאַנען פֿאַרן אָפֿענעם פֿענצטערל און זיך אײַנגעהערט צום דרױסיקן רעש. נישט װײַט פֿון פֿענצטער האָט ער געהערט װי קורץ שמועסט מיט עמעצן, װאָס האָט אַ גראָבע, אָנגעגעסענע שטים. קורץ דער־צײלט דערבײַ יענעם:

...ער האָט אים שױן הײַנט גענומען אין דער אַרבעט אַרײַן, דעם נעכטיקן קאָנצערט־מאַכער... ס'איז דאָך קלאָר: ער װעט דעם יאַטל דער־גײן די יאָרן... אָט, דאָ האָט איר די געשעפֿטן פֿון װערק צע...

יענער בײַזערט זיך צוריק:

— נישט געפֿערלעך. איך װעל שױן עפּעס טון דערצו. ער װעט אַרבעטן מיט מיר אין װערקשטעל... איר װעט זען! דערנאָך קען ער אים פּײַפֿן אױפֿן טאַלטשאָק! זאָרגט אײַך פֿאַר מיר!

קורץ ענטפֿערט נישט, נאָר זינגט זיך אונטער גאַליק:

— פון זאָגן ווערט מען נישט טראָגן! איר זענט טאַקע אַן אויפ־טוער, אָבער דאָס ערשטע פאַרזאָרגט איר אַ לייטיש נקבהלע... דער עיקר ווערט א י ר עפּעס טון... איר האָט דאָ געווען דאגות: אַ קליינזיקייט? איר דאַרפט דאָך זאָרגן פאַר אַ גאַנצן האַרעם!

יענער צעלאַכט זיך מיט אַ פּעט, געשמאָלצן געלעכטערל:

— אי, פאַניע קורץ... איר זענט שטענדיק דאָ מיט אייערע וויצן! ווערט איר ספּעציעל זען, ווי אַזוי איך נעם די טעג אַרוים אַ מאַנספּאַר־שוין גראָד פון די האַלעס... אירט זען אומיסטן!

קורץ צעפּייפט זיך הויך:

— אום־הום! בעלי־טובות! מסתמא האָט יענער אַ יונג ווייבל אָדער אַ שוועסטער!... מען קען שוין די גוטע הערצער פון ווערק צו!

ער האָט זיך פאַרטראַכט אַ ווײַלע און צוגעגעבן:

— אויף וויפל ווערט איר זיך, אַז איך ווייס אפילו וועמען?

יענער איז שוין אינטריגירט:

— איך בין אַ בעלן צו זען אייער חכמה!

קורץ מאַכט עם אַוועק מיט ביטול:

— ד אָ ס איז ביי אייך אויך אַ ח כ מ ה ? אַ בלינדער קען דאָך עס זען! איר מיינט, אַז קיינער האָט נישט געזען, ווי אַזוי איר האָט זי נעכטן ביינאַכט געשלונגען מיט די אויגן, ווען זי האָט רעציטירט דעם קליינעם יאָלדס זאַכן? דערנאָך האָט איר מיט איר שפּאַצירט אַ האַלבע נאַכט... גאַנץ פרי האָט איר צו איר אַריינגעטראָגן אַ קישקע דאַרן וווּרשט מיט אַ ווייסן זעמל... דאַרף מען טאַקע זיין אַ חכם־עתיק צו וויסן, אַז דאָס ווילט איר זיך באַמיען פאַר איר מאַן... דאָס צו טרעפן דאַרף איך זיין אַ לאַנד־חכם און איר — אַ צדיק הדור... וואָס פרעגט איר!

קורצס מיטשמועסער האָט אַזש אַ טשמאָטשק געטון די ליפּן פאַר התפעלות:

— איי, זענט איר אַ ממזר, פאַניע קורץ! אַן עכטער המן און אַ מיניסטער־קאָפּ! זאָ וואר איך לעב... איי־איי־איי...

און ער האָט זיך דערביי דריבנע צעלאַכט מיט זיין שמאַלציק גע־לעכטערל...

ווייטער האָט שוין מעכעלע נישט געקענט הערן. דער קאָפּ האָט זיך ביי אים גענומען מישן. ער האָט עפּעס געוואָלט אַרויסשרייען דורכן פענצטערל און דאָס לשון איז דאָרט אָפּגעהאַקט געוואָרן אין מיטן האַלדז. האָט אים אַרומגעכאַפּט אַזאַ איבל צו זיך אַליין און צו אַלעמען... ער האָט זיך אַוועקגעדרייט פון פענצטער און געוואָלט שרייען, אַרויסלויפן און רייסן עמעצן ביי די האָר... אָבער אַזוי ווי ער האָט זיך נאָר אַ דריי געטון, איז אַנטקעגן איבער אים געשטאַנען אַ חושכדיק, פאַרברענט פּנים, מיט איינגעגראָבענע אויגן, וואָס האָבן גלייך געקוקט אויף אים. אין איין מינוט איז מעכעלע ווי פאַרשטאַרט געוואָרן. מיט אַ שנעלן שפּרונג איז הענעך געשטאַנען נעבן אים... מעכעלען האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דאָס גייט ער זיך אויף אים וואַרפן, אַריינשטעקן זיינע שוואַרצע, שמוציקע נעגל אין זיין פּנים, אין זיין האַלדז אַריין... ער וואָלט זיך איצט נישט געוועהרט קעגן אים, מעכעלע. ער וואָלט נאָר געשטאַנען פאַרגליווערט אויפן אָרט און געלאָזט יענעם טון מיט זיך, וואָס ער וואָלט נאָר געוואָלט... אַדרבה, אין דער מינוט, ווען הענעך שטייט אַזוי נאָענט נעבן אים, שטעכט אים מיט די איינגעפאַלענע שוואַרצע גריבלעך גייט אויף אין מעכעלען אַזאַ טונקעלע, אומקלאָר־פריידיקע דערוואַרטונג:

— זאָל ער!!!

עס וואָלט אים אפילו גאָר־גוט געווען, ווען הענעך שטעכט זיך אין אים אַריין מיט דער גאַנצער שנאהדיקער פאַרביסנקייט... ווען ער רייסט פון אים שטיקער מיט די נעגל, מיט די ציין... אין דער מינוט, דוכט זיך מעכעלען, וואָלט פון אים אַרויס עפּעס אַזאַ טריפה געפיל, אַ פאַרבאָרגענער געדאַנק אַזאַ, וואָס האָט זיך אויסגעמישט מיט זיין בלוט און ער קען אים נישט אַרויסטרייבן...

וואַרט ער אויף הענעכס סקעלעטיש־חלושדיקער פויסט, ווי אויף אַן אויסלייזער. ער וואָלט זיך אַרונטערגעבויגן אונטער די קלעפּ, געבעטן אין האַרץ, זיי זאָלן זיין וואָס שטאַרקער... דאָס וואָלט פון אים אַרויסגעקלאַפּט דעם ווייטיק פונעם נאָר־וואָס געהערטן, דעם ווילדן חשק פון שרייען אַ געשריי צו יענעם דאָרט, דורכן פענצטער... כאָטש ד אָ ס געשריי געהערט גאָר צו הענעכן — — —

וואַרט ער, מעכעלע... אפשר האָט דאָס געדויערט אַ סעקונדע... און אפשר אַ שעה... ער האָט עס אין דער מינוט נישט געקענט וויסן. אָבער פּלוצים האָט ער געשפּירט ווי הענעכס אָפּגעשוואַכטע האַנט ליגט זיך אויף זיין אַקסל און יענער בעט זיך ביי אים אַזוי שטיל און איינגעבראָכן:

— חברל... חברל! איך דאַרף מיט אייך רעדן עפּעס גאָר נייטיקס... איר ווילט?

און מעכעלע האָט שטום געשאָקלט מיטן קאָפּ.

### III

אין איין מינוט האָט הענעך פאַרלוירן די גאַנצע, שמאַרציקע ביטערקייט פון דער גאַנצער צייט. ווען ער האָט זיך אָוועקגעזעצט מיט מעכעלען אויף אַ ווינקלדיקן קראַנץ פון בעטל — איז ער אויפּאַמאָל געוואָרן איינגעהויקערט, אַלט, צעריבן... אַפילו דער שטאָלץ, וואָס איז געלעגן אין זיין ביז-איצטיקן שווייגן, איז אויך פון אים אַנטלאָפן. איצט האָט ער גערעדט! דאָס האָט אים געמאַכט הכנעהדיק, בעטלעריש און אַפילו שעמעוודיק... דאָס האָט מעכעלען נאָך מער נידערגעשלאָגן. עס האָט זיך אים געגלוסט אין דער מינוט צו פאַרשטעלן הענעכס מויל מיט זיין האַנט: זאָל ער נישט רעדן! זאָל ער שווייגן! ווי ווייַ עס טוט איצט מעכעלען, וואָס אין דער מינוט שפּירט ער זיך צוריק שטאַרקער פאַר יענעם, העכערער... דאָס וויל ער נישט, מעכעלע. ער טאָר עס נישט וועלן! דאָס געפיל ליגט זיך ביי אים ווי אַ האָרב אויף דער נשמה... אָבער הענעך זוכט איצט ווערטער אין זיך, מיט וואָס אָנצוהייבן. זיינע אָנהייב-טענער זענען אַזוי געפאַלן ביי זיך, אונטערטעניק... מעכעלען דוכט זיך אַפילו, אַז ער פאַלט דאָ אַריין אין אַ חניפה-גרוב, כאָטש ער שפּירט עס אַליין נישט... דאָך איז ער נישט בייז אויף אים, עס איז אים אַפילו נישט ווידערווילי. אים דוכט זיך, אַז איצט ק ע ן גאָר הענעך נישט אַנדערש, ער מוז אַזוי!...

הענעך וויל צוקומען צום תוך און קען נישט. ער שרעקט זיך פאַר עפּעס און שעמט זיך אויך מיט איינמאָל צו אַנטפּלעקן פאַר אַ פרעמדן

מענטש, מיט דעם וואָס ער זוכט. נעמט ער דערווייל זוכן הינטערוועגן, ווי אַזוי אַרויסצוקומען ביז צום עיקר:

— דאָס זענט איר דער, וואָס... וואָס האָט אָנגעשריבן פאַר... נו, פאַר דער וואָס האָט נעכטן אויפגעטרעטן... די טעקסטן?

אין באַראַק לייכט דאָס לעמפּל מיט אַ טונקל־געלער ליכט. דאָך באַ־מערקט מעבעלע, ווי אין הענעכס אָפּגעברענטע קנאָכנס נעמען אויפקו־מען רויטע בושה־פלעקן... נעמט ביי מעבעלען אויך קלאַפּן דאָס האַרץ האַסטיקער... דאָס בלוט נעמט זיך אַראָפּלאָזן מיט אַ שטעכיקן פליסן ביז די שפּיץ פינגער און ער שפּירט זיך, ווי אַ געשטעלטער צו אַ משפּט, כאָטש ער ווייסט נאָך אַליין נישט אויף קלאָר, פאַרוואָס מען דאַרף אים משפּטן. ער ווייסט נאָר שטיל אין זיך איינס: ער איז שולדיק... שולדיק אין אַ שרעקלעך־גרויסן ג אַ ר נ י ש ט, וואָס ער האָט אָבער צוגערויבט ביי דעם, וואָס זיצט דאָ אַנטקעגן איבער אים...

ער ענטפערט אים דערפאַר מיט אַ טרוקן־ציטערדיק קול:

— יאָ...

הענעך האָט, זעט אויס, מורא אַ סך צו רעדן. איצט איז אים שוין קלאָר געוואָרן וואָס ער וויל... טאָר ער נישט לאָזן פאַרלירן גיין די מי־נוט, ווייל שפּעטער וועט זיין פאַרלאַנג צוריק אַראָפּזינקען טיפער אין מוח און צוגעדעקט זיין מיט אַ באַרג אַנדערע רייד, וואָס ער קען דאָ אַנוואַרפן... גיבן זיך זיינע אויגן אויפסניי אַ צעבליץ:

— איר האָט די טעקסטן ביי זיך? אַלע? יאָ?

זיין טאָן ווערט פּלוצים אויפגערעגט, שרייאיק, באַפעלעריש:

— גיט זיי אַהער!!!

אין זיין בליק צינדט זיך אויפאַמאָל אָן אַזאַ ווילדע משוגעת, אַ וועלפישע מטורפדיקייט:

— זי האָט טאַקע געלייענט פון ז יי, פון די זעלבע פּאַפּירן?

מעבעלע שאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ... הענעך וואַרט שוין נישט מער אויף קיין רייד. זיינע ביינערדיקע הענט שטרעקן זיך צו מעבעלען און זיי טרייסלען זיך דערביי פאַר אויפרעגונג. מעבעלע זעט דערביי ווי

יעדער פינגער באַזונדער ציטערט... הענעכס קול איז אָבער אַצינד טרוקן, צינדיק:

— גיט זי אַהער... שוין!

מעכעלע ווייסט נישט, וואָס ער וויל דאָ מיט זיי טון... אפשר צע־ רייסן... פליקן... ווער ווייסט, וואָס נאָך? ער האָט אָבער נישט קיין כוח זיך ווידערצושטעלן. עפּעס שפּירט ער דורך אינסטינקטיווע מאָסן פון אומבאַטראַכטער גערעכטיקייט, אַז ער  ד אַ ר ף  זיי געבן הענעכן, באָטש ער האָט זיי געשריבן... געשאַפן... האָט ער זיך אַ גראַבל געטון, אָן צו באַטראַכטן און צו פילן אַליין וואָס ער טוט, אונטערן העמד און פון דאָרט אַרויסגעצויגן אַ פּעקעלע פּאַפּירן... הענעך האָט עס גיריק אַ כאַפּ געטון און אָן איין וואָרט צו זאָגן, זיך אַ וואָרף געטון דערמיט אויף זיין קויקע...

אין באַראַק איז כמעט קיינער מער נישט געווען. מעכעלע איז נאָך געזעסן אַ מינוט פאַרגליווערט. דערנאָך האָט ער זיך אויפגעשטעלט און ווידער צוגעגאַנגען צום אָפענעם פענצטער, נישט בליקנדיק אפילו אין הענעכס זייט אַריין...

ווען ער האָט אומווילנדיק אויסגעדרייט דעם קאָפּ, האָט ער מיט אַ סעקונדע־בליץ באַמערקט ווי הענעך ליגט אויפן בעטל, מיט די אויגן איינגעגראָבן אין זיין כתב און זאָגט דאָרט שטיל אַרויס יעדעס וואָרט באַזונדער... בלויז זיינע אַקסל וואַרפן זיך, וואַרפן... און דאָס מאָל איז שוין מעכעלע זיכער געווען, אַז הענעך וויינט. ער נעמט דאָרט אַרויס יעדעס וואָרט, וואָס זי האָט נעכטן געהאַלטן אויף די ליפּן, גליט עס איבער אויף זיינע... און דאָס צעשמעלצט אים, מאַכט אין אים ווייך אַלע האַרטקייטן און די טרערן פאַלן דאָרט אויף די האַרטע, זאַקענע פּאַ־ פּירן — — —

וואָס איז דען דאָ פאַר אַן אויסערגעווענלעכס? אַ מענטש ליגט דאָרט אין אַ ווינקל און לייענט אַרויס פון אַ פּאַפּיר אַן אָנגעשריבענע פּאָעמע!? אָבער מעכעלע דערפילט, ווי אַ שווידער גייט אים אַדורך איבערן לייב; אַ פאַרשטיינערט געוויין רייסט זיך דאָרט ביי אים אין די שלייפן און קען זיך נישט אַרויסרייסן...

ערשט פרימאָרגנס, ווען מעכעלע האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט ער באַמערקט ווי ביים ראַנד פון זיין ברעטלדיק געלעגער זענען אריינגע־שטעקט די פּאַפּירן זיינע... הענעך האָט אים גאָרנישט געזאָגט, אַפילו אויסגעמיטן אים... נאָר פאַרן ארויסגיין צו דער ארבעט האָט ער אַ מינוט אַ קוק געטון אויף אים און — מער מיט די אויגן, ווי מיטן מויל, אַ קורצן פרעג געטון:

— געזען?

מעכעלע האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ. הענעך איז דערביי שנעל ארויס־געלאָפן צום אַפּעל, וווּ זיין גרופּע קומט זיך צונויף.

## VI

פאַרנאַכט, ווען מעכעלע האָט זיך געלאָזט אריינגיין אָפּשערן די האָר, האָט אים אַ דיק, פריילעך מענטשל פאַרהאַלטן אויפן וועג:

— איך האָב אייך יענעם אָוונט די גאַנצע צייט אָנגעקוקט. האָט איר מיך נישט באַמערקט?

מעכעלע האָט אַ ציטער געטון. דאָס קול איז אים געווען באַקאַנט... שאַ, דאָס האָט ע ר דאָך נעכטן געשמועסט מיט קורצן אונטערן פענצ־טער! מעכעלע וויל זיך אָוועקדרייען, אָבער יענער צעלאַכט זיך שוין מיט זיין צופרידן געלעכטערל:

— כי־כי־כי, נישט באַמערקט גאָר? און מיך באַמערקן אַלע... מען מוז מיך באַמערקן!

מעכעלע וויל עפּעס זאָגן, אָבער יענער האַלט שוין דאָס וואָרט מיט די גראָבע פעטע ליפּן:

— אוי, אַ געלעכטער... איך האַלט עס נישט אויס! איר ווייסט? קורץ האָט מיר דערציילט פון נעכטן...

ער האָט דערביי נאָכאַמאָל אַ בליק געטון אויף מעכעלען מיט זיינע איינגעזשמורעטע אייגעלעך, אונטער אַ פּאָר גרויסע, האָרענע ברילן און זיך ווידער צעלאַכט...

מעכעלע קען נישט פאַרשטיין, וואָס דאָס געלעכטער איז. אָבער יע־נער זאָגט אים קורץ:

— לאכט פון זיי! כ'מיין: פון איר מיט ווייזנבערגן... איך לאך אויך פון זייער קאָפּ, ווי איר זעט מיך אַ לעבעדיקן!

דער מענטש רעדט שנעל־שנעל, ס'איז קוים מעגלעך צו דערכאַפּן זיינע ווערטער מיטן געדאַנק. ער שיט אַלץ אַרויס אויף איין מאָל: ער איז דאָ נישט קיין מאַכער, קיין קאָמאַנדאַנט... ער איז נאָר אַ פּשוטער שלאָסער! אָבער זיי ציטערן פאַר אים. ער אַרבעט אין אַ ווערקשטעטל און די מייסטער ווערן פאַר אים די כפּרה. ווער אים גוטס גינט, וואָס פאַר אַן ערטעלע ער האָט צו דער אַרבעט! פון שענסטן און פון בעסטן! אין לאַגער דאַרפן אַלע צו אים אַנקומען און נישט ער צו זיי... יאָ, אין די נייע באַראַקן האָט מען אים געמוזט אָפּגעבן אַ גאַנץ באַזונדער צימער! זאָ וואַר איך לעב! מעבעלע ווערט קענען ביינאַכט אָנקוקן, וואָס פאַר אַ צימער ער האָט! געגוי ווי אַ קאָמאַנדאַנט! אפילו די פּאָליציי וווינט צוזאַמען! און דערביי — איז ער אַן אַרבעטער! ער יאָגט נישט, שלאָגט נישט, טרייבט נישט קיינעם...

יאָ, אַנטקעגן וואָס דערצייט ער עס? טאַקע צוליב דעם, וואָס ער איז אַן אַרבעטער און איז דאָס שטענדיק געווען! נישט ווי די בורזשוקעס... ער האָט זיין גאַנץ לעבן געהונגערט, וויל ער כאַטש דאָ האָבן אַ שטיקל ברויט צו דער זעט! נישט ריכטיק? איצט איז זיין צייט... נו, מען וועט נאָך שמועסן דערפון! וואָס וויל ער נאָך זאָגן? יאָ, ער האָט שטענדיק ליב געהאַט שרייבער, קאָפּ־מענטשן... און מעבעלע געפעלט אים. גאָר־נישט, נאָר ער געפעלט אים און — פאַרטיק! וויל ער אים זאָגן אָט־וואָס: זאָל ער נישט מורא האָבן... נאָך אַ פּאָר טעג, וועט ער אים אַרויסנעמען צו זיך אין ווערקשטעטל אַריין, וועט ער פּטור ווערן פון ווייזנבערגן און אַלע פּורעניותן... זיי זאָגן, אַז זיי נעמען זיך צו אייך? לאַכט פון זייער היטל! זאָגט זיי, אַז כעניעק רעדלמאַן זאָרגט שוין פאַר אייך... דאָס וועט ווירקן...

נאָך דעם ווי יענער איז שוין אָפּגעלאָפן אַ פּאָר טריט, האָט ער זיך אומגעקערט:

— יאָ, איין זאַך האָב איך אייך פאַרגעסן צו זאָגן: איך וואָלט אייך נאָך היינט אַרויסגענומען צו זיך. עס וואָלט גלאַט אַ מחיה געווען: אַ

גאַנצן טאָג צו האָבן מיט וועמען צו שמועסן פון ערנסטע זאַכן... נאָר איך האָב שוין צוגעזאָגט אַ צווייטן... דאָס ערנוואָרט געגעבן דערויף! און ביי רעדלמאַנען אַ וואָרט — איז טייערער ווי אַ רענדל! איר ווייסט וועמען איך נעם צו זיך? איר קענט אים זיכער: הענעך גלאָז! ער איז ביי אייך אין באַראַק... שוין אויס מענטש געוואָרן, אַ סקעלעט! מוז מען אים ראַטעווען... נאָך אַ פּאָר טעג — וועט ער אויסגיין! און ער איז אויך אַן אינטעליגענטער מענטש, אַ מוח! פון מיין פּאַרטיי איז ער... אָבער איר זאָרגט נישט! נ אָ ך  אַ פּאָר טעג... יאָ, ביינאַכט אָבער קומט אומבאַדינגט אַריין צו מיר! איר הערט? זייט געזונט און... טאָמער טשעפּעט ער היינט ווייטער, זאָגט אים!...

ער האָט דערביי געמאַכט שנעלע שפּרייזן און שוין איז ער געווען אויסערן טויער. ווער איז דער מענטש? נישט וויכטיק! מען דאַרף אַריינגיין זען. אַ שטילער, ווייטיקדיקער נייגער האָט מעכעלען נישט צורו געלאָזט, געטריבן אים, געברענט... אָ, ווען וועט ער שוין זיך דערוואַרטן דעם אָוונט? דאָס געשפּרעך, וואָס ער האָט נעבעטן אונטערגעהערט, נישט־ווילנדיק, צווישן קורצן און רעדלמאַנען האָט אים געפּייניקט, צערודערט... ער ווייסט, אַז ער טאָר נישט גיין היינט, אַז דאָ לאָזט ער זיך אַליין אַנקוקן אַ צעעפענטן תהום אונטער זיינע פיס... ער טאָר נישט גיין! און דאָך — וויל ער גיין, הערן, זען... ער מוז! און ער האָט דערביי אַ געניטעם פאַרגעפיל, אַז היינט וועט ער הערן, אָדער זען, עפּעס אַזוינס, וואָס וועט אים שוין פאַרפּייניקן אויף שטענדיק, אויף אייביק... אויף ווי לאַנג זיין אייביקייט קען זיך בכלל ציען...

ווען דער אָוונט איז צוגעפאַלן, האָבן שוין די פּאָליציי זיך געגרייט צו טרייבן די מענטשן אין די באַראַקן. מעכעלע איז געשטאַנען ביי דער שוועל פון צווייטן באַראַק און אַליין נישט געוווסט, וואָס ער האָט צו טון: גיין? רעדלמאַן וווינט אויף יענעם עק פון לאַגער־געסל, אין אַ באַראַק וואָס איז נאָך כמעט ליידיק. איז אפשר נישט כדאי זיך צו דרייען? באַלד אָבער זעט ער רעדלמאַנען נעבן זיך:

— וואָס קלערט איר? אין אַ צען מינוט אַרום זייט ביי מיר. זייער וויכטיק!

און ער האָט דערביי צוגעגעבן מיט אַ שעפּטש:

— איך האָב יעדן טאָג אַ פרישע צייטונג... אַז איר וועט אַריינקומען — קענט איר איבערלייענען...

ער איז נאָך ערגעצווו געלאָפן און מעכעלע האָט זיך דערביי געשאַרט געלאָסן צו יענעם באַראַק. ער האָט זיך נאָך געדרייט עטלעכע מאָל אין דרויסן און דערנאָך אָנגעקלאַפּט אין אַ טיר, אויף וועלכער ס'איז געווען אַ ספּעציעלע אויפשריפט מיט בעניעקס נאָמען. ער האָט נאָך געהערט הינטער דער טיר, ווי מען רעדט עפּעס, עמעצער ווענדט אָפּ בעניעקן... דאָס דויערט אַ ווײַלע, ביז שווערע טריט לאָזן זיך צוגיין צו דער טיר... מעכעלע האָט האַסטיק אַריינגעשפּרייזט.

V

בעניעק רעדלמאַן האָט טאַקע געוווינט באַזונדער. זיין צימערל איז געווען פיין צוגערוימט, ריין... אין דער זייט איז געשטאַנען אַ הילצערן שענקעלע, פאַרהאַנגען מיט אַ קאָלירט פאָרהאַנגל און אין מיטן צימער איז געשטאַנען אַ צוגעדעקטער טיש מיט עטלעכע בענקלעך. אין דער זייט איז געשטאַנען אַ הילצערן בעטל, מיט אַ קישן צוקאָפּנס און פיין־צוגעבעט, מיט אַ דיקער, וואַטאָווער קאָלדרע... שוין יאָרן, אַז מעכעלע האָט נישט געזען אַזאַ מין אייגנגעאָרדנט חדרל, וואָס דערציילט פון אַ שטילן, רואיקן לעבן אין מיטן אַזאַ לאַגער... ווייזט אויס, אַז דער מענטש דאָ האָט טאַקע גאַנץ באַזונדערע פּריווילעגיעס... אין אַ זייט איז איין ווינקל געווען פאַרהאַנגען מיט אַ האַריקער קאָלדרע. איצט האָט זיך דאָרט, ווייזט אויס, עמעץ געפּאַרעט אין אַ פאַרלעגנהייט...

רעדלמאַן אַליין איז געווען אַביסל צעטומלט, ווי איינעם וואָס מ'האָט נאָר־וואָס געשטערט אין עפּעס גאָר וויכטיקס. זעענדיק מעכעלעס פאַרלעגנהייט, האָט ער זיך צעשמייכלט פריינטלעך און אים אַרויסגערוקט אַ בענקל צום זיצן:

— זיצט... איר ווילט דאָך די צייטונג, וועל איך אייך זי באַלד דערלאַנגען...

זיין קול האָט געציטערט פון אַ באַהאַלטענער אויפרעגונג:

— פּרעדזשאַ! דו האָסט ערגעץ אָװעקגעלײגט די צײַטונג... װוּ איז זי?

בײַ מעכעלען האָט זיך עפּעס אָפּגעריסן אין האַרץ... פֿון הינטער דעם פֿאַרשטעלטן װינקל האָט אַ באַקאַנט קול אָפּגעענטפֿערט:

— זי ליגט דאָ... איך גיב זי באַלד...

אין אַ מינוט אַרום איז פֿון הינטערן געװאַנטענעם װענטל אַרויסגעקומען פּרעדזשאַ... איר פּנים האָט אינגאַנצן געבערענט פֿון רויטע פֿלעקן, װאָס האָבן זיך צעשאָטן איבערן גאַנצן פּנים אירן, אויפֿן האַלדז, אויפֿן שטערן... מעכעלע האָט געקוקט פֿאַרשטאַרט אויף איר און זיך גלײַכצײַטיק געװוּנדערט, כאָטש אַלץ איז אים אויפֿאַמאָל פֿאַרשטענדלעך געװאָרן, װי אַזוי זי קומט דאָ אַהער...

מעכעלע האָט תּיכף צוריקבאַקומען זײַן קאַלטע טראַציקײט. עס האָט זיך אים פֿאַרװאָלט דװקא איצט אויפֿכאַפּן איר דירעקטן בליק... זי האָט עס אָבער אויסגעמיטן. אירע הענט האָבן אַ ציטער געגעבן בײַם דערלאַנגען די צײַטונג. דערנאָך האָט זי גענומען לײגן פֿאַרשידענע עסנװאַרג אויפֿן טיש מיט פֿאַלשער היימישקייט:

— בעניעק! דו װילסט עסן היינט דעם װורשט, אָדער באַהאַלטן אים אויף מאָרגן?

רעדלמאַן, מיט זײַן געװוּנגלעכן לאַכן האָט איר אָפּגעענטפֿערט:

— װי דו װילסט... האָסט אָבער דאָרט אויך אַ פֿלעשל מילך... און אין יענעם טעפּעלע בײַ דער זייט האָסטו פּוטער...

מעכעלע האָט אַביסל אָפּגערוקט זײַן בענקל פֿון טישל און בײדע האָבן זיך געזעצט עסן... מעכעלע האָט אײַנגעגראָבן טיפֿער די אויגן אין דער צײַטונג, ער זאָל גאָרנישט זען, אויסער די דראָבנע שורהלעך. עס האָט אָבער נישט געהאָלפֿן... איבער די אויגן האָט זיך בײַ אים אַראָפּגעזעצט אַ נעפּל און מער װי די בײַכיק־געדרייטע, דייטשע אותיות האָט ער גאָרנישט געקענט זען...

בעניעק האָט געקײַעט גרויסע שטיקער ברויט, גראָב באַשמירט מיט פּוטער און די ליידיקע שטיקלעך לעבער אין מויל האָט ער פֿאַרשטאָפּט מיט פֿרישער קישקע. ער האָט דערבײַ מיט די הענט צוגעשאַרט צו פּרע־

דזשען אַנגעשמירטע שטיקער ברויט און מיט אַ פֿול מויל איר צוגעגעבן מוט:

— מ... עס! דאָ געגוג!...

זיינע ווערטער זענען אַרויסגעקומען אַרומגעקלעפּט מיט נישט־דער־קייט ברויט און פֿלייש־ברעקלעך. מען האָט זיך קוים געקענט כאַפּן, וואָס ער וויל...

זי איז דערביי געזעסן און געלאָסן געקייעט ברעקל נאָך ברעקל מיט אַ פֿאַרשטיקטן אָטעם. מעכעלע האָט פֿון דער מיטאָג־זופּ אָן גאָרנישט גע־האַט אין מויל. דער הונגער האָט סײַ־ווי קיין איין מינוט נישט אָפּגע־טראָטן. איצט אָבער איז דאָס שמאַך־געפֿיל געקומען פֿון גאָר אַן אַנדער זייט... איבערן צימערל האָט זיך געטראָגן אַ שווערער און קיצלדיקער ריח פֿון געקנאָבלטן ווורשט און וואַרעם־אויפֿגעשניטן ברויט מיט צעלאָז־טער פּוטער. אָבער נישט דאָס אַליין האָט אים געשטאָכן, געריסן און פֿאַרחלשט דאָס האַרץ...

אים האָט מען נישט געבעטן מיטעסן, איז ער געזעסן אַ שווייגנדי־קער, אָן אַנגעלאָדענער. מיט אַלע כוחות האָט ער זיך באַמיט אויפֿצו־כאַפּן זאַץ נאָך זאַץ פֿונעם געלייענטן, אָבער דער קאָפּ איז אים אָנגע־גאָסן געוואָרן מיט בליי און דאָס בענקל האָט זיך גענומען אונטער אים וואַקלען, אײַנזינקען ערגעץ אין אַזאַ שטעכיק־ווייטיקלעכער גאָרנישטדי־קייט אַריין...

רעדלמאַן האָט דערווייל געענדיקט זיין סעודה. מיט זיין דיקער צונג האָט ער נאָך פּעט אַרומגעלעקט די ציין, דאָס מויל, די ליפּן... אין מיטן פֿליעסקען מיט דער צונג האָט ער אָבער זיך אַ װענד געטון צו מעכעלען:

— נו, וואָס שרייבט דאָס בלאַט? זיי קיילן גוט, די רוסן! זיי דער־לאַנגען... האַ? ווו האַלטן זיי שוין?

מעכעלע האָט זיך אויפֿגעכאַפּט פֿון אַ תהום אַרויס. ער האָט קוים דערהערט וואָס יענער פֿרעגט אים. ער האָט זיך אָבער אין דער זעלבער רגע אָפּגעטרייסלט פֿון דער משוגעת וואָס האָט אים דאָ נאָר־וואָס אַרומ־געכאַפּט. אויך אירע אויגן האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף אים. מעכעלע האָט זיך געמאַכט נישט זעענדיק. ער האָט זיך אַליין געוואָלט אַרויס־

שלעפּן פון דער באַוווסטלאָזער שמעכטיקייט זיינער און די אייגענע רייד זענען פאַר אים געוואָרן די רעטונגס-גאַרטל. האָט ער אָנגעהויבן רעדן און מיט יעדער אַרויסגעזאָגטן וואָרט איז ער געוואָרן רואיקער און קלאָרער. רעדלמאַן האָט צום וויפלטן מאָל שוין אָפּגעלעקט די דיקע ליפּן מיט אַ משונהדיקער התפּעלות:

— דאָ הערט מען ווערטער! כ'האָב געוווסט... יאָ, נו... די סאָוויעטן וועלן אים שוין דערפירן צום קבר... הערסט, פּרעדזשאַ!?

זי האָט פאַרלוירן געשמייכלט, ווי אַ קראַנקע, וואָס וויל ווייזן, אַז עס טוט איר נישט אַזוי שטאַרק וויי. זי האָט עפּעס געוואָלט זאָגן, נאָר חרטה געהאַט נאָכן ערשטן ברוגז. איז זי געבליבן זיצן מיט אַ נאַריש־געקינצלטער פרייִלעכקייט אויפן פּנים...

מעכעלע האָט דערפילט אויפאַמאָל, אַז ער דאַרף זיך אויפהייבן, אַנטלויפן... אָבער ער האָט נאָך געוואָרט, נישט טראַכטנדיק פאַרוואָס. ער האָט זיך געוואָלט אויפהייבן, איידער זי וועט אויך וועלן אַריינגיין צו זיך אין באַראַק אַריין. ער וויל איצט מיט איר קיין איין טריט נישט גיין צוזאַמען... און דאָך זיצט ער ווייטער. דאָס וויל אפשר אַ צווייטער אין אים, אַז זי זאָל זיך אויך אויפשטעלן... אַלע זאָלן זיך צוזאַמען אויפשטעלן און אַלע זאָלן אַרויסגיין איצט פון דעם צימער. קיינער טאָר דאָ איצט נישט בלייבן! זיי ביידע רירן זיך אָבער נישט פון אָרט. אַ רגע נאָר דוכט זיך מעכעלען אויס — און ער ווייסט נישט פאַרוואָס — אַז דאָ וועט באַלד עפּעס געשען... אַן אומגליק אַ גרויס וועט טרעפן... אים דוכט זיך אויך, אַז ווי נאָר ער וועט זיך צו זיי אויסדרייען מיטן רוקן, וועלן ביידע אויסשיסן מיט אַ גרויס געלעכטער, אויסשטעלן אים אַ לאַנגע צונג... אים וואַרפן עפּעס אין קאָפּ אַריין...

פאַרשעמט ער זיך נאָך מער פון זיין אומבאַהאָלפענעם, נאַריש־שווייגנדיקן זיצן אויפן אָרט און ער גיט זיך אַ ריס האַסטיק פון געזעס... בעניעק קוקט אויף אים גלייכגילטיק און אומגעדולדיק:

— אוי, יאָ! ס'איז דאָך שוין שפּעט... מען דאַרף פרי אויפשטיין... נאָר איינס וויל איך אייך זאָגן: קומט יעדן טאָג אַריין... איר וועט מיר

איבערלייענען די צייטונג אויפן קול... איך פארלאנג נישט חלילה אומ־זיסט...

מעבעלע איז שוין געשטאנען מיטן רוקן צו דער טיר און זיך נאכא־מאל אינסטינקטיוו אויסגעדרייט. פרעדזשא איז געזעסן אויפן זעלבן ארט. איר פנים איז אויפאמאל גוואלדיק בלאס געווארן. בלויז אירע אויגן האבן געקוקט גלייך אויף אים. איצט איז אין זיי געלעגן א גאנצער קנויל מיט האס, ווילדער שפאט און ספאזמאטיש געלעכטער, וואס האט זיך ווייטער פון בליק נישט געקענט ארויסרייסן... כאטש זיי אלע האבן זיך געשפארט, געשפארט אויפצורייסן די הויט, די שווארצאפלען, דעם גאנצן מענטש אין איר — — —

מעבעלע איז זיכער געווען: דאס ווארפט זי א י ם אלץ אין קאפ אריין... דערפאר וואס ער איז געקומען אהער, געזען דא אלץ... אט־אט, וועט זי אויף אים א געשריי טון:

— א י ד י א ט ! ! !

אזוי ווי דעמאלט... דערנאך וועט זי הויך ארויסלאכן און דער גאנ־צער באראק וועט זיך צעשיטן פון גרויסן געלעכטער... ס'איז אבער ווי־טער שטיל געווען. מעבעלע האט נאר שנעל א ריס געטון די טיר און מער גארנישט געהערט און געזען. אים האט זיך אויסגעוויזן, אז רעדלמאן האט אים אזוי ווי ארויסגעשטויסן פון דער שוועל, עפעס אריינגעדריקט אין זיין האנט און דערנאך האסטיק צוגעריגלט די טיר...

אויף דער גאס איז געווען א פינצטערע, טויטע שטילקייט... אלץ איז שוין געשלאפן אונטער די אונטערטעניקע באראקן־דעכלעך און מע־בעלען איז פוסט געווארן ארום און ארום. ווו גייט ער? וואס טוט ער דא איבערהויפט? וואס קען ער דא נאך טון? ער ווייסט איצט גארנישט. ער שפירט נאר, אז ער האלט עפעס אין האנט... הא? דאס האט אים בעניעק מסתמא אריינגערוקט א שטיק ברויט אין האנט, געוויקלט אין א פאפיר... א מינוט וויל מעבעלע זיך איינבייסן אין דער אייגענער האנט, וואס האט עס אן זיין וויסן גענומען... א פיינלעכע, שניידיקע בושה רייסט אפ אלץ פון אים, שלעפט זיין גאנצן טראכט און מאכטלאזע שאנד צום שטיק ברויט. ער קען איצט פון קיין אנדער זאך נישט טראכטן, נאר דערפון:

וואס טוט מען דערמיט? די הענט גליען אים און מעכעלען דאכט זיך, אז ער האלט דא א מיאוסן שרץ מיט די שפיץ פינגער... די נאכט איז טויב און שטיל. נאר אין מעכעלען שרייט, שרייט מיט רויע, צעווילדעוועטע קולות.

כאפט ער דאס פעקעלע און גיט עס א שליידער מיטן גאנצן כוח איבער די איינגעדרימלטע קעפ פון די ביימער... עפעס א לעבעדיק נפש גיט זיך א טרייסל צווישן די צווייגן. א שוידער לויפט פלוצים אדורך איבער מעכעלעס ביינער. דאס פעקעלע מיטן פאפיר פאלן ערגעץ אראפ מיט שטילן רויש. דאס וועקט דארט עמעצן אויף. א בייז, פאליצייאיש קול רעוועט פון א שטיק ווייטקייט ארויס:

— ווער איז דארט, צו אלדע רוחות?!

מעכעלע שטייט נאך א ווײַלע פארגליווערט, רירט זיך נישט פון ארט. דאס ווארט ער, אז דעם מינדסטן געדאנק, עס זאל עמעצער צוקומען, פירן אים... ווייל אליין ווייסט ער נישט וווהין צו גיין איצט...

אין געסל איז אבער צוריק א בייזע שטילקייט. קיינער קומט נישט. בלויז די נאכטיקע קילקייט לאזט זיך אראפ טיפער, לעקט מיט א קאלטער צונג מעכעלעס צעפייערטע באקן. ווערט ער צוריק וואך. איצט טאר מען שוין נישט גיין, אבער ער גייט איצט מיט זיכערע, צולהכעיסדיק־הילכיקע טריט צו זיך אין באראק. קיינער פארהאלט אים נישט, ווייזט זיך נישט. גייט ער... נאר די טריט פיבערן. מעכעלע שפירט שוין איצט אז דא אקארשט איז אין אים אפגעשטארבן אזא מין הייליק, איידל געפיל אויף שטענדיק... אויף שטענדיק!

צו איר? ניין... צו אלע! אויף דעם שטיקל וועג ביז צו זיין באראק האט ער איבערגעלאזט דעם בר־מינן פון א נאאיוון יינגלס חלומות; זיין קוק און טרוים אויף א שיינעם שמייכל פון א פרוי... אויף הארציקער בענקשאפט... ד א וועט ער אים שוין אלנפאלס זיכער מער נישט זוכן ביי קיינער... אוים שמייכלען! זיי זענען איצט ביי אים קלעפיק, שווארץ ברויט — אויסגעקייעט מיט ווורשט און קנאבל־ריח!...

דעם טויטן חלום וועט אבער קיינער אויף צומארגנס נישט געפינען ליגן; אונטער רעדלמאנס שוועל. ער אליין אויך נישט. פונקט ווי א ריינע

נשמה איז ער נישט געבליבן ליגן דאָ און דערנאָך זאָל ער זיך וואַלגערן אין מיסט־קאַסטן. די קילע נאַכט האָט אים אויפגעכאַפּט אויף אירע ווייך־ווינטלדיקע פליגל און אים אוועקגעטראָגן ערגעץ ווייט־ווייט, צו די בלויע שטומע שוואַרצקייטן פאַר עמעצן דאָרט אַ וואַזשנע מתנה.

...ווען מעכעלע האָט געעפנט די טיר, זענען אַלע אין באַראַק שוין געלעגן איינגעקנורעט אין דעם שלאָפּס וויסטע קאַלדרעס. ער האָט זיך אויף קיינעם נישט אומגעקוקט. נאָר ביים אַרויפקלעטערן אויף זיין קויקע האָט ער געזען אין אונטערשטן בעטל ליגן הענעכן, מיטן פּנים אַרויף. ער איז געלעגן און טרוקן־שנאַרכענדיק אַרויפגעפייפט מיט אָפּגעהאַקטע כּרי־פען צום סופיט.

## קאַפּיטל פיר און צוואַנציק

### I

אויף צומאָרגנס פאַרטאָג האָט מעכעלע געהערט, ווי עמעצער וועקט הענעכן. דאָס קול האָט ער באַלד דערקענט און דערפאַר, אין האַלבן דרימל, אָנגעשפּיצט די אויערן. דאָס איז געווען רעדלמאַן. ער האָט הענעכן גע־צויגן פון געלעגער:

— טוט זיך אָן און קומט מיט אונדז...

הענעך האָט פויל געגענעצט:

— וואָס ווילט איר פון מיר? עס איז מיר גוט אַזוי...

פון אַ זייט האָט נאָך עמעצער גענומען אין אים אַריינטענהן:

— איר וועט דאָ אויסגיין... ס'איז נישט גוט אַזוי... מיר וועלן אייך נעמען צו אונדז אין ווערקשטעל... איר וועט פּשוט ווערן אַ נייער מענטש. ביי אונדז וועט איר נישט דאַרפן אַרבעטן שווער און אויך הונגערן וועט איר נישט... נעבן אונדז וועט איר נישט פאַרלוירן גיין! אַ שאָד, אַז אַזאַ מענטש, ווי איר זאָל פאַרלוירן גיין...

מעכעלע האָט דערקענט אינעם צווייטנס קול, אַז דאָס איז דער פּי־

פיקער מענדל רובין, וואָס אַרבעט צוזאַמען מיט רעדלמאַנען ביי קאַראַס־טען אין ווערקשטעל. הענעך איז מעכאַניש אַראָפּגעקראָכן פון זיין בעטל און געהאַלטן אין איין איבערחזרן:

— וואָס ווילט איר פון מיר? וואָס ווילט איר?

רעדלמאַן האָט אים פריילעך אונטערגעטריבן:

— נו, קומט, קומט! מיר מיינען נישט אייער שלעכטס...

אין באַראַק איז געוואָרן אַ גערודער. מענטשן האָבן זיך אויפגעכאַפּט און אַראָפּגעשפרונגען פון די געלעגערס. דאָס פּאָליציייאישע פייפל אין דרויסן האָט גענומען לעכערן אין די געהירן. הענעך האָט זיך פאַרשלאָפן צוגעגלייכט די צעשויבערטע האָר און זיך געגרייט צום גיין. ער האָט איצט זעט אויס פון גאַרנישט געקלערט. רעדלמאַן מיט רובינען האָבן זיך דערוויל געשושקעט צופרידן אין אַ ווינקל. אַלע מינוט האָט אים נאָר רעדלמאַן צוגעוואָרפן אַ וואָרט:

— הער גלאָז! שנעלער, עס ווערט שפּעט...

הענעך האָט זיך אָבער פאַרגאַפט אין מיטן דערינען אויף דעם אַלטן, איינגעבראָכענעם קעסטנבערג, וואָס האָט גראָד אַרויפגעצויגן דעם באַרג פּאַפּירן אויף זיינע געשוואָלענע פיס... פּלוצים האָבן זיינע לעבלאָזע אויגן אויפגעבליצט מיט אַ רציחהדיקן גלאַנץ. מיט איין שפּרונג איז ער גע־שטאַנען נעבן די צוויי חברים און אַ געשריי געטון:

— פאַרוואָס עפּעס מיך!? זאָגט! פאַרוואָס האָט איר גראָד אויף מיר רחמנות? האַ?

רעדלמאַן האָט פאַרלוירן דאָס שמייכעלע, איידער עס האָט זיך נאָך פאַרצויגן איבערן גאַנצן פּנים. ער האָט קיין וואָרט נישט געקענט אַרויס־ברענגען. ער האָט געקוקט אויף הענעכן פון אונטער זיינע גראָבע ברילן אָפּער און זיינע ליפּן האָבן גענומען גלעטן איינע די צווייטע. רובין האָט זיך אָבער נישט פאַרלוירן און גענומען אָפּענטפערן:

— מען דאַרף טאַקע העלפן אַלעמען... מיר האָבן שוין אפילו אַ קאָמיטעט... אָבער איר... אַן אַלטער חבר און באַקאַנטער, ווערטפולער מענטש... טאָ וועמען, אויב נישט אייך דעם ערשטן? איר...

הענעך האָט אים אָבער נישט געלאָזט ענדיקן. זיינע געל־ברוינע

פנים־קנאָכנס האָבן זיך געוויגט אויף און אָפּ און ער אַליין האָט זיך אַזש פאַרקייכט ביי יעדן וואָרט:

— איר ווילט נישט זאָגן!? איר ווילט נישט!? אָבער איך ווייס אַליין! איך ווייס!!! פון זיינע בליקן האָט עס געפייערט אויף זיי מיט אָנגעצונדענעם שטורעם און פאַרצווייפלונג. אָט־באַלד וועט ער אַרויס־שיסן פון זיך דאָס לעצטע... דער שריי־ספּאַזם האָט זיך אָבער ביי אים פאַרהאַקט אין מיטן. האָט ער כאָרכלדיק נאָך עפּעס געזוכט, געוואָלט וואָס שנעלער אַרויסשטויסן פון זיך:

— איך ווייס! דאָס האָט ז י אייך אָנגעבעטן!... און... באַצאָלט אפשר... וואָן!

רובין איז דערפון נישט נתפעל געוואָרן. רעדלמאַן איז געשטאַנען אין אַ ווינקל אַ בלאַסער און אַריינגעטענהט שטאַמלדיק מיט אַ פּאָר מענטשן:

— אַ משוגענער דער מענטש... זאָ וואר איך לעב! אָט בין איך אוועק, געריסן וועלטן, מען זאָל אים אַריבערטראָגן אין אַ בעסער אָרט צו דער אַרבעט... ער איז נישט דער איינציקער, פאַר וועמען איך האָב זיך באַמיט... איצט... זעט נאָר וואָס פאַר אַ סצענעס ער פּראַוועט גאָר!

רעדלמאַנען האָבן אַלע געקענט. האָבן אים אַנדערע פּאָטאַקעוועט שטום, מיט פאַלשער חניפה. בלויז געציילטע האָבן זיך פון אים אוועק־געקערט, פאַרשטייענדיק, אַז דאָ איז נישט אינגאַנצן אַזוי גלאַט, מיט דעם שווייגעוודיקן סקעלעט און די צוויי גוטע מענטשן, וואָס קומען אים העלפן... עמעצער האָט נאָר, בכדי מיט עפּעס צו ווייזן אַז ער שווייגט נישט, הויך זיך צעקרעכצט... זאָל ווער עס וויל מיינען, אַז דאָס גיט ער א י ם אַזוי אַרום געדעכט...

רובין האָט דערווייל אָנגענומען הענעכן לייכט ביים אַקסל:

— חבר גלאָז... באַרואיקט אייך! מאַכט זיך נישט נאַריש און קומט... וואָס איז דאָס פאַר אַ סצענעס? פע, נישט שיין פאַר אייך... אַ מענטש, וואָס האָט דערצויגן פּאַרטייאישע יוגנט און געהאַט צו טון מיט קאָנספּי־ראַטיווער אַרבעט... אַזוי גוואַלדעווען? נו, קומט...

הענעך האָט שוין אָבער איצט גאָרנישט געזען:

— אוועק!!! איך גיי נישט! איך וויל נישט! נעמט ז י !...

פרידלאַנד האָט זיך שוין אויך אַריינגעמישט:

— וואָס הייסט: דו גייסט נישט? און אַז מ'וועט דיך שלעפּן — וועט דיר בעסער זיין? בהמה! זעט נאָר ווע‏מען מען האָט עס געמאַכט פאַר אַ וועלט־חכם! אָקס! אַז דו וועסט לעבן און איבערלעבן — לאַכסטו פון דער גאַנצער וועלט... און אַזוי — וועסטו טאַקע מאַכן אַ לאָך אין הימל, אָדער אַ תל מאַכן פון רבונו של עולמס קאַפּאָטע... נו! עס קומען די הערן רעדלמאַן און רובין און ווילן דיר לייכטער מאַכן? קוש זיי די הענט, דאָס מינדסטע נעגעלע! לעב קודם, שוטה איינער... דערנאָך וועסטו זיך מאַכן דיינע האַנאַראָווע חשבונות: ז י ... נישט זי... אַ פערד פון אַ מענטש, זעסטו...

פון פרידמאַנס וויציקן לשון האָט זיך אפילו ביי הענעכן דאָס מויל אויסגעקרימט אין אַ שמייכל. זיין צאָרנדיקער גיפט האָט זיך דערביי איינגעבראָכן... ער איז דערנאָך געבליבן שטיין אַ צעחושטער, אַ ציטערדיקער... זיינע קניען האָבן זיך גענומען איינבייגן, בייגן זיך און פון גאַנצן גוף זיינעם האָבן גענומען פאַלן שטיקער פאַרטריקנט, אָן־לשונדיק געוויין. רובין מיט פרידלאַנדן האָבן אים אונטערגעכאַפּט, געצויגן אים פאַר די הענט, געריסן אים די אויגן... פרידלאַנד האָט דערביי הויך אַריינגעקלערט:

— ער חלשט נישט, דער בחור... פאַרלאָזט אייך אויף מיר... דאָס וויל ער זיך נאָר אַליין נישט אונטערגעבן! איז — היידאַ! אַליין וועט ער נישט גיין!

אַלע דריי האָבן זיך אַ כאַפּ געטון צו הענעכן און אים אַרויסגעצויגן מיט כוח פון באַראַק. הענעך האָט זיך נישט שטאַרק געווערט. זיי האָבן אים אַרויסגעצויגן איבער דער שוועל און עטלעכע נייגעריקע, צווישן זיי אויך מעכעלע, זענען צוגעלאָפן צום פענצטער, זען וואָס ווייטער וועט זיין. הענעך האָט נאָך געצויגן אַ האַנט, געריסן זיך... אָבער דער ירגזונדיקער אימפעט האָט זיך שוין פאַרלוירן ערגעץ. איז ער אַזוי געפירט געוואָרן פון אַלע דריי, ביז מען האָט אים אַרויסגעשטעלט פון טויער...

אין באַראַק איז שטיל געוואָרן. די פאָר מענטשן ביי דער שויב האָבן

זיך אָנגעקוקט איינס דאָס צווייטע און זיך פאַרשטאַנען. קיין ווערטער האָט מען אויף אַן אמת נישט באַדאַרפט. נאָר דער קלוגער, שיקלדיקער ווראצלאַווסקי האָט זיך נישט געקענט איינהאַלטן און אַ ברום געטון:

— נו, מעכעניו, וואָס זאָגסטו? אהא, מען גייט... מען גייט! אַ וועלטעלע! — — —

און מעכעלע האָט געפילט אַז דאָ האָט מען איצט אַ לעבעדיקן נאָך געפירט נאָר־וואָס אין קבר אריין, כאָטש קיינער ווייסט דאָ נישט מער, וואָס עס הייסט קבר און וואָס מען מיינט לעבן.

## II

אַ מאָדנע מענטש געווען, דער רעדלמאַן! פון קליינערהייט אָן אַ יתום, האָט ער קיינמאָל פון קיין גוטער מינוט נישט געוווסט. אָנגעהויבן צו אַרבעטן האָט ער גאַנץ פרי. דעם טעם פון גיין אין אַ שולע ווי אַנ־דערע קינדער האָט ער נישט געוווסט. די מוטער האָט עס אים נישט גע־קענט נאָכגעבן — איז ער גאַנץ פרי געוואָרן פאַרביטערט אויף אַלע רייכע און בורזשוקעס, ווי ער האָט זיי גערופן. גראָד האָט ער געהאַט אַ נייגונג צו בילדן זיך, וויסן עפּעס מער פון דער וועלט, ווי ער ווייסט און קענען מער. דאָס לעבן האָט אים אָבער אריינגעוואָרפן אין אַ פייכטן קעלער, וווּ ער האָט געהאַלטן אין איין קנייטשן בלעך און פוצן פאַרזשאַווערטע שלי־סעלעך. עס איז שוין אַזוי אויסגעקומען, אַז וויפל ער האָט פאַרדינט איז געווען ווייניק. די מאַמע האָט געדאַרפט האָבן פאַרוואָס צו קאָכן און אויך צוויי שוועסטערן האָבן מיטגעגעסן. קיין גרויסע געלטער האָט ער נישט פאַרדינט. איז ער אַ גאַנצע וואָך אַרומגעגאַנגען מיט געלאַטעטע בגדים צו דער אַרבעט און דעם איינציקן גוטן אנצוג באַהאַלטן אויף שבת. קיין גרויסן דערפאָלג אין לעבן האָט ער אויך נישט געהאַט. ער האָט געוווינט אין אַ קעלער־שטוב פון אַ גרויסער, אויסגעפוצטער שטאָט אין גאַליציע. דאָרט האָט מען שוין געפירט אַן אַריסטאָקראַטישן לעבנסשטייגער. די מיידלעך האָבן זיך אויסגעפוצט מאָדערנע, לויט די נייסטע מאָדעס און נאָר גערעדט פּויליש... טאָ פון וווּ זאָל עס רעדלמאַן קענען? אַז געאַרבעט

האָט ער פון זיין צענטן לעבנסיאָר אָן און שפּעטער האָט ער זיך אַליין אויסגעלערנט לייענען אַ יידישע צייטונג, פאַרשטיין און הנאה האָבן פון איר... ווי זשע האָט ער געקענט זיך דערלאַנגען צו דער בילדונג, וואָס אַנדערע האָבן?

ער האָט אָבער שטענדיק מקנא געווען די געבילדעטע אינטעליגענטן, וואָס קענען אומעטום עפענען אַ מויל און וויסן פון אַלץ אין דער וועלט. טאַקע דערפאַר האָט ער זיי אויך אַזוי פיינט געהאַט. עס האָט זיך אין אים אָנגעזאַמלט אַ גאַנצער קוואַל מיט האַס צו אַלע רייכע, וואָס האָבן די מעגלעכקייט צו לעבן גוט, מאַכן די קינדער זייערע פאַר פולע מענטשן, מיט אַ גייטיק לשון אין מויל און מאַנירן, מיט וועלכע מען קען קומען אין אַ געזעלשאַפט...

נאָך מער האָט ער פיינט געהאַט די אויסגעפּוצטע גבירישע מיידלעך, וואָס האָבן קיינמאָל נישט געוואָלט אַפילו אַ בליק טון אין דער זייט פון אַזאַ איינעם, ווי ער... פון זיי האָבן זיך אויך אָנגעשטעקט די טעכטער פון פאַרפּוצטע קבצנים... און פאַר בעניעקן איז קיין אָרט נישט געווען צווישן די קרייזן, וואָס שמועסן צווישן זיך כסדר, ווי ער האָט געמיינט, וועגן הויכע זאַכן... ער האָט כסדר געחלומט, רעדלמאַן, וועגן ווערן רייך אַמאָל און אויסזוכן זיך אַן אינטעליגענט מיידל פון אַ פּאַראָרעמטער שטוב און דערמיט אויסבעסערן דעם בלויז, וואָס די אָרעמקייט האָט געמאַכט אין זיין לעבן. דאָס רייסן זיך צו אינטעליגענץ און רעדן מיט זייערע ווערטער איז ביי אים געוואָרן אַ מאַניע, אַ חלום פון טאָג און נאַכט... ביז צו דער קריג האָט ער אָבער גאָרנישט געקענט דערגרייכן.

חברים זיינע האָבן אים אַריינגעצויגן אין אַ סאָציאַליסטישער אָרגאַ-ניזאַציע. דאָרט האָט ער אָנגעטראָפן אַ סך באַקאַנטע, געוואָרן היימיש מיט זיי, געקענט מיט זיי צאָרנען אויף דער גאַנצער וועלט און חלומען פון אַ נקמה אין די רייכע. דאָס האָט אים דאָרט געהאַלטן און צוגעצויגן. טאַקע אין זיינע הושכדיקע קרייזלעך האָט ער זיך באַקאַנט מיט אַן אָרעם בלאַס מיידל און מיט איר חתונה געהאַט. ער האָט מיט איר גע-לעבט, געהאַט צוויי קינדער און אַליין נישט געוווסט, אויב דאָס הייסט געלעבט אָדער נישט. אַ גאַנצן טאָג האָט ער געהאַמערט איבער בלעך

און אייזן, ביינאכט, ווען ער איז אהיימגעקומען, האט די קרענקלעכע פרוי געהאט גענוג דאגות אין שטוב: וואס פריער?

האט דער דיקער, ברייטפּלייציקער רעדלמאן כסדר געקוקט דורך די שויבן פון זיין געוועלבל, ווי אזוי אויף דער גאס שפּאצירן ארום עלע־גאנט־געקליידעטע יידישע מיידלעך... זיי זענען שיין, יונג און פרייליך... אבער ער קען אפילו נאענט צו זיי נישט צוקומען, נישט זיצן אין דער זעלבער שטוב ווו זיי... לאנגע יארן האט ביי אים אין הארץ געקאכט אזא געמיש פון נקמה־ווילן אין די אויסגעפּוצטע פּאניענקעס און דערביי אויך אזא מין משוגע־מאכנדיקע ציִעניש צו זיי... דאס איז ביי אים נישט געווען בלויז א גלוסטעניש צו דער פרוי אין זיי. גיכער איז עס געווען אזא אויסגעקרענקטע רייסעניש צום ווייכן זיידנס אויף זיי און צו מילך־אָנ־געטרונקענע, אויסגעזייפטע און פּארפומירטע קערפּערס, פון וועלכע עס טיילט אים אפּ זיין שטאנד און קעלער־שטאם...

וואס דארט האט זיך אין אים אויסגעקאכט איבער דער צייט, איז ער נישט אימשטאנד געווען צו דערציילן שפּעטער, מיט זיין קארגן ווארט־באגאזש. ער האט נאר געוווסט, אז דאס האט אים נישט איינמאל אראפּגעריסן דעם מוח און פארסמט די בלוטן...

...אין געטא איז ער אויפאמאל געווארן א יחסן. זיין ארבעט איז נייטיק געווען און ער האט גענומען ווערן אנגעזען. שוין דאן האט זיך אביסל דאס רעדל א דריי געטון. ער האט אבער געהאט גענוג דאגות, ווי אזוי אויסצובאהאלטן די פרוי, די קינדער... נאר דאס האט נישט גע־האלפן. זיי זענען געווען די ערשטע צום אוועקגיין. איז ער געבליבן אליין. באלד האט אים דער גורל אריינגעשליידערט אין ווערק צע. דא האט ער אנגעטראפן א מחנה פון א פּאר טויזנט מאן, מענער און פרויען און א גרויסער טייל פון זיי זענען גראד געווען פון יענעם „אריסטאקרא־טישן" שיכט, וואס ער האט אזוי פיינט געהאט און באגערט...

דאס מזל האט אים צוגעדינט און ער איז אויסגעקליבן געווארן אלס פּאכמאן אויף א גוטער שטעלע. אין לאגער איז געווען א הונגער. דער סקעלעטן־טויט און די סעלעקציעס האבן גענומען ארויסכאפּן הונדערטער מענטשן און ער איז גאר דערביי געווען זאט און זיכער. צוליב זיין קאנ־

טאקט מיט אַלערליי פּוילישע און דייטשע מייסטערס, האָט ער געהאַט די בעסטע מעגלעכקייטן צו מסחרן. האָט ער געקויפט בריליאַנטלעך, גאָלד־מטבעות און זיי פאַרקויפט פאַר גרויסע פאַרדינסטן. געשיצט פון עטלעכע מייסטער, האָט ער זיך נישט געשראָקן פאַר די לייט פון דער קאָמאַנדע, וואָס האָבן אים גערדאָט, געוואָלט אים אונטערשלאָגן דאָס גרויסע מסחר פון די הענט ארויס. איצט איז געקומען זיין צייט רייך צו ווערן! און אין ווערק צע איז לייכט געווען צו ווערן רייך. עס איז נאָר גענוג צו פאַרמאָגן אויף אַ ברויטל אַ טאָג, אַ שטיקל פּוטער און וווּרשט...

צוליב זיכערקייט האָט ער טיילמאָל צוגענומען פאַר אַ שותּפטע די קאָמאַנדאַנטין אַליין. אָדער עטלעכע פּאָליציילייט. דאַן איז ער שוין גע־זיכערט געווען פון אַלע זייטן. האָט ער זיך אַרומגעדרייט איבערן לאַגער מיט אַ גאַנצן אנצוג, שטיוול... און געגעסן יעדעס מאָל אַן עפּל פאַר אַלעמענס אויגן...

### III

ווען ער איז שוין איינגעלעבט געוואָרן אין ווערק צע, האָט אין רעדל־מאַנען זיך אויפגעוועקט אַ צווייטע, פאַרשטיקטע תּאווה: מיידלעך! דער־ביי האָבן אים נישט גערייצט די יעניקע, וואָס האָבן געשטאַמט פון די זעלבע פאַרהאָרעוועטע קרייזן וואָס ער... זיי האָבן געמעגט זיין ווי שיין! ער האָט זיך דער עיקר צוגערוקט צו אַזעלכע, וואָס האָבן געהאַט בילדונג און געשטאַמט פון אַ נגידישער משפּחה. ער האָט דערביי פאַרזשמורעט די אויגן. דאָס האָט ער זיך געוואָלט פאַרשטעלן אין דער פאַנטאַזיע, ווי אַזוי אַזאַ איינע האָט אויסגעזען מיט פיר יאָר צוריק און ווי אַזוי זי וואָלט דאַן געקוקט אויף אים... דאָס האָט אים באַזונדערס אויפגערייצט. ער האָט אַזעלכער געקענט לאַנג נאָכקריכן, מאַכן אַז זי זאָל באַמערקן וואָס ער עסט און ווי גרויס זיין מאַכט איז... טאָמער דאַרף מען פאַר איר אויסזוכן בעסערע אַרבעט און ענלעכע זאַכן... ער האָט זיך פאַר איר דערביי שטענדיק פאַרגעשטעלט:

— יעך בין אַן אַרבעטאָרער מיין גאַנץ לעבן... יעך קען נאָר יידיש...

רעדן זי דערפאר צו מיר אויף מאמע־לשון, יעך זאל זאך נישט דארפן פארהיקען...

און אז ער האט שוין איינע צריינגענומען אין די הענט — האט ער דווקא געוואלט, אז יעדער זאל עס זען, וויסן דערפון. דאס ערשטע פלעגט ער זיך ווייזן פארן לאגער־ראזירער, שלמה־נח, זיין לאנדסמאן:

— וואס זאגסטו נישט צו איר? זי האט שטודירט... שוין געזאלט ווערן דאקטאר, ווען נישט די מלחמה... איצט האט זי א זכיה, אז יעך וויל מיט איר אדורכגיין דאס געסל! וואס זאגסטו נישט צו כעניעק רעדלמאן, אַ? א קלאג צו דיין קאפ...

יעדעס מיידל, וואס דער געדאנק האט אים אונטערגעזאגט, אז אמאל וואלט ער קיינמאל פון איר קיין בליק נישט געכאפט, האט אים אויפגעקאכט. דערנאך, ווען ער האט דאס אריסטאקראטישע ליב געהאט נעבן זיך איינמאל און צוויי מאל — איז זי אים מער נישט אנגעגאנגען. ער האט זיך באלד געלאזט זוכן אנדערע. ביי יעדעס מאל, ווען ער האט זיך געמאכט היימיש מיט א פרישער, האט ער צוגעוווּנקען מיט א ווילע־ריש אייגל צו אלע באקאנטע, וואס ער האט אנגעטראפן. אזא מיידל האט אים געמוזט אויסדערציילן איר גאנצן יחוס, איר גאנצן פריערדיקן שטאנד... זיי האבן עס געמאכט מיט דער כוונה, ער זאל פארשטיין, אז דא האט ער צו טון מיט יחוס, וועט ער נתפעל ווערן, דרך־ארץ האבן און וועלן אנהאלטן די דערנענטערונג. אויפן צווייטן טאג האט ער אבער ליב געהאט ארומצושמייען פון איין פריינט זיינעם צום צווייטן און דערציילן:

— האסט געזען זי, די וועלכע איז נעכטן מיט מיר געגאנגען!? א דעפּוטאטס א זון האט געזאלט ווערן איר חתן! און איר טאטע? שמן זית! א פאבריקאנט און...

א סך אזעלכע האט ער שוין אזוי ארום אויפגעכאפט. דאס איז ביי אים נישט געווען אזויפיל די ברוטאל־סעקסועלע תאווה, ווי דער פאר־שטעקטער ווילן אין אים זיך אפצוואשן פון עפעס א באליידיקטן עבר זיינעם; א שטרעבונג זיך ארויסצוהייבן איבער יחוס, טרעטן אויף אים און דערביי כאטש ווערן אליין א יחסן אויף אזא וועג; דער איינציקער וואס איז נאך אין זיינע מעגלעכקייטן...

אים איז גאָרנישט אָנגעגאַנגען נאָר דאָס, אַז דאָס מיידל אָדער פרוי זאָל האָבן הינטער זיך אַ געוויסן ע פּ ע ס, צו וועלכן ער וואָלט זיך אַמאָל געריסן און נישט געהאַט די העזה, אָדער ער וואָלט נישט געקענט צוקומען... ער האָט פאַרטשעפּעט די יינגסטע און די עלטסטע, אָן אונטערשייד. דערביי האָט ער זיך באַנוצט שפּעטער מיט אַן אָפן צינישער שפּראַך:

— ווילסט גיין צו מיר? איך האָב אַלץ, איך קען טון, אויספּועלן...

אויך פרעדזשאַן האָט ער לייכט אַ כאַפּ געטון. אַלע האָבן אים שוין געקענט און דאָס האָט אים איינגעשפּאָרט אַ סך צו רעדן, מאַטערן זיך. דערביי האָט זיך ביי אים אַנטוויקלט איבער דער צייט אַ ראַפינירטער חוש פון אַ שמעק־הונט. ער האָט שוין פריער געוווּסט, וואָס איינער טוט וויי; געקענט אַלע פּלאָנטערנישן און נשמה־ווונדן און דערפאַר איז עס ביי אים צוגעגאַנגען שנעל און זיכער.

מיט פרעדזשען האָט ער עס געמאַכט גאָר קורץ. אַלע האָבן טאַקע געמעגט זען, ווי אַזוי זי דרייט זיך, לאַכט, שטיפט מיט אַלעמען... ער האָט אָבער געזען, ווי אַזוי זי האָט געטראָגן ברויט אין צווייטן באַראַק אַריין... דערנאָך האָט ער געזען ווי אַזוי הענעך גייט פון דער אַרבעט: מיד, דערשלאָגן, רעזיגנירט...

ער האָט פאַר איר נאָך דעם געהאַט איין וואָרט: הענעך... דאָס איז גענוג געווען זי אָפּצוציען פון די אַנדערע נאָכלויפער. דערביי מיינט ער גאָרנישט. ער איז נאָר אויך אַ חבר פון יענער באַוועגונג און מעגלעכקייטן צו העלפן האָט ער אויך... ווייל ער זי נאָר אַ פרעג טון... זי האָט נאָר איין ציטער געגעבן: יאָ, זי האָט מיט אים נישט קיין ספּעציעלעס... אָבער דאָס קען זי נישט צוקוקן... אוי, ווען ער קריגט אַ צווייטע אַרבעט און גלייכט זיך אביסל אויס! זי וואָלט לייכטער אָפּגעעטעמט... און אַזוי — שניידט איר דאָס האַרץ אויף שטיקער! ווער עס קען אים נישט פון אַמאָל!.. אָבער ניין, גאָרנישט! וואָס איז דאָ צו דערציילן? נאָר צו די פּיס וועט זי פאַלן, קושן, בעטלען מען זאָל אים לייכטער מאַכן... דערנאָך וועט זי מיט אַ פריי האַרץ אים ווייטער נישט קענען, נישט וויסן פון אים...

רעדלמאַן האָט געשמייכלט: ביי אים איז עס פון די לייכטע זאַכן. אָט, אַפילו מאָרגן! ער איז דערביי באַלד אויף „דו" מיט איר. אייגענע חברים! וואָס זשע איז דאָ צו מאַכן די אינטעליגענטישע שטיק?

איז עס געקומען ווי פון זיך אַליין. אָבער דאָ האָט ער געפונען פאַר נויטיק צו מאַכן פאַרן ערשטן עדות מעכעלען. ער איז מיט איר אויפגעטרעטן, געזען וואָס פאַר אַ קלוגע זי איז... טאָ זאָל ער וויסן, אַז רעדלמאַן נעמט אַלעמען איין! שפּעטער וועט ער מיט אים קענען שמועסן און דערציילן אין וואָס פאַר אַ יחוסים ער האָט זיך שוין דאָ אַלץ אויס־געבאָדן!

## IV

אָפּגעדרייט זיך אַ פּאָר טעג מיט פרעדזשען, געוואַרט אויף איר יעדן פאַרנאַכט ביים טויער — האָט רעדלמאַן עס גענוג. קיין שלעכטס האָט ער איר נישט געטון. דעם מאַן האָט ער איר אַרויסגענומען? איז דער חשבון גלייך. יאָ, זי אינטריגירט אים מער. זי איז פון דער יידישער אינטעליגענץ און האָט אַ נענטערע שפּראַך מיט אים, לאַנג אָבער שפּילן זיך קען ער נישט. הייסט ער זי נאָך קומען אַ שטיקל צייט נאָך ברויט, אַ שטיקל פלייש... נאָר דאָרט, ביים טישל טרעפט זי שוין אָן אַ ניי פּנים און זי גייט אַרויס מיט פלאַמען אויף דער הויט. פאַרגעסט ער זי. אויך איר מאַן, וואָס באַמבלט זיך דאָרט אונטער אַלעמענס פיס, נעמט ער נישט שטאַרק אין אַכט. די ערשטע טעג האָט ער מיט אים געשמועסט, אינטערעסירט געווען צו הערן, ווי אַזוי עס רעדט אַ מענטש, וואָס די פּאַרטיי־בלעטער האָבן נישט איינמאָל דערמאָנט זיין נאָמען. דערנאָך ווערט עס אים לאַנגווייליק... נישט אינטערעסאַנט מער!

פרעדזשע האָט זיך שוין עטלעכע טעג נישט געוויזן. זינט יענעם אָוונט האָט זי מעכעלע נישט געזען. פרידלאַנד האָט אים נאָר דערציילט, אַז זי לויפט אַרום אין די אָוונטן מיט רובינען און אַנדערע פּאָליציילייט. זי פּילדערט, שרייט און דערציילט אַלעמען וויצן, אָדער זי זינגט פאַר זיי אַלערליי לידלעך... ווען העגעך איז גראָד אַריינגעקומען אין באַראַק אַריין, האָט פרידלאַנד פאַרענדיקט מיט אַ שעפּטש:

— נאָר אים, זעסטו, אַרט עס ווייניק... זי האָט אים ווייניק גע־האָלפן דערמיט, קלערסטו? קוק אים נאָר אָן!...

אין די פּאָר טעג האָט זיך הענעך ווירקלעך גאָר אַ סך געענדערט. רובין האָט פאַר אים געשאַפן ערגעץ אַ פּאָר לעדערנע שיך. עמעצער פון דער פּאָליציי האָט אים געברענגט אַ גוט, ברוין רעקל און אַ פּאָר גראַ־נאַטענע הויזן. אויך דאָס פּנים האָט באַקומען צוריק אַביסל פלייש אויף זיך... ער האָט אויסגעזען לעבעדיקער, אויסגערוטער... זיינע אויגן האָבן צוריק איינגעצויגן זייער גיפט אין זיך און ער האָט גענומען קוקן מיט נאָרמאַלערע אויגן אויף יעדער זאַך. אין די פאַרנאַכטן האָט ער זיך אַרויס־געלאָזט שפּאַצירן אין וועלדל אַריין, געכאַפּט אפילו אַ שמועס מיט אַ מענטש״ וועגן די פּאָליטישע געשעענישן, וועגן דער אַרבעט... אַזוי ווי עס וואָלט דאָ גאָר קיין נייעס און ווייטיקלעכס מיט אים נישט פּאַסירט...

עטלעכע מאָל האָט ער פאַרהאַלטן מעכעלען ביי דער שוועל און אים אָפּגעשטעלט:

— נו, וואָס זאָגט איר?

גלייך ווי ער וואָלט שוין פריער עפּעס געהאַט געפרעגט און וואַרט אויף אַן ענטפער. זענען זיי אָפּגעגאַנגען אַ פּאָר מינוט, געשמועסט פון פאַרשידענע זאַכן און מעכעלע האָט געשטוינט: דער מענטש האָט באַ־קומען אַזאַ גאַליקן הומאָר אין זיך! ער דערציילט אים קאָמישע פּאָר־פאַלן אין זיין אָפּטיילונג, וועגן אַלערליי שמועסן, וואָס אים איז אויס־געקומען צו האָבן מיט עטלעכע פּוילישע מייסטער און פאָראַרבעטער... און דאָס ערשטע מאָל זעט מעכעלע, ווי אַזוי הענעך רעדט אויפּאַמאָל לאַנגע מינוטן און שמייכלט דערביי. ווי מאָדנע דער שמייכל זעט אויס אויף הענעכס פּנים! דאָרט, אין מיטן פון אויג־פּינטעלע פלאַקערט נאָך עפּעס, ברענט... נאָר דער בגוואַלד־צעפּריילעכטער בליץ אַרום דעם דעקט עס צו, קוועטשט עס איין... ער נעמט אפילו אָפּשטעלן באַקאַנטע און באַגריסט זיך מיט זיי אויף אַ לעבעדיקן אופן... וואָס אַ פּאָר טעג לייכ־טערע אַרבעט קענען מאַכן פון אַ מענטש!

מעכעלען דוכט זיך אָבער, אַז דאָס איז נישט דער הענעך פון פריער, פון אַמאָל... יענער האָט זיך פאַרעקשנט געהאַלטן אין זיינעם,

געריטן זיך, נישט דערלאָזט מען זאָל פון אים אָפרייסן דאָס מינדסטע. ער האָט אָבער געקענט איינהאַלטן זיין לעבן, כל־זמן ער האָט נישט נאָכ־געגעבן דאָס ערשטע מאָל. ווען ער האָט אָבער זיך איינמאָל איינגעבראָכן — האָט עס אים אָפּגעשטויסן פון זיך און ער האָט זיך געגומען קייקלען און קייקלען, וואָס ווייטער און ווייטער. ער האָט אַפילו מורא צוריקצו־בליקן הינטער זיך, אַז דאָס זאָל אים נישט דערמאָנען וואָס ער אַליין איז דאָ פריער געווען... גייט ער, ניין — ער אַנטלויפט פון זיך, ציט אויף זיך אַליין אַרויף אַן אַנדער הויט, ער זאָל זיך נישט אַמאָל דערקענען...

יענער הענעך האָט דאָ געהאַט אַ פרוי, מיט וועלכער ער האָט גע־לעבט אין גוטע צייטן. עס איז דאַן אַזוי שיין געווען, מחיהדיק... זי האָט אויך געהאַט מיט אים אַ קינד, צוזאַמען מיט אים זיך געפרייט דערמיט... זיי זענען איינס געווען! דערפאַר האָט ער געמוזט רייסן פון זיך די האָר, אויפפרעסן אין זיך די גאַל, שפייען אויף איר, שרייען פון עקל... זי איז זיין פרוי! און איצט גיט זי זיך אַוועק אַנדערע, לויפט נאָך יעדן ברעקל פאַרגעניגן, אין דער צייט ווען ער קרעמפּט זיך אין ווייען, דאָרט איין... און אפשר טאַקע דערפאַר, ווייל ער איז אַזוי! אַ, זי ברענגט אים נאָך ברויט, די אויסגעלאַסענע, וואָס זי האָט גענומען ביי אירם אַ פריינט! זי האָט אַפילו אויסגעבעטלט לייכטערע אַרבעט פאַר אים... נישט אויס־געבעטלט אייגנטלעך, נאָר אים געקויפט דאָס מיט ז יי נ ס אַ זאַך, וואָס ליגט איצט ביי איר אין די הענט. ער האָט נישט קיין כוח עס צו נעמען מיט גוואַלד, גיט זי אים דערפון וויפל זי וויל נאָר... קען ער נאָר איר אָפּענטפערן ווי אַ מענטש מיט שטאָלץ דאַרף ענטפערן: ג יי ! וואָס נאָך זאָל ער איז זאָגן?

מיטן מאָמענט אָבער, ווען ער איז מיטגעגאַנגען מיט רעדלמאַנען, האָט דער פריערדיקער הענעך אַלע חשבונות געענדיקט. איצט איז ער איי־נער פון די טויזנטער אָפּגעריסענע דאָ! דער פריערדיקער הענעך מיט זיין שטאָלץ און קלאָמערן זיך צו זיין אַמאָל, האָט דאָ נישט געקענט לעבן. ער האָט געדאַרפט בלייבן ליגן אויפן בעטל, צערטלען דעם גיפ־טיקן האַס אין האַרץ, ביז ער וואָלט אויסגעגאַנגען. ווען דאָס לעצטע רעשטל ווילן צום לעבן האָט אָבער זיך געשטאַרקט אין אים, איז אויס

מיט אלץ! אין הענעכן האָט אָבער נישט דאָס  ל ע ב ן  דעצידירט! גי־
כער איז עס געווען אַ מינוט, ווען ער איז נאָך שוואַכער געוואָרן ווי
פריער. ער האָט מער קיין כוח נישט געהאַט און ער האָט  ר ע ז י ג־
נ י ר ט  פ ו ן  ש ט אַ ר ב ן ... קיין כוח נישט געהאַט צום וואַרטן
אויפן טויט.

האָבן זיך אָנגעהויבן אַנדערע טעג. ער זוכט מער גאָרנישט און
טראַכט נישט מער פון אויפמאַנען זיינס. ער האָט דאָ גאָרנישט און
קיינער קומט אים נישט קיין חוב. ער האָט נאָר דאָ מער גליק ווי אַנ־
דערע. מיט אים אינטערעסירט מען זיך! פאַראַן דאָ אַזאַ יונג, שיין ווײַ־
בעלע, וואָס ער קען פון ערגעץ... זי אינטערעסירט זיך מיט אים, לויפט
צו פאַרשידענע מענטשן און בעט זיך רחמים מען זאָל אים העלפן, לייכ־
טער מאַכן... דאַרף ער איר דען נישט דאַנקבאַר זיין? מיט וועמען זי
רעדט נאָר, מיט פּאָליציי... סתם מענטשן מיט אַ דעה אָדער ווער עס
זאָל נישט זיין — דערמאָנט זי אים, בעט מען זאָל פאַר אים טון עפּעס...
צוליב דעם האָט מען אים געגעבן אַן אנצוג, שיך, אַ בעסערן פּלאַץ צום
אַרבעטן... און אפילו אַ וואַרעמען קאַץ האָט אים ווער אַריינדערלאַנגט!
פאַרוואָס זשע זאָל ער נישט זיין צופרידן?

יאָ, זי פלעגט אפילו צוקומען און ברענגען אים ברויט... גערעדט
אַזוי צערטלעך מיט אים, געזוכט אים צו טרייסטן... נאָר ער האָט זי
פאַרטריבן! פאַרוואָס האָט ער זי געטריבן? טוט זי ווייניק פאַר אים? זי
גייט מיט אַנדערע? וואָס גייט עס אים אָן? זי באַמיט זיך, אַז ער זאָל
דאָ לעבן! איז אים דאָס נאָך ווייניק? וואָס איז דאָס פאַר אַ משוגעת
געווען ביי אים? נישט צום פאַרשטיין! דאָ איז מער גאָרנישט, נאָר דאָס:
זי איז אַ פרייליכע, אַ לוסטיקע... אָבער אַ האַרץ האָט זי! זי לעבט, פאַר־
ברענגט... נאָר דאָך גערעדנקט זי, אַז דאָ איז געקומען איינער אַהער, וואָס
קען די ווערק צע־באַדינגונגען נישט איבערטראָגן און זי לייגט אַוועק
שמיקער געזונט, רייסט אָפּ דעם ביסן פון מויל, בכדי אים צו דערהאַלטן
אויף די פיס...

זי איז אַמאָל געווען מיט אים אַזוי נאָענט? אָך, דאָס איז דאָך אַזוי
לאַנג שוין! די לעצטע שפּורן דערפון זענען שוין פון דער צייט אָפּגע־

ווישט געוואָרן... איצט זענען אַנדערע צייטן! אַמאָל איז זי געווען מיט אים — היינט מיט אַנדערע. דאָס ראָד פון לעבן דרייט זיך אַזוי. וואָס זשע האָט ער זיך דאָ אוועקצוברענגען? ברענען אויף איר און זיך אַליין דערוויי! פאַרברענען? עט, נאַרישקייטן! מען דאַרף כאַפּן דאָ אַזויפיל שטיקער לעבן, וויפל מ'קען! אַזוי טוט זי און אַזוי דאַרף אויך ער טון! אויב זי קומט און דערלאַנגט אים אויך אַ ברעקל — דאַרף ער נעמען און איר דאַנקען דערפאַר! פאַרוואָס איז אים דאָס אַלץ פריער נישט קלאָר געווען?

הענעך וויל זיך נישט דערטראַכטן ווייטער. ער שעמט זיך. איצט האָט ער זיך גאָר געגומען פילן שולדיק פאַר איר: אַמאָל האָט זי אים אויסער ל ע ב ן געקענט געבן אויך גליק. היינט קען זי נישט. זוכט זי איר גליק, איר זיכערקייט ביי אַנדערע. דאָס גליק אירס קען זי זיך מיט אים נישט טיילן. ברענגט זי אים נאָר צו טראָגן שטיקלעך לעבן איינגע־וויקלט אין פּאַפּיר. דאָס קען זי יאָ... פאַרוואָס זשע האָט ער זי באַליי־דיקט, זי געשטאָכן מיט די רייד?

האָט ער מער נישט געקענט. אין איינעם אַ פאַרנאַכט האָט ער זי געזען פאַרביילויפן אַליין און ער איז איר אַקעגנגעגאַנגען. זי האָט זיך געוואָלט אוועקרייסן, איינזינקען ערגעץ... אָבער ער איז איצט געווען אַזוי אַנדערש, אַז איר איז נישט מעגלעך געווען זיך עס צו גלויבן. זיין קול איז איצט געווען אַזוי רואיק, מילדלעך־טרוקן און אַזוי פרעמדלעך־היי־מיש, אַז זי האָט אים נישט דערקענט. דערביי האָט ער זיך נישט פאַר־לוירן, נאָר אַזוי פשוט און גלייך איר אַ זאָג געטון:

— פרעדזשאַ! צוליב וואָס זאָלן מיר ברוגז זיין? קיין שלעכטס האָבן מיר זיך נישט געטון און נאָך אַ היימיש פּנים בענקט זיך אַזוי...

נאָר ווען זי האָט פּלוצים דערשפּירט טרערן אין די אויגן, האָט זיך אויך זיין קול איינגעבראָכן און ביידע האָבן זיך שטום געהאַלטן פאַר די הענט...

ז

דורך וויפל טראַכטעניש̈ן הענעך איז אַריין אין זיין נייער הויט, איז נישט מעגלעך געווען צו וויסן. קען זיין אַז ער האָט נאָך אויך די לעצטע איבעראַנדערשונג זיינע נישט באַנומען ביזן סוף. דאָס האָט ער נאָר פאַרדעקט, אַריינגערוקט טיפער אין זיין נשמה־טאַש אַריין. ער האָט זיך באַצויגן מיט אַ מינע פון האַלבער צופרידנקייט און אַליין נישט גע־ווּסט, אָדער נישט געוואָלט וויסן, אַז זיין פריערדיקער גלגול וועט זיך נאָך אַמאָל אַרויסרייסן פון אים און פאַרקוועטשן צוריק אַ פויסט. אָבער דאָס איז געקומען. און אויך דאָס האָט מעכעלע איינמאָל פּלוצים דערזען.

דאָס איז געווען אין דער טיפער נאַכט, מיט עטלעכע טעג שפּעטער. אין מיטן שלאָף האָט מעכעלע דערהערט אַ שטילן גערויש, אַ ווייכן שעפּטש און ער איז וואַך געוואָרן. ווען ער האָט זיך שטיל אויפגעזעצט, האָט ער דערזען ווי פּרעדזשאַ שטייט אַריבערגעבויגן איבער הענעכס בעטל און רעדט אין אים אַריין:

— אַ ניי העמד נאָך... און דאָ איז אויך אַ פּאָר גאַטקעס... דאָס לייבל איז נאָך אויך גוט! און דער פּולאָווער קען אין די קאַלטע טעג דיר גאָר־גוט צונוץ קומען...

אַ שטילער שאָרך פון וועש האָט זיך דערהויבן ביז צו מעכעלעס גע־הער. הענעך איז געלעגן שווייגנדיק און זי האָט גערעדט שנעל, בריענדיק מיט האַסטיקן אָטעם:

— ס'איז שפּעט, הענעך... באַהאַלט עס... איך מוז לויפן...

זי האָט צוריקגעטרעטן, אויסגעגלייכט זיך און פאַרמאַסטן זיך צום גיין. הענעך האָט זיך אָבער דערווייל דערטראַכט צו עפּעס:

— שטיי נאָר! וו ע ר האָט עס דיר געגעבן?

ער האָט יעדעס וואָרט באַזונדער שאַרף אַרויסגערעדט, געהיטן זיך, אַז יעדער זילב זאָל גוט אַרויסקומען... זי זאָל אַלץ דערהערן...

פּרעדזשאַ איז געוואָרן גערייצט:

— וואָס גייט דיך אָן? דו דאַרפסט עס און איך האָב דיר געבראַכט! וואָס גייט דיך ווייטער אָן?

אָבער הענעך האָט זיך ווייטער געעקשנט... אין זיינע ווערטער האָבן זיך געמישט געבעט מיט כעס. דערביי איז אויך קענטיק געווען אַ רואיק צוימען זיך, צוזאַמען מיט אַ באַהאַלטענעם חשבון, וואָס ער פירט דאָרט ערגעץ מיט זיך אַליין:

— זעסט, פּרעדזשאַ, איך נעם ביי דיר אַלצדינג... אַלץ וואָס דו גיסט מיר נאָר! איך וועל דאָס אויך ווייטער נעמען. מילאַ, אַזוי האָב איך אָפּגעמאַכט מיט זיך. איך האָב צו דיר גאָרנישט. איך אַליין האָב דיך איבערגעבעטן... נישט דערפאַר בלויז, ווייל איך וויל נישט הונגערן און איך קוק אויס, אַז דו זאָלסט מיר אַריינוואַרפן אַ שטיקל ברויט. דאָ איז עפּעס אַנדערש: איך פאַרשטיי דיך. נאָר איינס וויל איך פון דיר: יעדע זאַך וואָס דו ברענגסט מיר — וויל איך וויסן, ווער עס האָט דיר עס געגעבן! מער גאָרנישט! אויב נישט — וועל איך נישט נעמען... ד אָ ס העמד האָסטו גענומען ביי רעדלמאַנען אָדער ביי מאַניעקן? די שיך, ווייס איך: רובין... דעם פּולאָווער דערקען איך: ס'איז דעם יונגן יאַטס, דער שיינער פאַרארבעטערל... נאָר ד אָ ס העמד מיט די גאַטקעס...

פּרעדזשאַ האָט אים נישט געלאָזט צוענדיקן. עס האָט אויסגעזען אַז אָט־אָט וועט זי זיך צעוויינען:

— הענעך! וואָס ווילסטו פון מיר? איך קען נישט! נעם...

זי האָט זיך דערביי אויסגעדרייט און מיט האַסטיקע טריט זיך גע־לאָזט צו דער טיר. הענעך האָט זיך אויפגעזעצט און איר מיט אַ געהע־כערט קול נאָכגעשריגן:

— איך   מ ו ז   וויסן! הערסט?... נאַ!

ער האָט דערביי אַ שליידער געטון די זאַכן אין באַראַק אַריין. זי איז אָבער שוין געווען פון יענער זייט טיר. אויף דער פּאָדלאָגע זענען געבליבן ליגן עטלעכע ווייסע פלעקן און אַביסל ווייטער האָט זיך גע־רויטלט פּאָר בושה אַ רויט פּולאָווערל, וואָס מעכעלע האָט געזען אין יענעם קאָנצערט־אָוונט אויפן לייב פון שעמעוודיקן בחורל, יאַסל...

ערשט גאַנץ פרי איז עמעץ אויפגעשטאַנען, צוזאַמענגענומען די חפצים און אָן איין וואָרט זיי צוגעטראָגן צו הענעכס בעטל... זעט אויס,

אז נאָך עמעצער האָט זיך צוגעקוקט צו דער ביינאַכטיקער סצענע. הע־נעך האָט זיי צוגענומען, אָן אַ פּיפּס צו געבן. נאָר פון יענער נאַכט אָן האָט מען זיי אויפגעהערט אַ לאַנגע צייט צו זען גיין צוזאַמען אָדער טרעפן זיך.

# קאַפּיטל פינף און צוואַנציק

## I

אין ווערק צע האָבן זיך גענומען טרעפן מאָדנע אויסטערלישע זאַכן. קיין סעלעקציעס זענען נישט פאָרגעקומען. דער טראַנספּאָרט יידן, צוליב וועלכע מען האָט אויפגעשטעלט די נייע באַראַקן איז נאָך אַלץ נישט גע־קומען, האָט מען געמיינט, אַז עס וועט דאָ רואיק זיין אַ שטיקל צייט. מען וועט מאַכן קאָנצערטן, ראָמאַנסירן, מאַכן קליינע אינטריגעלעך... אָבער דערווייל האָבן גענומען געשען אַלערליי מאָדנע פּאַסירענישן, וואָס האָבן אַלעמאָל אויפגעטרייסלט דעם לאַגער.

אָנגעהויבן האָט זיך עס מיט דער האַלע 58. אין פאַרלויף פון אַ קורצער צייט האָט מען דאָרט אַריינגעטריבן אַ סך יידן צו דער אַרבעט. יעדן טאָג זענען אַ טייל פון זיי צוריקגעקומען מיט צעהאַקטע גלידער, געשוואָלענע... מען האָט געשמועסט אַז קיין איין ייד וועט פון דאָרט נישט אַרויס קיין לעבעדיקער. זשעלינסקי, סאַדזאַ, אַנטאָש און נאָך עט־לעכע שקצים פון דער האַלע, צווישן זיי אויך סטאַך, האָבן באַשלאָסן יעדן טאָג צו מאַכן עטלעכע יידן פאַר קאַליקעס. האָבן גענומען פאַלן קרבנות. עס האָבן נישט געהאָלפן קיין אינטערווענצן ביי די מייסטערס. זייער צאָל האָבן זיי געמוזט האָבן. זשעלינסקי איז אינגאַנצן משוגע געוואָרן אויף דעם געביט. מען האָט גענומען שלאָגן די יידן, אפילו בעתן דער־לאַנגען די גראַנאַטן. אַ זאַך, וואָס האָט אין קיין האַלע נישט פּאַסירט...

די צוויי ברידער אייבעשיץ פון וואַרשע, צוויי סוחרישע יידן, וואָס זענען אַריינגעפאַלן אין 58-סטל און געשלאָפן אין צווייטן באַראַק, זענען

יעדן פאַרנאַכט אַהיימגעקומען מיט געבראָכענע ביינער. זיי האָבן זיך אָנדערצײלט שרעקלעכע זאַכן און דערביי יעדעס מאָל פאַרענדיקט:

— איר וועט זען... עס וועט פּאַסירן אַן אומגליק, אַ שרעקלעכע קאַטאַסטראָפע! די גראַנאַטן פאַלן פון די הענט...

עס זענען אָבער אַוועק טעג אויף טעג און עס האָט גאָרנישט פּאַסירט, אויסער קליינינקייטן, וואָס האָבן אַלעמאָל געקאָסט דאָס לעבן פון אַ ייד, אָדער צוויי...

אין יענע טעג טאַקע איז איינמאָל מעכעלעס נאָענטסטער פריינט, אברהם איסר, נישט אַהיימגעקומען פון דער נאַכט־שיכט. מען האָט אים געזוכט איבערן גאַנצן לאַגער און איבער דער פאַבריק, אָבער קיינער האָט נישט געוווּסט, ווו ער איז אַהינגעקומען. ערשט דעם צווייטן טאָג נאָכמיטיק האָט מען אים געפונען ליגן אין וועלדל, צווישן די געדיכטעביימלעך, ביים 58־סטל. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די שקצים פון דאָרט האָבן אים געזען פאַרבייגיין פון דער אַרבעט און אים אַהין פאַרנאַרט. דער שטענדיק הונגעריקער אברהם־איסר האָט זיך געלאָזט אַריינציען, הערנדיק אַז מען וויל אים געבן אַביסל זופּ וואָס איז געבליבן פון נעכטן; אָבער דאָרט צווישן די ביימער האָבן זיי אים אַזוי לאַנג געשלאָגן מיט שטעקנס, ביז ער איז געבליבן ווי טויט. אויפן צווייטן טאָג ערשט האָבן זיי מיטגעטיילט, אַז אַ ייד פון אַ פרעמדער האַלע האָט זיך דאָ געדרייט און געוואָלט עפּעס גנבענען. האָבן זיי אים געטון זיין רעכט. דאָס אייזערנע האַרץ זיינס האָט אָבער נאָך אַלץ געאַרבעט. ווען מען האָט אים געבראַנגט אין לאַגער אַריין, האָט ער נאָך געלעבט. ער האָט שוין מער נישט געקענט רעדן, נישט באַוועגן זיך. דער מעכטיקער גוף האָט זיך אָבער נישט געוואָלט אונטערגעבן דעם טויט אַזוי לייכט. איז ער געלעגן אַ גאַנצן מעת־לעת און געגוססט.

מעכעלע איז געלאָפן, געריסן דאָקטוירים ביי די פּאָלעס, געבעטן זיי מען זאָל אים זען צו ראַטעווען. אפשר וועט דאָך געלינגען? זיי האָבן אָבער אַלע אָפּגעפּסקנט, אַז דאָ איז שוין נישט דאָ וואָס צו מאַכן. ער איז שוין טויט געווען נאָך אונטער זייערע הענט. בלויז די גבורה זיינע לאָזט זיך נישט אַזוי לייכט אויסלעשן. איצט איז פאַר אים זיין געזונט־

קייט נאָר אַ שווערע משאָ: זי דערלאָזט נישט, אַז ער זאָל שטאַרבן מיט אַ לייכטן טויט... מעבעלע מיט מענדלען זענען בײַ אים אָפּגעזעסן אַ גאַנצע נאַכט, געזען ווי ער רײַסט זיך אויף פון זײַן געלעגער, קוקט זיי אָן מיט אויגן וואָס דערקענען אַלעמען, פאַרשטייען... אָבער זאָגן קען ער גאָרנישט מער...

ווען ער איז געשטאָרבן פאַרטאָג, איז שוין דער וואָגן, וואָס פירט אַוועק די טויטע, געשטאַנען אויפן הויף. מענדל האָט געמוזט לויפן צו דער אַרבעט און מעבעלע איז געווען דער איינציקער, וואָס האָט אים באַגלייט ביז צום טויער. איצט איז מעבעלע פאַריתומט געוואָרן פון לעצטן מענטש, וואָס האָט נאָך געהאַט דאָ אַ שייכות מיט זײַן אַמאָליקער היים.

וואָס מער די יידן האָבן זיך גענומען שרעקן פאַר דער האַלע 58. אַלץ מער האָט מען זיי אַהין געטריבן. פון אַלע אַרבעטס-פּלעצער מיט לייכטע אַרבעטן האָט מען אַראָפּגענומען אַ טייל און זיי געשיקט אַהין. דאָרט האָבן זיי אַלע מלאכי־חבלה באַלד אויפגענומען מיט געשלעגן, אַז די געשרייען האָבן זיך געטראָגן אויף דער גאַנצער פאַבריק. דער הילפס־קאָמיטעט, וואָס האָט זיך געשאַפן נאָכן קאָנצערט, האָט אפילו גענומען טיילן יעדן טאָג באַזונדערע פּאָרציעס ברויט פאַר די אַרבעטער פון 58־סטע, דאָס האָט אָבער ווייניק געהאָלפן. אין אַלע באַראַקן האָבן זיך גענומען מערן די צעשלאָגענע און שווער־קראַנקע, וואָס זענען געקומען פון יענער האַלע.

האָבן טאַקע די מענטשן פון צווייטן באַראַק מעבעלען מקנא געווען:

— דו האָסט שוין איינמאָל אַ מזל! גראָד פאַרן אָנהויבן אַזוי פּייניקן אין 58־סטע האָט מען דיך פון דאָרט אַרויסגענומען. איצט וואָלסטו קיין איין טאָג דאָרט נישט אויסגעהאַלטן...

אָבער פרעדזשאַ איז דאָרט ווײַטער געבליבן געגאַנגען. איר איז דאָרט גוט צו אַרבעטן, האָט זי יעדעס מאָל איבערגעחזרט. צו איר באַציט מען זיך גוט. אויך גוטשע, קויפּמאַנס דיקלעכע כלה, האָט זיך ווידער געהאַלטן בײַ איר אָרט. וויפל מאָל מען האָט איר פאָרגעלייגט צו בײַטן די אַרבעט האָט זי אַלץ אָפּגעלאַכט פון יענע:

— מ י ך וועט מען דאָרט נישט אויפעסן! זשעלינסקי ווייסט,

ווער איך בין און ער וועט מיר קיין ריר נישט טון... מען מאַכט אָן מער גערודער, ווי די מעשה איז אין דער אמתן!...

זענען די מיידלעך ווייטער געבליבן דאָרט אַרבעטן.

## II

אין איינעם אַ טאָג איז קויפמאַן געקומען מיט דעם גרויסן וואָגן עסן פון דער קיך, אַזוי ווי אַלע מאָל... אויפן פּלאַץ האָבן שוין געוואַרט אויף אים הונדערטער מענטשן. פון אַלע זייטן האָט מען זיך געריסן צו די פּעמ־לעך זופּ, געדרענגט איינער אויפן אַנדערן און געשריגן מיט הונגעריקע קולות. קויפמאַן איז שוין צוגעוווינט דערצו און עס אַרט אים נישט מער. ווי יעדן טאָג, דעקט ער זיך איין די גלאַנציקע שטיוול מיט גראָבע שמאַ־טעס, ער ציט זיך אַרויף דאָס לייוונטענע פאַרטוך אויפן אָנצוג און קריכט זיך פּאַמעלעך אַרויף אויפן וואָגן, אין דער הויך.

זיין געהילף דיאַמאַנט מיט נאָך עטלעכע משרתים צעטרייבן דער־ווייל דעם עולם מיט דיקע שטעקנס און מיט די פויסטן. יעדן טאָג זעט זיך אויס, אַז די מאַסע וועט אַרויפפאַלן אויף די פּעסלעך און זיי צעטראָגן מיט די הענט. זיי וועלן לינטשן קויפמאַנען מיט די פּאָר געהילפן זיינע, אָנזופּן זיך מיטן קלעפּיקן עסן איינמאָל פאַר אַלעמאָל און דערנאָך וואַרטן רואיק אויף זייער פּסק דין... אין דער לעצטער מינוט ציען זיי זיך אָבער צוריק, פאַרלירן זייער אַגרעסיוון אימפּעטיקן שטורעם און בלייבן ווייַ־טער אָפּהענטיק. זיי שטייען ווייטער מיט טרוקענע צינגער און וואַרפן אַרויף צו קויפמאַנען זייער כסדרדיק, דערשלאָגן געבעט:

— פּאַניע קויפמאַן... נאָר אַביסעלע... אַ קליינעם טראָפּן עסן!

היינטיקן טאָג איז ער געווען באַזונדערס רואיק, קויפמאַן. פון דער קיך האָט ער זיך צוגעכאַפּט אין דער האַלע 58. דאָרט האָט ער געזען זיין גוטשען. זי האָט אים געשאַפט עפּעס אַ נייע פאַרבינדונג אין דער האַלע און מסתמא וועט דאָ אַוועק אַ גאַנג... שמייכלט ער צופרידן פון זיין הויכקייט אַראָפּ און איילט זיך נישט צום אויסטיילן...

ער קען שוין דאָ אַלע סטאַבילע אָרומשטייער און ווייסט שוין יעדנס

פּזמון פון אויסנווייניק. זיין מלאכה איז לעצטנס פאַרגרעסערט געוואָרן. אַלע, וואָס אַרבעטן ביי די נייע באַראַקן, מוזן ביי אים פּערזענלעך נע־מען זייער עסן. דערצו קומען אויך די אַלע וואָס אַרבעטן דאָ ביי נעבן־אַרבעטן. זעט ער טאַקע ווי מעבעלע שטייט אין אַ זייט און עס טוט אים הנאה, וואָס „דאָס יאַטל" מוז דאָ אויך וואַרטן אויף אים. שרייט ער טאַקע אַריבער צו אים איבער אַלעמענס קעפּ:

— דע, שטיי נאָר דאָרט איין אויף אַן אָרט! מעגסט צוואַרטן אַביסל... אָרדענונג מוז זיין! מעגסט אפילו מיך דערנאָך ווייטער באַ־שנײדלען אין דיינס אַ לידל... איך פייף דערויף!

מעבעלע האָט גאָרנישט געטון קיין ספּעציעלס. דאָס האָט נאָר קויפ־מאַן אים ספּעציעל אַרויסגערופן, אַלע זאָלן זען ווער עס דאַרף אַלץ אָנ־קומען צו אים און ווי ער מאַכט נישט פון קיינעם קיין צימעס. מעבעלע פאַרשווייגט. פאַרדריסט עס שוין קויפמאַנען. שרייט ער שוין ווידער צו אים אַריבער:

— אינטעליגענטניק! ס'זאָלן דיר שרפען די געדערעם! אַ מיוחס פון לאָקשן־קוידעש, זעסטו!

באַלד אָבער ציען אים אָפּ אַנדערע קולות. ער ווייסט שוין וואָס יע־דער איינער שרייט און ער האָט אַ משונהדיקע הנאה אויסצוהערן איצט אַלעמען. קוקט ער זיך אַרום און זוכט עמעצן. בויגט ער זיך אפילו אַראָפּ נידעריקער צום שטומען דיאַמענט און גיט אַ פרעג הויך אויפן קול:

— אַ חידוש! דער סאַקאַלאָווער רבי איז היינט נישטאָ?

פון אַלע זייטן נעמען זיך צעשרייען חניפהדיק־הונגעריקע קולות, וואָס ווילן וויזן אַז זיי זענען גרייט קויפמאַנען צו דינען, אונטערצו־העלפן:

— סאַקאַלאָווער רבי! ווו ביסטו?

דאָס מיינט ער אַ קליין, אויסגעדאַרט יידעלע וואָס איז אַריינגעפאַלן צו דער פּיקרין און ער קומט יעדן טאָג אַהער וואַרטן אויף אַ חסד פון קויפמאַנען. נאָך די ערשטע טעג אָפּאַרבעטן ביי דער געלער אַרבעט האָט זיך ביי דעם מענטש עפּעס אַ רודער געגעבן אין קאָפּ. ער האָט גענומען

גיין אין די פארנאכטן פון באראק צו באראק, אָנשטעלן אויף יעדן זיינע פרומע, גרויסע אויגן און מיט שטילן געבעט ארויסוויינען פון זיך:

— כ׳בין דער סאָקאָלאָווער רבי... גיטס מיר עפּעס... גיטס! קויפטס א מצווה!

אויך אים האָט דער הונגער גענומען טרייבן צו קויפמאַנס וועגעלע. טייל מענטשן האָבן אים געקענט. ער איז פאַקטיש געווען א׳קינד פון א גרויס, רביש הויז. נאָר דאָ האָט דער פּיקרין אין אים „עפּעס פּוגם געווען״. אזוי האָבן צווישן זיך געשמועסט עטלעכע חסידישע יונגעלייט, וואָס האָבן זיך פאַרוואַלגערט אין ווערק צע אריין. זיי האָבן זיך געהיטן ווי פאַר פייער נישט צו דערציילן, ווער דאָס קליינע יידעלע מיט די גרויסע קינ־דערישע אויגן איז... ווען מעבעלע האָט זיי געוואָלט ארויפציען אויך דעם, האָבן זיי נאָר געהאַט איין ענטפער:

— נו, בזיון קדשים איז אויך א גרויסער חטא...

און ביי אים אַליין איז אויך שווער געווען צו דערגיין. אויף יעדער פראַגע האָט ער נאָר אויסגעגלייכט זיך, א קלאַפּ געטון מיט דער דאַרער פויסט אין דעם אויסגעמאָגערטן האַרץ־ברעטל און פייערלעך א שאָס גע־טון:

— יאָך בין דער סאָקאָלאָווער רבי!

און באַלד פאַרגאַנגען זיך אין א יללה...

אזוי איז ער געווען נאָרמאַל. אַלע פאַרטאָג האָט ער זיך געהיטן אריינצולויפן אין א באראק אריין, וווּ עס זענען געווען די איינציקע פּאָר תפילין פון רבינו תם. ער האָט זיי געמוזט אָנטון יעדן טאָג. ער האָט אויך נישט פאַרגעסן מיטצוטראָגן מיט זיך א בלעכל וואסער, זיך אַלע מאָל צו וואַשן די הענט. מיט יעדן איז ער אומגעגאַנגען איידל און זיין איינציקער זאָץ, וואָס ער פלעגט איבערחזרן צו יעדן, איז געווען:

— יידן, זינדיקט נישט... יידן!

נאָר איין זאַך האָט אים ארויסגעפירט פון גלייכגעוויכט: עסן! זינט ער איז אריינגעפאַלן צום גען, האָט ער נישט געקענט גלייכגילטיק קוקן אויף א שטיקל ברויט אָדער אביסל זופּ אין יענעמס הענט... ער האָט זיך

געוואָרפן אויף דער ערד, געוויינט, אויסגעשטרעקט די הענט, געבעטן און פאַרגאַנגען זיך אין אַ חלשותדיקן יאָמער:

— אַ ברעקל גיט מיר... אַ טראָפּן!...

די פּאָר פרומע יונגעלייט האָבן אַוועקגעדרייט די אויגן, ווען זיי האָבן עס געזען און נאָר צו זיך געמורמלט:

— אָ ן  א י ס ט נ ס  געווען נעבעך... נישט געוווסט קיינמאָל, וואָס הונגער מיינט...

זיי האָבן אפילו צוזאַמענגעמאַכט צווישן זיך, מען זאָל אים יעדן טאָג געבן אַן איבעריקע פּאָרציע ברויט. דאָס האָט אָבער נישט געהאָלפן. ער איז געוואָרן פון די ערשטע, וואָס האָבן געוואַרט ביי קויפּמאַנען און גע־שטאַנען ביז צום לעצט. אַלע טאָג האָבן זיך ביי אים געשאַפן אַנדערע ברכות פאַר קויפּמאַנען און ער האָט זיי אַריבערגעשריגן צו אים, איבער אַלעמענס קעפּ...

דאָס האָט קויפּמאַנען שטאַרק אימפּאָנירט. פון זיין קינדוויז אויף האָט ער מורא געהאַט צו שטיין אין דער נאָענט פון אַ רבין... געוווסט אַז דאָס איז אַ צו הויכע זאַך פאַר אים... און דאָ שטייט אַזאַ איינער צווישן דער מחנה און וואַרט נאָר, אַז קויפּמאַן זאָל אים באַגליקן... האָט ער אים שטענדיק אָפּגעהאַלטן ביז צום סוף, מכלומרשט חוזק געמאַכט פון אים:

— דע, מיין מאַמע איז דאָך ביי דיר אַמאָל געווען! ד ו  האָסט איר אויך געגעבן אַ ברכה אומזיסט, אָדער האָסטו זיך געהייסן באַצאָלן? זאָג מיר!

איצט אָבער איז אים עפּעס איינגעפאַלן נאָך פאַרן טיילן אים אַ רוף צו טון... פון דער זייט האָט זיך גענומען שפּאַרן אַ קליין, שמאָל גופל, קוים הויט און ביין. נאָך אים האָבן זיך געדרענגט אַ גאַנצע מחנה, וואָס האָבן געוואָלט דורך אים זיך דערנענטערן צו קויפּמאַנען. ער אַליין האָט געמיינט, אַז קויפּמאַן גיט אים שוין דאָס, אויף וועלכן ער וואַרט. האָט ער זיך נאָך פון דער וויטנס צעשריגן:

— פּאַניע קויפּמאַן! געזונט און לאַנגע יאָרן אויף אייך! באַכערס ווייַן זאָלט איר נאָר זוכה זיין צו טיילן אין ירושלים! א מ ן !!!

קויפמאַנס שמאָלע גאָמבע האָט זיך אָבער אויסגעקרימט, ווי ביי אַ מסחר, וואָס מ'איז נישט אין גאַנצן צופרידן דערפון:

— סאַקאַלאָווער רבי! די ברכה האָב איך דאָך שוין איינמאָל געקריגן! זוכט מיר אויס עפּעס אַן אַנדערע... אָבער שנעל! איך האָב נישט קיין צייט... מען דאַרף זיך נעמען צום אויסטיילן... שוין שפּעט...

דער מענטש האָט נישט תופס געווען, וואָס קויפמאַן מיינט. ער האָט איצט איבערהויפּט פון גאַרנישט געקענט טראַכטן. דאָס לויפן צו קויפ־מאַנען איז ביי אים געווען עפּעס אַנדערש, ווי נאָר דאָס ביסל זופּ. באַקו־מען עסן — דאָס איז ביי אים שוין געווען אַזאַ מין תענוג, אַ גוטוועג־דיקייט, אפילו ווען ער זאָל דאָס שפּעטער גאַרנישט נעמען אין מויל... איז ער דערפאַר געבליבן שטיין מיט אַן אָפן, פאַרגאַפט מויל און עפּעס געזוכט מיט די ליפּן אָנצוכאַפּן אין דער לופט...

קויפמאַן איז שוין געוואָרן אומגעדולדיק. ער האָט זיך אָבער איינ־געהאַלטן און מיט זיין רואיקן טאָן אַ זאָג געטון:

— נו, סאַקאַלאָווער! גיי דערווייל אַוועק אין אַ זייט און באַ־טראַכט זיך, אויב עס לוינט זיך דיר. דערווייל לאָז מיך טון מיינס. מיר וועלן שפּעטער שמועסן...

קויפמאַנס געהילפן האָבן דעם מענטש אָפּגערוקט אין דער צוויי־טער זייט, צו די דראָטן. איז ער אַזוי שטיין געבליבן מיט אַן אָפן מויל, אומבאַוועגלעך און אַריינגעקלערט אין עפּעס מיט צעחושט־אויפגעריסענע אויגן... קויפמאַן האָט דערווייל אויסגעשטרעקט די האַנט צום טייל־לעפל און אים געוואָלט אַריינרוקן אין אַ קעסל אַריין. פּלוצים האָט זיך אָבער געהערט אַ יאָמערלעך געשריי פון יענער זייט מחנה:

— גע־וואַ־אַ־אַלד! פּאַניע קויפמאַן... אוי, געוואַלד!

קויפמאַן האָט זיך רואיק אויסגעדרייט צו יענעם:

— וואָס איז שוין ווידער?

יענער האָט עפּעס געוואָלט נאָך אויסשרייען און נישט געקענט. קויפמאַן איז שוין אומרואיק געוואָרן. עפּעס איז דער נישט געווען פון זיינע באַקאַנטע פּנימער, וואָס ער זעט דאָ יעדן טאָג... עס זעט אויך

נישט, אז ער זאָל שרייען נאָך אביסל עסן... יענע שרייען אויף אַ גאָר אַנ־דערן אופן... האָט ער זיך שוין דערנערווירט:

— וואָס בעבעסטו דאָרט? קום צו נענטער... לאָמיך הערן אַ וואָרט!

יענער האָט זיך אָבער געשראָקן צו דערנענטערן. קענטיק, אַז עס קומען אים אָן שווער די רייד... אדרבא, ער האָט זיך גענומען אָפּרוקן נאָך ווייטער פון אַלעמען און ערשט פון דאָרט אויסגעשאָסן אויפאַמאָל:

— האַלע 58 ברענט!!! אַ סך יידן... גויים... גוטשע... יאָ, ג ו ־ ט ש ע ! — — —

## III

אַ מינוט איז שטיל געוואָרן איבערן גאַנצן הויף. אַלע האָבן איינגע־האַלטן דעם אָטעם. אויך קויפמאַן איז געבליבן זיצן אַ פאַרשטאַרטער, ווי ער וואָלט דאָ גאָרנישט באַנומען. באַלד האָט ער באַגריפן עפּעס גרויליקס, שווידערלעכס... ער האָט אַ בריל געטון, אַז דער גאַנצער פּלאַץ איז פאַר־ציטערט געוואָרן: אוי, אַ בראָך איז מיר! דער קאָכעדיקער לעפל איז אים אַרויסגעפאַלן און אַ קנאַק געטון אויף עמעצנס קאָפּ. ער האָט גאָרנישט געשפּירט. מיט איין שפּרונג איז ער שוין געשטאַנען נעבן יענעם, וואָס האָט עס אויסגעשריגן און אים געכאַפּט פאַרן האַלדז, ווי ער וואָלט עס שולדיק געווען. זיינע אויגן זענען מטורפדיק אַרויס פון די לעבער און איין צאָן האָט געקריצט אינעם אַנדערן:

— זאָג!!! רעד!!! ווו? וואָס?

יענער האָט אָבער קוים געכאָרכלט... האָט אים קויפמאַן אומגע־שלײדערט מיט אַ שטויס און ווייטער געלאָפן... איבערן גאַנצן לאַגער האָט מען געהערט זיינע ווילדע רעווערייען:

— באַנדיטן! מערזאַווצעס! כ'וועל אַלעמען אויסהרגענען! ברענען זאָל די וועלט! שרפען זאָל זי, מיט אַלעמען אין איינעם!

דאָס ערשטע מאָל האָט דער לאַגער געזען קויפמאַנען אין אַזאַ צו־שטאַנד. אין געציילטע מינוטן איז ער געוואָרן שוואַרץ ווי די ערד... ער האָט געוויינט, געריסן זיך די האָר פון קאָפּ, דערנאָך האָט ער זיך אַ לאָז

געטון צום טויער און גענומען לויפן צעווילדעוועטערהייט אין פאבריק אריין...

ביי די קעסלען מיט עסן איז דערווייל געוואָרן אַ מהומה. די ערשטע מינוט האָט קיינער זיך עס נישט געקענט גלויבן: די פעסער שטייען פולע, פאַרעדיקע און קויפמאַן איז נישטאָ? באַלד אָבער האָבן זיך אַלע גענומען דרענגען אויף זיי... רייסן זיך אַהין... הענט האָבן זיך איינגעקלאַמערט אין פּנימער, לייב האָט זיך געקנוידערט אין לייב און די געשרייען האָבן צעריסן די לופט אויף שטיקער...

עטלעכע פּאָליציי־לייט זענען געקומען אַנצולויפן און לאַנג געדרעשעט מיט זייערע שטעקענעס אין די לייבער, ביז גוף האָט זיך אָפּגעריסן פון גוף און צענדליקער צעשלאָגענע זענען געלעגן אוועקגעשליידערטע אין אַלע זייטן. ערשט דאַן האָט זיך די קאָמענדאַנטין געכאַפּט, אַז קויפמאַן קען דאָרט אָנמאַכן אַ חורבן אין דער פאַבריק. אויף איר פייף האָבן זיך אַ לאָז געטון נאָך איר אַ צענדליק פּאָליציאַנטן און אויפן הויף איז צוריק שטיל געוואָרן. אויף קויפמאַנס אָרט האָט זיך באַזעצט דער פּאָליציאַנט קאַץ. דאָס עסן האָט זיך ווידער אויסגעטיילט ווי געוועגלעך און די מענטשן זענען זיך דערנאָך צעקראָכן איבער די באַראַקן, ווי קיינמאָל גאָרנישט.

...ערשט שפּעט פאַרנאַכט האָבן עטלעכע פּאָליציי־לייט געבראַכט צו פירן קויפמאַנען אונטער די הענט. ער איז געווען בלאַס און שטום. קיין טריט האָט ער מער נישט געקענט טון און זיינע פיס האָבן זיך אים נאָכגעשלעפּט ווי געליימטע. די שוואַרצע האָר זיינע האָבן אים געקלעפּט צום שטערן פון מידן שוויים. פון אַלע זייטן האָט מען אין אים אַריינגערעדט, געטרייסט. עס האָט אָבער אויסגעזען, אַז ער הערט איצט גאָרנישט, ווייסט נישט פון גאָר... אַלע פּאָר מינוט האָט ער נאָר געוויזן שטום מיט דער האַנט, מען זאָל אים אוועקגיין פון אויג. ווען ער האָט געהאַט פריי דעם פּלאַץ האָט ער אַ ווילדן שפּיי געגעבן און זיך ווייטער געלאָזט שלעפּן. ביז מען האָט אים אַריינגעטראָגן אין זיין חדרל אריין.

דערנאָך זענען געקומען די מענטשן פון פאַבריק און דערציילט וואָס דאָרט איז פאָרגעקומען. אין דער האַלע האָט מען אָנגעהויבן אריינ־

שרויפן א נייעם טיפ צינדער אין די גראנאטן. צוליבן גייעג האט עמעץ שלעכט א רים געטון א צינדער. באלד האט זיך געהערט א מעכטיקער אויפרייס און די גאנצע האלע איז איינגעהילט געווארן אין נעפל. ערשט שפעטער־צו האט מען געפונען די הרוגים צעשאטן איבער דער האלע. טייל אברים האבן געקלעפט אינעם סופיט און אין די ווענט, אז אלע פרויען האבן ספאזמירט. גוטשען האט עס געטראפן פון א זייט און איר אפגע־ריסן א האנט מיט א פוס. קויפמאן האט געפועלט, אז זי זאל מען פירן אין א שטאטיש שפיטאל. דארט האט זי זיך געמאטערט עטלעכע טעג, ביז זי איז אויסגעגאנגען. ער איז יעדן טאג ארויסגעפארן צו איר, אייג־געריסן די וועלט... נאר עס האט נישט געהאלפן. איז ער דערנאך ארומ־געגאנגען א שטיק צייט ווי א שטומער, אויסגעטיילט דאס עסן ווי מע־כאניש און מיט קיינעם קיין ווארט נישט ארויסגערעדט. דער פאליציאנט קאץ, וואס האט געוווינט נעבן קויפמאנען, האט זיך נאר איינמאל אריינ־געכאפט ביינאכט, צום „מנין" וואס קויפמאן האט געמאכט פאר גו־טשעס נשמה וועגן. ער האט ווי שטענדיק געשוויגן, נאר פארן ארויסגיין א בורטש געטון צו קויפמאנען:

— עפעס איז דא יא פאראן א חשבון אויף דער וועלט... דאס טרעפט אבער נישט אונדז, נאר זיי...

ער האט נישט געזאגט קלאר, וועמען ער מיינט מיטן „זיי", נאר קויפמאן האט אים, זעט אויס, פארשטאנען.

פון מעכעלעס באראק האט דער אויפרייס צוגענומען דעם דיקן קרע־מער, וואס האט דא געהאנדלט מיט ציינדלעך קנאבל און פוילישע צי־גארעטלעך. פון די צוויי ברידער אייבעשיץ איז נאר איינער צוריקגעקו־מען מיט ווונדן אויפן לייב. דער צווייטער איז צעריסן געווארן. אין יע־נעם פארנאכט איז אויך הענעך געלאפן צום טויער און געזוכט עפעס מיט צעשראקענע אויגן. ווען ער האט אבער געזען גיין פון דער ווייטנס פרעדזשען מיט א פארשטויבטן, בלייכן פנים, האט ער זיך צוריק אריינ־געשארט אין באראק אריין, זי זאל עס נישט באמערקן.

## IV

איבערן לאגער האט זיך פלוצים אראפגעלאזט אן עפידעמיע. וואס האט ביז איצט נישט געהאט צו זיך קיין גלייכן. קיין סעלעקציעס זענען איבער די פאר וואכן נישט פארגעקומען. דערפאר אבער האט דער נאר־מאלער טויט גענומען פארכאפן גאנצע באראקן. דאס זיבעטל איז געווארן ענג פאר דער צאל קראנקע און מ׳האט געמוזט שנעל אויפרוימען א גאנצן באראק, פון די נייע, און אריינפאקן אהין כמעט א פערטל פון גאנצן לאגער. מענטשן וואס זענען נאך בייטאג געגאנגען צו דער ארבעט, האבן זיך פארנאכט גענומען דרייען אין קרעמפן און מ׳האט זיי געמוזט אוועקפירן אהין. די צאל ארבעטער אין דער פאבריק האט גענומען איינשרומפן. אין איינעם אזא פארנאכט האט מען אוועקגעטראגן שלמה סטאראבינסקין. אויפן צווייטן טאג איז אוועקגעפאלן דער קרעפטיקער און לוסטיקער ברוך שאפירא. פון מעכעלעס באראק איז פארשוואונדן דער הויכער קעסטנבערג און מיט אים צוזאמען נאך עטלעכע מענטשן וואס קיינער האט זייער נאמען נישט געוווסט. הונדערטער מענטשן האט מען דארט צוזאמענגעקוועטשט אין די צוויי באראק־צימערן. יעדן טאג האט מען ארויסגעטראגן פון דארט די טויטע און באלד פארלייגט זייער פלאץ מיט אנדערע.

ווען מעכעלע איז אריינגעגאנגען אמאל צו סטאראבינסקין מיט שאפיראן, האט ער באמערקט א פאר גרויסע אויגן קוקן אויף אים. ער האט אים קוים דערקענט. דאס איז געווען דער, וואס האט זיך אויסגערופן אין לאגער אלס סאקאלאווער רבי. נעבן אים איז געלעגן א קיעלצער יינגל, וואס האט די גאנצע צייט זיך געהיטן פון טרפות. דאס קיעלצער בחורל האט נאר דא געהאט איין זארג: מען זאל אים ברענגען תפילין. ווען איינער האט אים זיי שוין באזארגט, האט ער געהאט צער דערפון, וואס אינעם באראק טאר מען זיי נישט לייגן, ווייל ער איז פול געווען מיט אומריינקייט... איז ער טאקע יעדן פרימארגן אראפגעקראכן מיט זיינע שטעקעלעך־פיס פון געלעגער און ארויס אויף דער צווייטער זייט שוועל. ער האט שוין אליין נישט געקענט ארומוויקלען די רצועות, ס׳האבן

פאַרפעלט כוחות... האָט אים דערבײַ צוגעהאָלפן דער בײזער משרת פון שפּיטאָל, כאָטש ער האָט דערבײַ געשריגן אױף אים, אַז ער ברענגט זיך אום און אַז נאָך הײנט העלפט ער אים, דאָס לעצטע מאָל...

דאָס ײנגל האָט אױך זיך אָנגעשטרענגט צו דערלאַנגען אַלעמאָל אביסל װאַסער דעם סאָקאָלאָװער, מיט אַ פרומער מצװה־תנועה אױפן פּנים. דער סאָקאָלאָװער איז אָבער שױן געװען פאַרטראָגן אין אַנדערע מחשבות. ער האָט שױן גאָרנישט באַנומען, װאָס מיט אים קומט פאָר. זײַן קול איז געװאָרן טרוקן און הײזעריק. דאָס פּנים איז אײַנגעצױגן געװאָרן און די געלקײט פון פּיקרין האָט זיך נאָך מער אָנגעזען. ער האָט אָבער געהאַלטן אין אײן שרײַען פאַרטראָגן, מיט די לעצטע כוחות, מען זאָל אים אװעקנעמען פון דאַנעט, אױפרודערן אַ װעלט, װײַל אַן אים װעט שױן קײן אײן „גוטער ייד" אױף דער װעלט נישט בלײַבן... אין מיטן דער קראַנקער בהלה האָט אים קײנער נישט געהערט, אױסער זײַן פרומער שכן, װעלכער האָט אים דרך־ארצדיק אױסגעהערט און אים גע־האָלפן בײַ אַלע מענטשלעכע געברױכן. זײַן פּנים האָט זיך דערבײַ געלײַ־טערט, װי בײַ אַ הײליקער עבודה. מעבעלע האָט זיך אױף אַ װײַלע פאַר־האַלטן און זיך באַלד אַראָפּגעלאָזט אױף די קני, נעבן זײער נידעריק בעטל.

דאָס בחורל האָט גערעדט רואיק, געלאַסן... ער איז געװען אַ יונג בית־המדרש ײנגל, װען די װיסטע מהומה האָט אים פאַרכאַפּט. נאָך הײנט דרײט ער זיך אַרום און חזרט איבער די בלעטלעך גמרא, װאָס ער האָט אַמאָל געלערנט אױסנװײניק. ער שרעקט זיך פאַר גאָרנישט: װאָס איז? דאָס שטיקל גוף זאָל אים אַ שאָד זײַן? עט... יאָ, אַ שאָד איז: ער האָט זיך נעגעבן אַמאָל אַ נדר מקײם צו זײַן אַלע תרי"ג מצװות. ער האָט זיך אפילו פאַרצײכנט אין אַ פּנקסל, װעלכע ער האָט שױן געטון און װעלכע נאָך נישט... און דער חשבון איז נאָך אַ גרױסער... נאָר װאָס צו ענטפערן „דאָרטן", װײסט ער שױן. ער האָט געקלערט און געקלערט װעגן דעם, ביז ער האָט עס זיך קלאָר געמאַכט. בפירושע גמרות פאַראַן דערױף. ער װעט עס באַװײַזן. איצט חזרט ער טאַקע די דאָזיקע שטעלן, װי װײַט ער גע־

דענקט נאָר, זיי זאָלן אים נישט פאַרלירן גיין בעת  י ע נ ע ר  שרעק, פאַר דעם משפט...

דער סאָקאָלאָווער האָט אָבער געהאַט אַ שטאַרקן ווילן צום לעבן. ער האָט געשאָטן מיט פייערדיקע רייד, געראַנגלט זיך מיט דער אָפּשוואַכונג און יעדעס ביינדעלע האָט זיך געוואָרפן פון דער שרעק פאַרן אויסגיין. די היץ זיינע האָט אים צערודערט, געוואָרפן און אָפּגעטריבן דעם טויט יעדן טאָג פון זיך. ווען אַלץ אין אים איז שוין מיד געוואָרן, האָט ער זיך אָנגעכאַפּט אין די פסוקים, וואָס האָבן אים געדאַרפט אַריינבלאָזן נייע כוחות. זיין קול האָט זיך דאַן געריסן איבער דעם גאַנצן באַראַק און ס'איז אים נישט מעגלעך געווען איינצושטילן:

— ל א  א מ ו ת !!!  כי אחיה!!! ואספר...

יעדעס וואָרט איז ביי אים אַרויסגעקומען מיט אַ ניגונדיקן, דביקות־דיקן ברייל, וואָס האָט אויפגעטרייסלט...

ער האָט מעבעלען אָנגעקוקט מיט זיינע גרויסע, פון היץ־מטורפע בליקן און אויף אים געשאָטן זיינע בריענדיקע רייד, ווי אָנגעצונדענע שטיקער שוועבל...

אָבער פון אַלע זייטן האָט מען מעבעלען געצויגן, גערופן צו זיך. יע־דער איינער קראַנקער האָט געבענקט דערצו, אַז אַ געזונטער זאָל צוקומען צו זיין בעטל... דאָס האָט זיי אפשר געברענגט די אילוזיע, אַז דאָ איז מען גלאַט קראַנק, די וועלט איז ווי אַמאָל און מענטשן קומען מבקר חולה זיין...

האָט ער זיך געדרייט צווישן די פאַרלוויזיקטע סקעלעטן, איינגע־זויגן אין זיך ימים מיט קראַנקע, צעפּלאָנטערטע רייד און קלוג־קלאָרע צוואות, דערציילונגען און ווידויים. זענען אים ביסלעכווייז אַלע חולאים געוואָרן נאָענט און באַקאַנט. די איינציקע צוויי וואָס האָבן געהאַט, וועד עם זאָל צו זיי קומען, זענען געווען שאַפּיראָ און סטאַראָבינסקי. פון אַלע זייטן האָט מען זיי געברענגט פאַרשידענע זאַכן און מ'האָט זיי צוגעהיטן. שאַפּיראָ האָט זיך אפילו אויפגעזעצט, געשמייכלט און נאָך געקלערט ווי אַזוי ער וועט זיך נעמען מיט פרישע כוחות צום לעבן. ער איז אָבער פּלו־צים אָפּגעשטאָרבן שטיל, מיט זיין גוטמוטיק און האָפּערדיק שמייכעלע,

וואָס איז אים נאָך געבליבן, נאָך אַלעמען, אויף די ליפּן און קליינע וואָנ־סעלעך...

זיין בעטל־שכן און פריינט, סטאַראָבינסקי, האָט באַלד נישט געהאַט קיין חשק זיך צו ווערן קעגן טויט. ער איז געלעגן און מיט קלאָרע גע־דאַנקען אַלץ צוגעזען און צוגעהערט. ווען מען האָט אים עפּעס אַריינגע־ברענגט, האָט ער ביטולדיק אַ מאַך געטון מיט דער האַנט. ער איז נאָר געוואָרן באַרעדעוודיקער. האָט ער גענומען דערציילן פון זיין פריערדיק לעבן, זיך אינטערעסירט מיט דעם וואָס עס קומט פאָר אויף דער וועלט און מיט באַרעכנטקייט אָפּגעוואַרט דעם סוף. נאָר ווען שאַפּיראָ איז גע־שטאָרבן, האָט ער צוגעמאַכט די אויגן און צוריק געוואָרן שווייגעוודיק. זיינע אויגן האָבן זיך ווידער אַוועקגעצויגן ווייטער פון זיין גוף און פון באַראַק־צימערל, ווי ער וואָלט וועלן זיך מיטרייסן וואָס שנעלער אין עפּעס אַ ווייטן „אַהין" — צו וועלכן די כוחות גייען אויס פון בענק־שאַפט. אויך דאָס אויסגיין איז ביי אים צוגעגאַנגען רואיק, אָן אַ געשריי און אָן אַ פּיפּס...

זייביידע האָט מען געמאַכט לוויות, ביז צום קאַסטן נעבן דעם קלאָ־זעט. אַ מנין פריינט האָבן זיך אַרומגעשטעלט. עמעץ האָט עפּעס געוואָלט זאָגן און איבערגעריסן אין מיטן. האָט אינזשיניער באַרטמאַן נאָר אויסגע־זוכט אַ קליין פלעשעלע און מעבעלע האָט מיט כתיבה־שריפט אויסגע־ציקלט דעם נאָמען אויף פּאַפּיר. דאָס האָט מען צוגעבונדן בגנבה צו סטאַ־ראָבינסקיס אויסגעדאַרטער האַנט. טאָמער וועט עמעץ אַמאָל גראָבן אין דער ערד, אַרום סקאַרזשיסקאָ און אָנטרעפן זיך אויף מענטשלעכע ביי־נער, זאָל ער כאָטש וויסן דעם נאָמען פון איינעם, וואָס האָט דאָ אַמאָל געלעבט. דערנאָך האָט מען אַרויפגעלייגט דעם גוף אויפן גאַנצן באַרג טויטע און דער בעל־עגלה האָט אַ שמיץ געטון די פערד...

## ד

די קאָמענדאַנטין האָט געוווּסט, וואָס זי זאָגט. ווי נאָר די עפּידעמיע האָט זיך אָנגעהויבן, האָט זי באַצייטנס געוואָרנט:

— די דייטשן וועלן נישט דערלאָזן... אכט הונדערט מענטשן פעלן אין פאַבריק און דאָך גיט מען פאַר זיי ברויט, ווי פאַר לעבעדיקע! איך וועל דאָ גאָרנישט קענען העלפן. עס וועט געשען, ווי שטענדיק אין אַזאַ פאַל. איך ווייס שוין אויך, אַז אין צוויי וואָכן אַרום קומט אָן אַ גרויסער טראַנספּאָרט פון טויזנטער מענטשן... קענען זיי ווידער מאַכן די אַלטע קונץ און איך טאָר דערביי נישט זאָגן קיין וואָרט...

טאַקע אַ פּאָר טעג נאָך סטאַראָבינסקיס טויט זענען אַריינגעפאָרן די גרויסע לאַסט־אויטאָס אין לאַגער אַריין. די קאָמענדאַנטין מיט עטלעכע פּאָליציי האָבן צוגעפירט די ווערקשוץ מיט די פּאָר דייטשן ביז צום באַראַק פון די קראַנקע. אין איין האַלבער שעה האָט מען זיי אַלעמען אַרויסגעטריבן און אַרויפגעזעצט אויף די וואָגנס. עס איז גראָד געווען פאַר מיטאָג. ווער עס האָט געקענט, איז אַליין אַרויפגעקראָכן. צו די וואָס האָבן זיך נישט געקענט רירן פון די געלעגערס — האָט די פּאָליציי געמוזט כאַפּן עטלעכע יידן, מען זאָל זיי אַרויסטראָגן.

אין לאַגער איז דאָס מאָל געווען שטיל. די מענטשן פון דער נאַכטשיכט האָבן זיך באַהאַלטן אין די באַראַקן און נישט געוואָלט ווייזן זיך אין די אויגן מיט זייער חושכדיק געשטאַלט. מען האָט געשמועסט אַז עס וועט פאַרפעלן צום קאָנטינגענט. אין דער שפּיץ פון די געסלעך זענען געשטאַנען קליינע גרופּקעלעך פּאָליציי, וואָס זענען געווען אויסערן דינסט און געשמועסט צווישן זיך וועגן פאַרשידענע זאַכן. זיי האָבן אפילו איינגעהאַלטן עטלעכע מענטשן, וואָס האָבן געמוזט ערגעץ נויטיק גיין און זיי נישט געלאָזט צוריק אין באַראַק. דאָס האָט דער וואַך־פירער, שומאַן, אויסגעדריקט זיין כעס, פאַרוואָס דאָ איז פּלוצים אַזוי טויט, אַזוי־ווי אַלע וואָלטן אויסגעשטאָרבן... האָבן זיי באַקומען אַ באַפעל צו מאַכן צוריק אַ נאָרמאַלע באַוועגונג. אַ פּאָליציאַנט איז אפילו געקומען אויסזוכן מעכעלען, מיט אַ באַפעל פון ווייזנבערגן, אַז ער זאָל גיין צונעמען דאָס מיסט פון לאַגער. מעכעלע האָט געמוזט נעמען די אייזערנע וואַגאָנעטקע און מיט איר זיך אַרויפרוקן צום שפּיץ לאַגער, נעבן שפּיטאָל. דאָס האָט דער וואַכפירער געדאַרפט זען, אַז די אַרבעט גייט נאָרמאַל. באַלד האָט מען

ארויסגעטריבן נאָך אַ גרופּקע יידן, וואָס האָבן דערווייל געמוזט טראָגן די ברעטער פון די באַראַקן.

אקעגנאיבער האָט מען שוין געהאַלטן ביים פאַרענדיקן דאָס אַרויפ־לאָדן די מענטשן. די קאָמענדאַנטין איז געשטאַנען שטיל און מיט איר גומענעם שטעקן אָנגעוויזן, ווי אַזוי מען זאָל אויסשטעלן די מענטשן ענ־גער אויף די אויטאָס, און עס זאָל זיין פּלאַץ פאַר אַלעמען. מעכעלע איז געשטאַנען פון ווייטנס, געשעארט מיט דעם שווערן שויפל אין די בערגלעך שמוץ און זיך איינגעהערט צו אַלץ, וואָס מען קען נאָר פון דאָרט דערהערן. אָבער די קראַנקע אַליין האָבן נישט געשריגן, אפילו נישט גע־וויינט. ערשט ביים סאַמע סוף האָט אַ געוואָלט אויפגעריסן די לופט. דאָס האָט דער סאָקאָלאָווער זיך באַהאַלטן אונטער אַ בעט און איז אַנטדעקט געוואָרן אין דער לעצטער מינוט. די פּאָליציי האָט אים געוואָלט שלאָגן, צו באַווייזן די שומרים אַז זיי האַלטן אָרדענונג. אָבער שומאַן האָט זיי געגעבן אַ צייכן נישט צו שלאָגן:

— ער גייט שוין סיי־ווי... זאָל ער האָבן רואיק!

אָבער דער סאָקאָלאָווער האָט שוין געהאַלטן ביי אַן אַנדער מין שרייען, וואָס האָט גאָרנישט געהאַט קיין שייכות מיט די דראָאונגען. דאָס האָט ער געדאַרפט אַרויסוואַרפן פון זיך דעם לעצטן כח זיינעם און דאָס לעצטע ברעקל דראַנג צום לעבן. איז ער נאָך געשטאַנען איינגע־פּרעסט צווישן אַלע איינגעשוויגענע און זיין קול האָט זיך געריסן צו יע־נער זייט דראָטן, ווי ער וואָלט דאָ געווען אַלעמענס שרייעוודיקער שליח־צבור. ערשט אַן אַרויפגעשפּרונגענער ווערקשוץ האָט אים שטיל געמאַכט. מיט אַ קאָלבע־קלאַפּ איבערן קאָפּ.

פון ווייטנס האָט מען נאָך געהערט, ווי שומאַן טרייסט מיט עפּעס די קאָמענדאַנטין:

— די צווייטע וואָך ברענגט מען שוין אַנדערע... אַ פּאָר טויזנט... יענע זענען אַלע געזונט... מען מוז מאַכן פּלאַץ פאַר זיי...

די וואַרקאָוויטשין האָט זיך געמאַכט נישט־וויסנדיק און מיט אַ גע־לאַסן קול אים איבערגעפרעגט:

— און וווהין פירט מען זיי, הער וואַכפירער!?

שומאַנס הייזעריק קול האָט אָפּגעענטפערט גלייכגילטיק:
— צו דער קיך...

באַלד האָבן זיך די לאַסט־אויטאָס צערעוועט און גענומען שלעפּן 180 מענטשן צו יענער זייט טויער און צו דער אַנדערער זייט לעבן. פון דער מחנה אַרויס האָט זיך גענומען הערן דעם סאַקאַלאָווערס באַנייטער פּישטש, וואָס האָט זיך באַלד צוזאַמענגעגאָסן און פאַרלוירן געגאַנגען מיט דעם אויפגעוואַכטן געשריי פון דער גאַנצער עדה. מעכעלע האָט פאַרלוירן דעם געדאַנק, דער שויפל איז אים אַרויסגעפאַלן פון האַנט און ער איז געבליבן שטיין פאַרגליווערט און מיט משוגענע אויגן נאָכגעקוקט די אויטאָס, וואָס האָבן זיך אַדורך אַ וועג צווישן די צוויי שורות באַראַקן...

VI

יענעם טאָג האָט אָבער די פאַבריק פון ווערק צע געקענט זען אַ בילד, וואָס קיין מענטשלעכער מח איז זיך נישט מסוגל אויסצומאָלן.

אויף די לאַסט־אויטאָס האָט מען אַרויפגעזעצט אַלעמען, מלכלען, קאַצן און נאָך עטלעכע פּאָליציי. זיי האָבן געדאַרפט העלפן ביים האַלטן אָרדענונג צווישן די געפירטע צום דערשיסן. ווי נאָר דער אויטאָ האָט זיך אַרויסגעריט פון טויער, זענען אַלע צוריק שטיל געוואָרן. כל זמן זיי זענען געווען אינעם שטח פון לאַגער, האָט נאָך דער לעבנס־אינסטינקט געשפּירט אַ שטיקל האָפענונג און אַרויסגעשריגן, כאָטש דער געדאַנק איז שוין געווען פאַראַליזירט. אינעווייניק זענען דאָ נאָך יידן, וואָס לעבן דערווייל... קען נאָך פּאַסירן אַ נס און מען קען נאָך אין איין רגע צוריק ווערן, ווי אַלע אַנדערע דאָ. ווי נאָר דער טויער האָט זיך צוגעשלאָסן הינטער זיי, איז שוין די האָפענונג אויסגעלאָשן. האָבן אַלע צוריק באַקומען די גלייכגילטיקע רו פון רעזיגנירן. טייל האָבן אפילו אָנגעהויבן צוריק צו טראַכטן מיטן שכל און געפונען אַ טרייסט דורך שלום מאַכן מיטן גורל.

איין פּאָליציאַנט, וואָס איז געזעסן אויף איינעם פון די אויטאָס, האָט שפּעטער דערציילט מעכעלען זיין שמועס מיט איינעם פון די קראַנקע. יענער האָט גאָר אין דעם געזען אַ גוטע זאַך. ער האָט עס אים געגעבן צו פאַרשטיין מיטן שכל:

— סיי ווי בין איך באַשטימט צום טויט. ווען נישט ד אָ ס, וואָלט איך זיך געמאַטערט דאָרט און וואָלט געשטאָרבן אין דער שטיינ־קערײַ. דערנאָך וואָלט מען מיך אַרײַנגעשלײַדערט און איך וואָלט גאָר נישט געזען און געהערט... אַזוי בין איך ביז דער לעצטער מינוט מיט אָפענע אויגן. ביז צום סוף, וועל איך אַלץ זען און הערן. איך וועל אפילו פריער אָנקוקן מײַן אייגענעם קבר, שפּירן די לעצטע רגעס פון לעבן אויף דער פרייער לופט, מיט אַן אָפן מויל און לעבעדיקע חושים... איך ווייס, אַז איר קוקט אויף מיר מיט אַ געפיל, אַז דאָס רעדט אַ משוגענער. איך אָבער ווייס שוין יאָ וואָס איך זאָג. איך האָב גענוג געטראַכט וועגן דעם, דערפאַר פאַרשטיי איך מײַנע ווערטער. איר אָבער זענט נאָך איצט נישט מסוגל זיי צו פאַרשטיין...

ווען די צוויי מאַשינען זענען געקומען אויפן מיטן שטח פון דער פאַבריק, האָט שומאַן זיי געהייסן זיך אָפּשטעלן. קיינער האָט נישט געוווסט, וואָס דאָס באַדײַט. נאָך גרעסער איז געווען די פאַרוווּנדערונג, ווען ער האָט געהייסן אַראָפּטרײַבן אַלע מענטשן פון די מאַשינען... וואָס קומט דאָ פאָר? איז ער משוגע געוואָרן? אָדער אפשר איז ד אָ ך איינמאָל געשען אַ גרויסער נס? עמעצער פון דער מחנה האָט גענומען שרײַען פרייִדיק־ווילד און נאָך אים האָבן אַנדערע זיך גענומען פאַרגיין אין עקזאַלטירטע געשרייען. געציילטע זענען אַראָפּגעשפּרונגען און געוואָלט פאַלן צו שומאַנס פוס און זיי קושן פאַר גדולה... די גרעסטע טייל איז אָבער געבליבן צעחושט און אָן פאַרשטאַנד געוואַרט, ביז מען וועט זיי אַראָפּרייסן מיט כח...

דאָס איז פונקט געווען נעבן דער זעקסטער האַלע און דער קיך. שו־מאַן האָט געהייסן די גאַנצע גרופּע זיך אויסשטעלן אין דער ריי, נעבן דער קיך. זײַן קול איז געווען קאַלט און טרוקן, ווי שטענדיק:

— עס איז פאַר מיטאָג. איצט זענען נאָך די מענטשן הונגעריק און דעם הײַנטיקן טאָג זענען זיי נאָך צוגעשריבן צום חשבון... מוז מען זיי אָפּגעבן דאָס, וואָס זיי קומט נאָך...

און פון אַלע זײַטן האָבן זיך הונדערטער פּאָליאַקן פון די האַלעס און ווייניקע יידן צוגעקוקט, ווי מען טיילט אויס טויטע מענטשן זייער

חלק זופּ ביי דער טיר פון דער קיך... דער פּינקטלעכער שומאַן האָט קיין ליגנט נישט געזאָגט, ווען ער האָט געענטפערט דער קאָמענדאַנטין, אַז מען פירט זיי צו דער קיך...

די מענטשן האָבן זיך דערוויל פאַרגעסן. ווען זיי האָבן דערזען די קעסלען, פון וועלכע עס האָט זיך געטראָגן אַ קנויליקע פּאַרע, האָבן זיי זיך אַריינגעקוועטשט אין דער ריי און מיט הונגעריקן גיר זיך גערוקט איינער נאָכן אַנדערן צו דעם קוכער מיטן טייל־לעפל אין האַנט... זיי האָבן זיך אַפילו געשטויסן, געזופּט מיט אַ קרעכץ דאָס קאָכיקע קלעפּעכץ פון די זשאַווער־שאַכטלען און געוואַרט אויף נאָך...

ביי שומאַנען איז אָבער די צייט ענג געוואָרן. האָט ער געגעבן אַ באַפעל און שוין האָט מען זיי געטומען אַרויפוואַרפן צוריק. טייל האָבן נאָך ביים קריכן אויף דער מאַשין נישט אַרויסגעלאָזט דאָס בלעכל פון האַנט... ערשט ווען די טרומייטערן האָבן געגעבן דעם לעצטן סיגנאַל און די געפּראָפּטע כלים האָבן אַ ריר געטון, האָט זיך אויפגעהויבן אַ שוידער־לעך געשריי, וואָס האָט געשפּאָלטן די וועלט... איצט האָבן זיי געשריגן ווי נאַר־וואָס פאַרמשפּטע פונדאָסניי...

דאָס ערשטע מאָל און דאָס איינציקע מאָל האָבן דאַן אַפילו דייטשע מייסטערס אַוועקגעדרייט די אויגן און אַ סך פּאָליאַקן האָבן זיך צע־וויינט... דאָס האָט אָבער געדויערט געציילטע סעקונדן. באַלד זענען די צוויי געפּאַקטע, מאַשיניקע טייוולאָנים פאַרשוווּנדן פון אויג און איבער־געלאָזט נאָך זיך וואָלקנס מיט שטויב.

אין לאַגער איז אָבער צוריק רואיק געוואָרן. די קאָמענדאַנטין איז אַרומגעגאַנגען תיכף נאָך דעם און געשריגן, מיטן זעלבן קול ווי תמיד, פאַרוואָס דאָ איז שמוציק אין יעדן ווינקל. קויפּמאַנס וואָגן איז ווידער אַריינגעפאָרן מיט רעש און געפּילדער און ווי יעדן טאָג האָבן זיך אײַך היינט אַרומגעשטעלט הונדערטער מענטשן וואַרטן. בלויז אין דער לופט האָט געפעלט דאָס געשריי פון סאָקאָלאָווער, וואָס האָט דאָ עטלעכע חדשים געפּלאָמערט אַרום דעם וואָגן.

# קאַפּיטל זעקס און צוואַנציק

## I

אין געוועזענע צייטן גייען אויך איבער דער וועלט פאַרשידענע דורות. א וועלט מיט יונגע מענטשן רוישט, לעבט און זוכט צו דערגרייכן אַלץ וואָס זיי זעען. עס גייען אָבער אַוועק לאַנגע יאָרן און זיי ווערן אַלט, שטאַרבן אויס און מאַכן פּלאַץ פאַר א נייעם דור, וואָס קומט אַרויס פון זייערע לענדן. דאָס איז נישט קיין נייעס, זינט וועלט איז וועלט.

אויך אין ווערק צע איז דאָס זעלבע. אויך דאָ זענען פאַראַן דורות, ווערק־צע־דורות, וואָס לעבן אָפּ זייערס און גייען אַוועק. דאָ אָבער גייט עס צו זייער שנעל: אַמאָל נאָר געציילטע טעג און העכסטנס — נאָר א פּאָר וואָכן אָדער חדשים. די וואָס קומען נאָך זיי, שטאַמען נישט אָפּ פון די פריער־אָפּגעשטאָרבענע, נאָר ווערן געבראַנגט פון גאָר אַנדערע ערטער.

די ערשטע גרופּע געקומענע זענען שוין לאַנג אַוועק צו זייער רו. געציילטע נאָך האָבן זיך אַרומגעדרייט און דערציילט זכרונות פון די ערשטע צייטן. און דאָס איז ערשט געווען מיט אַכצן חדשים פריער. אויך פון דער צווייטער ריי געקומענע זענען די גרעסטע טייל שוין געלעגן צוגע־דעקט מיט ערד... און אַזוי די ווייטערדיקע. איצט איז געקומען די ריי אויף דעם טראַנספּאָרט ־פון מאַידאַנעק. ערגעצוווּ האָבן זיך שוין געפּאַקט די צוגן מיט נייע מענטשן און דאָ האָט שוין א מכשף־גורל אויסגערוימט דעם גרעסטן טייל פון די פריערדיקע. יעדן טאָג, ווען מעכעלע האָט גע־פירט דאָס צוזאַמענגעזאַמלטע מיסט צום קאַסטן, איז ער צוגעגאַנגען צו די טויטע און זיי געקוקט אין די פּנימער. אַלע טאָג האָט ער געזען ווי דער ק. ל.־טראַנספּאָרט ווערט ווייניקער און ווייניקער... פון די אַכט הונ־דערט מאַידאַנעקער האָבן נאָך געלעבט הונדערט מיט פופציק. אַזוי האָבן געזאָגט די שורות, אינעם לאַגער־בוך פון ביוראָ.

אויפכאַפּנדיק די טויטן פון יעדן איינעם באַזונדער האָט מעכעלע געקענט זען קלאָר, ווי יענע ווערטער, וואָס דער פּאָליציאַנט קאַץ האָט פון זיך אַרויסגעבראַנגט, האָבן זייער שרעקלעכן אמת אין זיך. יאָ, דער

גרויסער שגעון פון דער וועלט גייט דערוויל פארלוירן אָן אַ חשבון. מען ווייסט נישט און מ׳קען נישט ווייסן, ווי אַזוי עס ווערט דאָרט ערגעצוווּ באַרעכנט די גרויסע זינד פון דער גאַנצער וועלט. אָבער דאָ און דאָרט גיט אַ פּיק אַרויס אַזאַ קליינע געשעעניש, וואָס באַווייזט אַז ערגעצוווּ פירט זיך נאָך דער גענויער חשבון מיט יחידים... עס ווערט באַצאָלט און אויס־געגליכן...

אַ סך פּנימער אין טויטן־קאַסטן האָבן עס אים שטיל אַרויסגעשריגן, כאָטש ער האָט אין אַזעלכע מינוטן זיך דאָס נישט געוואָלט קלאָר מאַכן... טאַקע אין איינעם פון יענע טעג האָט ער זיך אָנגעשטויסן אין אַזאַ באַ־געגעניש:

ווען ער איז פאַרקראָכן טיף צווישן די ביימער, האָט ער זיך אָנגעט־טראָפן אין אַן אויסגעדאַרטן מענטש, וואָס איז געלעגן אונטער אַ שאָטן פון אַ ריזיקן בוים און געקרעכצט. ס׳איז געווען איינער פון די פּיקרינער, ביי וועלכן די צעגליטע זון האָט אַרויסגעצויגן פון די שטויביקע בגדים אַ גיפטיקן ריח. ער איז געלעגן אָנגעלענט מיטן קאָפּ אויף איין האַנט און געקוקט אויף די גרעזעלעך קעגנאיבער די אויגן זיינע און דאָרט עפּעס אַריינגעיאָמערט מיט אַ צעבראָכן קול. ווען מעבעלע איז פאַרביי נעבן אים, האָט זיך יענער אויפאַמאָל אַ ריס געגעבן פון אָרט:

— מעבעלע!

און מעבעלע איז שטיין געבליבן פאַרשטאַרט. ער האָט אים דער־קענט און נישט געוווסט, וואָס צו טון. זאָל ער צוגיין אָדער אַנטלויפן ווייטער? יענעמס שטעכיק־פאַרוויינט אויג האָט אים באַצוווּנגען:

— מאַרקאָווסקי?

יענער האָט זיך אַ קרום געגעבן:

— יאָ, געדענקסטו? דער זעלבער!

אין איין מינוט זענען פאַר מעבעלען אויפגעשוווּמען אַ סך זכרונות פון אַמאָל... ווי קען דאָס זיין? איז עס ערשט געווען מיט איין יאָר צייט צוריק? עס קען דאָך נישט זיין! דאָס האָט שוין געמוזט זיין מיט צענדלי־קער יאָרן פריער! אָבער די צייט לאָזט זיך נישט נאַרן: זיי זענען ערשט איבער פיר חדשים אין ווערק צע... אין מאַידאַנעק זענען זיי אויך געווען

געציילטע זיבן וואָכן! און מיט אַ טאָג פריער, פאַרן געשיקט ווערן קיין מאַידאַנעק, איז נאָך דער מאַרקאָווסקי געווען דער מעכטיקער קאָמענדאַנט פון לאַגער און געהאַט אין דער האַנט דאָס לעבן און טויט פון הונדערטער מענטשן... איז עס דער זעלבער סקעלעט, וואָס ליגט דאָ איצט אויפן גראָז און קוילערט זיך פון שווערע קראַמף־ווייען?

ערשט מיט זעקס חדשים פריער איז מאַרקאָווסקי אַרומגעגאַנגען אין שענסטן אנצוג, מיט די זעלבע גלאַנציקע שטיוול, וואָס די געשטאַפּאָ־לייט, געשלאָגן, געריטשעט... טאָ ווי אַזוי ליגט ער דאָ איצט, אַזאַ אַנדערער און דאָך דער זעלבער!?

מאַרקאָווסקי פאַרשטייט איצט פון וואָס מעכעלע קען דאָ טראַכטן און ער קרעכצט אַרויס:

— יאָ־יאָ, דער זעלבער... נאָר אוים מענטש! נאָך אַ טאָג־צוויי, העכסטנס דריי... מער נישט... זעסט?

און ער שאַרט אַרויף די שמאַטעס איבער זיינע פיס. זיי זענען געפלאַצט, אָנגעשוואָלן... ער וויל נאָך עפּעס זאָגן און קען נישט. טרערן שטיקן אים. שטייט שוין מעכעלע איינגעבויגן איבער אים און ווייסט נישט, אויב ער זאָל אים טרייסטן אָדער נישט... אויב ער מ ע ג אים זאָגן אַ גוט וואָרט, אויב ער וועט עס קענען... נאָר איצט דאַרף מאַרקאָווסקי רעדן. הערט ער אים. און יענער וויל זיך איצט אָפּרעכענען מיט דער וועלט, אין מעכעלעס אויערן אַריין:

— דו זעסט, מעכעלע? ד אָ האָבן זיי די מאַכט! קוק נאָר אָן ווי די פּאָליציי אַרבעט דאָ מעשים... טיילמאָל ליג איך דאָ אין מיינע געהאַקטע ווונדן און זע, ווי זיי שלעפּן אַריין די מיידלעך אין די ליידיקע באַראַקן, שלאָגן... האַלטן זיך גרוים... און אַז זיי זעען ווי עס ליגט דאָ, נישט־ווייט, אַ פּיקרינער — וואָס ווייסן זיי? אַ מוזולמען... און פּאַרטיק! אוי, ווען זיי זאָלן שכל האָבן און צוקומען אַ רגע צו דעם סקעלעט — וואָלטן זיי געהאַט וואָס צו הערן!... איך וואָלט זיי דערציילט, ווי אַזוי איך האָב ערשט מיט אַ נאַכט פריער, פאַר מאַידאַנעק, געהאַט דאָס שענסטע מיידל פון אונדזער לאַגער... און וועלכע נישט? איך זאָל נאָר געווען וועלן! ד ו ווייסט דאָך יאָ!... און וויפיל געלד מיט דאָלאַרן האָב איך עס אי־

בערגעלאָזט אין מאַידאַנעקער באָד! זיי פאַרמאָגן עס דען אַלע? און ווי אַזוי מ׳האָט פאַר מיר געציטערט, געדענקסטו? ווי לאַנג איז עס דען גע־ווען? טאָ וואָס איז פון דעם אַלעמען? האַ? צו וואָס האָט עס מיר גע־טויגט? עס וואָלט גוט געווען, ווען דו רופסט מיר צו די באַנדע... דעם קאָ־מענדאַנט אַליין... כ׳האָב שוין קיין כח נישט צו קריכן... איך וויל אים נאָר זאָגן, ווער איך בין געווען... נישט באַרימען זיך... אָך און וויי... נאָר דערציילן אים און זאָל ער עס גערעדענקען! וויסן זאָל ער! מאָרגן קען איך שוין פאַרשטומט ווערן...

מעכעלע האָט געפינטלט מיט די אויגן. מאַרקאָווסקיס רייד האָבן ביי אים אַרויסגערופן צוריק די זכרונות פון יענע צייטן. ער האָט ווידער אַמאָל דערזען יענעם אַרבעטס-קאָמענדאַנט און דערביי צוריק באַ־מערקט די פּנים-ענלעכקייט ביי דעם, וואָס ליגט דאָ אַנטקעגנאיבער... בי־טערע ווערטער רייסן זיך ביי אים, ווילן אַרויספאַלן מיט אַ שפּיי אויף יע־נעמס פּנים... אָבער ער כאַפּט זיך באַלד: ס׳איז דאָך נישט יענער! דאָ ליגט דאָך אַ פּיקרינער... אַ הונגעריקער פּיקרינער, וואָס גייט היינט אָדער מאָרגן שטאַרבן! איינער פון די לעצטע מאַידאַנעקער... צוימט ער עס איין אין זיך.

נאָר אינעווייניק אין האַרץ וויל אַ קליין פּראַגעלע נישט צורו לאָזן, רייסט זיך געוואַלדיק אַרויס פון מעכעלען, גלאַט אַזוי אָן קאָנטראָל:

— און... איר געדענקט... פּאַניע מאַרקאָווסקי... ווען איך בין קראַנק געווען אויף טיפוס! איר האָט מיך דאַן געשלאָגן... גאָר שטאַרק גע־שלאָגן, פאַרוואָס די הענט ציטערן מיר ביי דער אַרבעט... איר האָט גע־וואָלט מיך איבערגעבן דער ס. ס. און געמאָלדן דעם געשטאַפּאָ־שלעגער... איר דערמאָנט זיך?

אויף מאַרקאָווסקיס געל פּנים האָט זיך אַ רויטער שאָטן אַ ריס געטון און צוריק פאַרזונקען אונטער דער געלער הויט. ער האָט נאָך געוואָלט עפּעס זאָגן און אָפּגעהאַקט. אויך מעכעלע האָט זיך פּלוצים פאַרשעמט. דאָ ליגט פאַר אים אַן אויסגעמאָגערטער, אַ געשטאָרבענער... און ער דרייט זיך נאָך דאָ אַרום מיט כח אין די הענט, ער קען נאָך אַרומלויפן, אַרבעטן און זוכן אַ קאַרטאָפל־שאָל... ווי אַזוי זשע מעג ער דאָ גאָר פאַרלאַנגען

פון יענעם יושר און דערמאָנען אים זאַכן פון אַ ווייטן אַמאָל, ווען אַ גע-זונטער אויסגעפּרעסענער קאָמענדאַנט האָט זיך אַרומגעדרייט אויף זיין אָרט, מיט אַ שטעקן אין די געזונטע פויסטן?

ער ווייסט נישט ווי אַזוי, נאָר ער האָט זיך פּלוצים דערפילט שול-דיק פאַר יענעם. ווער ווייסט? אפשר האָט ער מיט זיינע ווערטער געגעבן דעם האַלב־טויטן מאַרקאָווסקי נאָך אַ קלאַפּ און דאָס וועט דערנענטערן זיין סוף? מעבעלע האָט זיך דערשראָקן און געוואָלט אַנטלויפן. ער האָט עס אָבער נישט געקענט. אַנשטאָט דעם האָט ער זיך גאָר אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד און זיצן געבליבן.

פון דערווייטנס האָט עס אָנגעטראָגן ווייזנבערגן. ער האָט געזען מע-בעלען און זיך צוגעלאָזט נענטער מיט אַ געשריי:

— אַט זיצט ער גאָר דאָ, דער מיוחס!? דאָס וואָס איך האָב דיך געהייסן, האָסטו שוין געמאַכט, אָדער נישט? האַ? זיצט ער גאָר און טענהט מיט אַ פּיקריניאַזש... וואַרט, אַ שלאַק וועט דיך שוין טרעפן!...

מעבעלע איז צעטומלט געוואָרן און נישט געוווסט וואָס צו זאָגן. בלויז מאַרקאָווסקי האָט זיך אויפגעזעצט, אָנגעקוקט שאַרף ווייזנבערגן און גיפטיק־קלאָר אַרויסגעצישעט מיט זיין געניטן פּויליש:

— אַ פּיקרינער איז אויך אַ מענטש, הער קאָמענדאַנט... אַלנפאַלס איז ער עס געווען אַמאָל!

איידער ווייזנבערג האָט נאָך באַוויזן עפּעס צו זאָגן, האָט נאָך מע-בעלע צוגעגעבן:

— מיר קענען זיך שוין לענגער... ערשט מיט אַ קורצער צייט צו־ריק איז ער געווען דער ק אָ מ ע נ ד אַ נ ט פון מיין לאַגער... היינט גייט ער אוים ביי דער פּיקרין...

מעבעלע איז אפילו גאָרנישט אויסן געווען, נאָר גלאַט אַזוי געזאָגט, בכדי צו באַקרעפטיקן מאַרקאָווסקים פאַר ווערטער... ווייזנבערג זאָל זיי בעסער פאַרשטיין... אָבער יענער איז געבליבן שטיין ווי געטראָפן פון אַ דונער:

— וו אַ אָ אָ ס !?

נאָר מאַרקאָווסקים אויגן האָבן שוין אָקעגנגעגלאַנצט שפּאָטיש,

גלייך צו אים אין די אויגן אריין און ער איז צעמישט געוואָרן. קענטיק אַז דאָ האָט ביי אים אויפּאַמאָל אַ זעץ געטון אַ מחשבה אין קאָפּ ווי מיט אַ האַמער... שוין ווי אָן געדאַנקען האָט ער נאָר עטלעכע מאָל איבער־געפּרעגט מעכעלען, מיט אַרויסגעקראָכענע אויגן:

— דו קענסט אים טאַקע? טאַקע? נו... קאָמענדאַנט געווען?...

און נישט וואָרטנדיק אויף קיין ענטפער האָט ער גענומען אוועק־לויפן מיט וואַקלדיקע טריט, ווי ער וואָלט מער נישט געקענט צוימען זיי־נע לאַנגע, באַשטיוולטע פיס.

## II

אין יענעם פריערדיקן לאַגער, ווו מעכעלע האָט געטראָפן מאַר־קאָווסקין, איז ער געווען אַ מאָלער אין אַ ווערקשטעל און מאַרקאָווסקי דער קאָמענדאַנט איבער אַלע אַרבעטס־פּלעצער. דאַן האָט ער געוועל־טיקט אָן רחמנות. ער האָט געהאַלטן, אַז קראַנקע מענטשן, וואָס האָבן נישט קיין כח צו אַרבעטן, דאַרפן אויך נישט לעבן. פון זיין פּויזנער געגנט האָט ער מיטגעבראַכט אַ סך האַס צום סתם־ייד. ער האָט זיך געהאַלטן פאַר אַן אינטעליגענטן אַסימילאַטאָר און אויך באַשולדיקט די יידן פון די קליינע שטעטלעך, אַז צוליב זיי ליידט ע ר , ליידן אַנדערע, אַלע... האָט ער זיך שנעל איינגעלעבט מיט די דייטשן, געהיטן זיך צו רעדן נאָר פּויליש און דייטש און געוואָרן מיט אַלע געשטאַפּאָ־לייט אַ היימישער מענטש. די מאַכט איז אים לייכט אָנגעקומען און ער האָט זי שווער אויסגענוצט, אַרויסגעצויגן פון איר אַלץ, וואָס עס לאָזט זיך נאָר...

אין איין פּינטל האָט זיך אָבער ביי אים די גאַנצע צייט אויפגעהיט דאָס מענטשלעכע: זיין ברודער. יענער איז געווען דאָס פּאַרקערטע פון אים: אַ קליינגעוואַקסיק, דערשראָקן און שטיל מענטשל וואָס האָט קיין פליג אויף דער וואַנט נישט גערירט. דער ברודער האָט געהאַלטן אין איין קרענקען און מער געלעגן ווי אַרומגעגאַנגען. האָט אים מאַרקאָווסקי גע־היטן ווי אַן אָנדענק פון זיין גאַנצער משפחה, באַשטעלט מיידלעך וואָס

זאָלן אים צוהיטן, קאָכן יויכלעך... און ער אַליין איז ביי אים אָפּגעזעסן גאַנצע שעהען און צערטלעך אין אים אַריינגערעדט. אין מאַידאַנעק איז אָבער דער שטילער, פלעגמאַטיש-פאַרתמטער ברודער אויפגערודערט געװאָרן. דער באַװוסטזיין, אַז איצט קען אים שוין זיין מעכטיקער ברודער נישט שיצן, האָט אים געמאַט פאַר אַן אַנדער מענטש. דאָ האָט זיך גאָר מאַרקאָװסקי פאַרלוירן. דאָס איבערגיין פון אַזאַ לוקסוס צו די מאַידאַנעקער קלעפּ איז פאַר אים געװען צו־האַסטיק און ער איז אַריינגעפאַלן אין אַן אַפּאַטיע... האָט דער קליינער ברודער אָנגעהויבן זוכן, נישטערן און אויך דעם ברודער אַריינגרוקן אַן איבריק שטיקל ברויט.

װען זיי זענען אָנגעקומען אין װערק צע, האָט שוין מאַרקאָװסקי דאָ אָנגעטראָפן אַ גאַנצע קאָמענדע צו װעלכע זיין שטאָלץ האָט אים נישט געלאָזט זיך בויגן. װען מען האָט ביידע ברידער גראָד צוגעטיילט צו אַ לייכטער אַרבעט, האָט ער זיך מורא געהאַט צו רירן פון אָרט. ער האָט זיך שוין אָפּגעװוינט פון ריזיקאַלישע שפּרינגען, װאָס שמעקן מיט סכנה. דערפאַר אָבער איז דער ברודער באַלד געװאָרן אַ געניטער לאַגערניק. האָט ער דאָ איבערגענומען די ראָל פון אַ פאַרזאָרגער און אַפּטרופּוס איבער מאַרקאָװסקין.

דערנאָך, װען עס איז ענג געװאָרן מיט מענטשן און מ'האָט זיי ביידע אַריבערגעװאָרפן צו דער פּיקרין, איז אויך געשען אַ מאָדנע זאַך: ער, דער הויכער און געזונטער, האָט זיך איינגעבראָכן באַלד די ערשטע טעג. דער שטויב, די אַרבעט און די געשרייען האָבן דעם שטענדיק־אָפּגעפּוצטן גלאַט־ראַזירטן מאַרקאָװסקי אַריינגעװאָרפן אין אַ פאַרצװייפלונג. דערפאַר אָבער האָט זיך זיין יינגערער און שװאַכער ברודער אַרויסגעװיזן פאַר אַ גאַנצן גבור. אים האָט די אַרבעט ביים געלן טויט נישט איינגעבראָכן. ער איז גאָר געװאָרן פלינקער, רירעװדיקער און אומעטום אָנגעשלאָגן. עס האָט זיך אויסגעװיזן, אַז דאָס װיל ער זיך אָפּנעמען פאַר יענער צייט, װען דער ברודער האָט פון אים געמאַכט אַ הילפלאָזן, קראַנקן מענטש... ער האָט אָנגעהויבן האַנדלען, מיט װאָס עס לאָזט זיך, געכאַפּט אומעטום אַ ברעקל און זיך געטיילט מיטן ברודער, צװישן די ביימער, מיט יעדן ביסן... אויך דאָס האָט װיי געטון מאַרקאָװסקין; נאָר זיין טבע

צו שווייגן האָט אים דאָס אויך געצוווּנגען אַריבערצוטראָגן, כאָטש זיין שטאָלץ האָט אים אינעווייניק צעריסן...

איצט, ווען מעבעלע האָט אים אַנגעטראָפן, איז דער ברודער געווען ביי דער אַרבעט. ער האָט אויף אַ שנעלן אופן זיך צוגעפּאַסט צו דער פּאַר־סמטער לופט און זיך געהאַלטן. בלויז ער, מאַרקאָווסקי האָט מער נישט געקענט גיין צו דער אַרבעט. די סעלעקציע האָט ער אויסגעמיטן. ער האָט אָבער געוווּסט, אַז ס'איז שוין נישט אויף לאַנג. דערפאַר האָט ער כאָטש געוואָלט זיך אַרויסרעדן אין גאַנצן פאַר מעבעלען:

— דו מיינסט אַז איך בין טאַקע אַזאַ חיה? נאָר גאָרנישט... ס'איז געווען אַזאַ פאַרפירעניש! אַ גאַנץ לעבן האָב איך זיך געריסן עפּעס צו זיין, אָנפירן, הערשן... איך בין געווען אַ פעאיקער מענטש און וואָלט גע־קענט אָנפירן מיט גרויסע זאַכן... האָט מען מיך נישט צוגעלאָזט! נאָר ווען איך בין אַריינגעפאַלן אין לאַגער, האָב איך געשפּירט אַז א י צ ט איז דער איינציקער שאַנס! כ'האָב זיך נאָר געוואָלט אַ שפּיל טון אביסל מיט מאַכט, וויסן דעם טעם דערפון... מער גאָרנישט. אָבער דערנאָך האָט עס פאַרשכורט. איך האָב געזען אַ סך מעגלעכקייטן צו דערגרייכן און זיי אָנ־געמען. דערפאַר האָט מען געמוזט באַצאָלן! אויב נישט — איז דער טויט. און וואָס דו האָסט נאָר דערגרייכט —איז עס זיס געווען, האָט עס פאַרשכורט און דו האָסט געוואָלט אַלץ מער און מער... אָט אַזוי איז עס געשען... דערנאָך ווייסטו דאָך...

אויף אַ מינוט האָבן זיך זיינע ברייט־תאוותדיקע ליפּן הנאהדיק צע־שמייכלט, ווי ער וואָלט דאָ איצט, ביים דערמאָנען זיך, ווידער איבער־געלעבט אַזאַ זיס פאַרגעניגן, צוליב וועלכן עס האָט זיך געלוינט. באַלד אָבער איז ער צוריק פאַרשאָטנט געוואָרן:

— ערשט איצט פאַרשטיי איך עס! איך בין דאָך אַ פאַרשאָלטענער! וועדער עס קען מיך נאָר פון פריער — וויל אין מיין זייט נישט קוקן... עט־לעכע פיקרינער פון מיין האַלע האָבן מיך נאָך דערקענט און געהאַלטן מיר אין איין דערגיין די יאָרן:

— פאַרוואָס ביסטו דאָ נישט קאָמענדאַנט, האַ? אַזוי שמעקט דיר דער שטויב פון די קאָסטקעס? וואָס זאָגסטו דערצו, פריצל? פאַרוואָס

שאפסטו דיר נישט קיין גומען שטעקעלע, האָ? און זע נאָר וואָס פאַר אַ שיינע מיידעלעך דאָ זענען פאַראַן! פאַרוואָס גייסטו נישט כאַפּן כאָטש איינע? גיי, נעם דיר כאָטש איין און איינציקע! דו ווילסט נישט? אוי-וויי, אוים קאַוואַלער אין שטיוול... נ'ווי איז מיר נעבעך...

אַט אַזוי האָט מען אים געררייצט, געפּייניקט... און ער האָט גע-שפּירט ווי דאָ ערשט, איז ער געוואָרן אויף אַן אמת פאַרהאַסט... דאָרט האָט מען נאָך דרך־ארץ געהאַט פאַר זיין מאַכט, פאַר די בגדים זיינע... יענעם איז עס געקומען! איצט אָבער, זעט מען אין אים אַן אָפּגעריסע-נעם, פאַרמיאַוסטן אויסוורף! און צו אַזעלכן טשעפּען זיך אַלע מיט דער גאַנצער גאַליקייט... האָט ער דאָ ערשט פאַרלוירן דעם גאַנצן חשק צום לעבן... נאָר דאָס האַרץ וויינט, רייסט שטיקער... איז ער דען אַזוי שלעכט געווען? דעם ברודער האָט ער דאָך נאָר געראַטעוועט דערפאַר, וואָס ער איז געווען קאָמענדאַנט. דאָס איז נאָר איינס און צווייטנס...

אָבער דאָ האָט מאַרקאָווסקי זיך פאַרקייכט און געוויזן מיט דער האַנט צו זיין באַראַק. מעכעלע האָט פאַרשטאַנען: די פּיקרינער אַרבעטן ווינציקער שעהען און דער ברודער זיינער וועט שוין באַלד קומען... וויל ער, אַז מעכעלע זאָל אים צופירן אַהין...

מעכעלע האָט אים פאַרזיכטיק אָנגענומען ביי דער האַנט, אויפגע-שטעלט אים און געפירט מיט געלאַסענע טריט צו זיין באַראַק. פון ווייטנס האָט ער נאָר באַמערקט, אַז וויייזנבערג קוקט זיך צו, ווי אַזוי ער פירט אים, מיט פאַרריסענע אויגן. ביי דער שוועל האָט מאַרקאָווסקי צוריק באַקומען דאָס לשון. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, אָנגעקוקט מעכעלען און האַסטיק אַ זאָג געטון:

— פונדעסטוועגן... זיי מוחל פאַר יענעם... זעסט דאָך, ווי אַזוי איך זע אויס... ס'איז שוין דאָ ווער עס זאָל מאַכן די רעכנונג... און דער עיקר: דו לעבסט דאָך, ביסט געזונט... וואָסזשע האָב איך דיר געטון? וואָס שפּילט אַ ראָל אַ פּעטשל אָדער צוויי אין אַזאַ ים פון שחיטות? קום צו נאָכאַמאָל, געדענק...

מעכעלע איז אַוועק שווייגנדיק און געזוכט אַן אָרט, וווּ ער זאָל קע-נען רואיק איבערזען די נייע געדאַנקען, וואָס זענען אים באַפאַלן אויפ-אַמאָל...

III

אין א פּאָר טעג אַרום איז ווייזנבערג אַריינגעפאַלן צו מעכעלען אין באַראַק אַריין און אים האַסטיק אַ צי געטון:

— דו... ווייז מיר אים... איך קען אים נישט דערקענען...

מעכעלע האָט זיך נישט געקענט כאַפּן וועמען ער מיינט. ווייזנבערג האָט אָבער געברענט פון אַ פּלוצים־באַפאַלענער אידעע און ער האָט גענומען זיך בייזערן אויף זיין שטרענג, אָפּגעהאַקט לשון:

— וואָס מאַכסטו זיך תמעוואַטע? ד יי ן קאָמענדאַנט מיין איך! אַ שאָד... נישט געוווסט פריער! מעכעלע האָט זיך שווייגנדיק אַרויסגעלאָזט און ווייזנבערג איז אים נאָכגעגאַנגען. אין דרויסן האָט זיך די פאַרנאַכטיקע זון שוין אַראָפּגעלאָזט איבער די הכנעהדיקע דעכלעך און געשפּריצט מיט רויטלעך־פאַרגעלטע פונקען. דער פּיקרין־באַראַק האָט אויסגעזען נאָך טרויעריקער ווי אין מיטן טאָג. ווען מעכעלע איז אַריין אין באַראַק אַריין און נאָך אים דער קאָמענדאַנט, האָבן זיך אַלע אַ ריס געטון פון די קויטיקע געלעגערס. אַ גאַנצע מחנה אָפּגעריסענע שאָטנס זענען געבליבן זיצן פאַרגליווערט, מיט אויפגעריסענע מיילער. ווייזנבערג האָט פון זיך קיין קלאַנג נישט אַרויסגעבראַכט. מעכעלע אויך נישט. ער האָט נאָר געזוכט מיט די אויגן צווישן אַלע און נישט געפונען דעם, וואָס ער דאַרף... בלויז איין פּיקרינער האָט זיך נישט אויפגעזעצט און מעכעלע האָט אים נישט געקענט זען. ער איז דערפאַר צוגעגאַנגען נענטער צום געלעגער און זיך איינגעקוקט אין אים. ס'איז געווען מאַרקאָווסקים ברודער.

מעכעלע האָט אים לייכט אַ ריר געטון:

— אייער ברודער איז נישטאָ?

יענער האָט זיך אויפגעזעצט, דערקענט דאָס פּנים און זיך געוווּנדערט, וואָס מעכעלע פרעגט אים גאָר אַזעלכעס:

— אה? ניין.

ווייזנבערג האָט זיך אַ רודער געטון:

— וואָס הייסט נ י ש ט אָ ? כ'האָב דאָך אים ערשט נישט לאַנג געזען?

ער האָט דערביי אַ קוק געטון אויף מעבעלען מיט אַ פּאָר פרעגנ־דיקע, פאַרגאַפּטע אויגן.

איצט האָט מעבעלע פלוצים אַלץ פאַרשטאַנען. מאַרקאָווסקיס ברו־דער האָט אָבער וועגן דעם נישט געלאָזט טראַכטן. ער האָט אָפּגעענט־פערט קורץ:

— מען האָט אים אַוועקגעפירט היינט אינדערפרי, פּאַניע קאָמענ־דאַנטשיע...

ווייזנבערג האָט זיך אומזיניק צעכעסט:

— וואָס הייסט אַ וו ע ק ג ע פ י ר ט ? גלאַט גענומען און אַוועקגעפירט!?

דער קליינער מאַרקאָווסקי האָט זיך אָבער גאָרנישט געמאַכט פון יענעמס מטורפן בייזערן זיך. ער האָט נאָר פּאַמעלעך, פלעגמאַטיש אויס־געציילט די ווערטער פון מויל, ווי איינער וואָס היט זיך נישט אַרויס־צוגעבן פון זיך צופיל ווערטער:

— ער איז נעכטן פאַרנאַכט געשטאָרבן... מען האָט אים מער נישט געקענט האַלטן... פּאַניע קאָמענדאַנט...

עס האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט פאַרענטפערן, נישט פאַר ווייזנבערגן נאָר פאַר זיך, אָדער גאָר פאַר אַן אומגעזעענעם, וואָס שטייט דאָ און פרעגט אויך, פאַרוואָס דער ברודער איז דאָ מער נישט פאַראַן...

ווייזנבערגן האָט אָבער דער צאָרן אַ פּאַק געטון:

— אַז...זוי! „געשטאָרבן"... „האָט מען נישט געקענט האַלטן!"... אַ וואַזשנע נייעס האָט ער מיר דאָ אַנטדעקט! געשטאָרבן... נישט געקענט האַלטן... איי־וויי, שוין איינמאָל אַ חכמה!

אין מיטן נאָכקרימען יענעם האָט ער זיך אַ כאַפּ געטון און אַ הילך געטון אויף מעבעלען:

— ק ו ם !

זיי זענען אַרוים און אָפּגעגאַנגען עטלעכע טריט שווייגנדיק. דער־נאָך האָט זיך ווייזנבערג אָפּגעשטעלט:

— טאַקע אַן אמתער קאָמענדאַנט געווען?

מעכעלע האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ:

— יאָ... מיטן גאַנצן לאַגער רעגירט... און געווען אָנגעטון — ווי אַ לאָרד...

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט. אָבער ווייזנבערג האָט אים אונטערגע־טריבן:

— דערציייל ווייטער... דערציייל!

און מעכעלע האָט אים געשילדערט די גאַנצע ראָל מאַרקאָווסקיס, דעם דאָרטיקן לאַגער... און ווייזנבערג האָט זיך דערביי אָנגעלענט אין אַ וואַנט און געהערט, אַלץ אויסגעהערט מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם. ווען מע־כעלע איז שטיל געבליבן, האָט ער זיך אַ ריס געטון אַ געריירטער פון אָרט:

— אַ מענטש האָט קיין מזל נישט געהאַט... ווען איך זאָל דאָס געווען ווּיסן... מנע! קום!

איצט איז שוין ווייזנבערג געלאָפן פאָראויס ביז צום פּיקרין־באַראַק. ער איז אַריין און צוגעלאָפן צום קליינעם מאַרקאָווסקיס בעטל:

— דו ביסט זיין ברודער?

יענער האָט איינשטימיק געשאָקלט מיטן קאָפּ. ווייזנבערג האָט אים באַטראַכט פון קאָפּ ביז די פיס, גלייך ווי ער וואָלט געזוכט פעסטצו־שטעלן, אויב דאָס איז טאַקע אַן אַמאָליקן קאָמענדאַנטס ברודער אָדער נישט... דערנאָך האָט זיך זיין הויכע פיגור איינגעבויגן איבער יענעם:

— דו זאָלסט יעדן פאַרנאַכט צוקומען צו מיר... הערסט? וועסט באַקומען ברויט... זופּ... דערנאָך וועט מען ווייטער זען... האָסט פאַר־שטאַנען?

און איידער יענער האָט נאָך באַוויזן צו באַגרייפן, וואָס מען זאָגט אים, איז שוין ווייזנבערג געווען אויף דער אַנדערער זייט שוועל, נישט זע־ענדיק מער קיינעם. אפילו אין מעכעלען האָט ער פאַרגעסן...

נאָר פון יענעם טאָג אָן האָט ער אויפגעהערט צו רודפן מעכעלען, ווי ער וואָלט מורא געהאַט, אַז ער זאָל דאָ פאַר אַלעמען נישט אַנטדעקן

דעם סוד, וואָס פון אַ לאַגער־קאָמענדאַנט האָט עס געקענט ווערן אפילו דאָ, אין ווערק צע...

ער האָט אויך געדענקט אריינצוטראָגן די ערשטע טעג שטיקער ברויט אינעם געלן באַראַק אריין און אַ לאַנגע צייט האָט ער מאַרקאָווס־קיס ברודער אָפּגעוואַרט ביים טויער און אים גלייך אַוועקגערופן צו זיך, געגעבן אים עפּעס און צוריקגעשיקט אין באַראַק אריין.

דער קליינער מאַרקאָווסקי האָט נישט געקענט פאַרשטיין מיט וואָס ער האָט עס פּלוצים זוכה געווען דערצו... אויך די פּאָליציי האָט קיין ענטפער דערויף נישט געקענט געפינען...

## IV

אין יענע טעג פון דער טיפוס־עפּידעמיע, ווען הונדערטער מענטשן זענען געפאַלן אין משך פון געציילטע טעג, האָט אויך דער קאָמענדאַנטין געטראָפן אַן אומגליקלעכע פּאַסירעניש. זי האָט זיך מיטגעבראַכט נאָך פון שטאָט אַ קליינטשיק הינטעלע. איז דאָס געוואָרן איר ליבלינג. איר טעכ־טערל, די עלף־יעריקע ווילדע שיינהייט מיט די ערשטע סימנים פון ליידנ־שאַפט און געוואַלט, האָט ממש מיט דעם הינטעלע זיך נישט געשיידט. אַ גאַנצן טאָג האָט מען עס געהאַלטן אין איין קאַרמען מיט די בעסטע זאַכן. פאַרן הונט האָט מען געבראַכט שטיקער פלייש פון שטאָט און פאַר אַלעמען אין די אויגן האָט מען אים געלייגט שטיקער ברויט און קוכן...

פון אַלע זייטן האָבן זיך צוגעקוקט די פּיקרינער און טראָטילער און מקנא געווען רעקסן. נישט איינער האָט דערביי אַ זיפץ געגעבן:

— זעסטו... איז אַ כלב באַשערט אַזאַ גוטס! האָב א י ך דען נישט געקענט באַשאַפן ווערן אויף זיין אָרט?

נאָר דער הונט אַליין האָט זיך ווייניק געמאַכט דערפון. ער האָט געגעסן, וואָס מען האָט אים דערלאַנגט, פעט געוואָרן און אויסגעוואַקסן. אָנגעהויבן האָט ער ווי אַ קליין הינטל, וואָס קען קוים עפּענען דעם פּיסק און אַביל טון מיט אַ דין צעריסן שטימעלע. דאָס צערטלען אים פון אַלע

קאָמענדאַנטן און די קינדער זייערע האָט אים אָבער צוגעגעבן חוצפּה. דערצו איז ער אויסגעוואַקסן, באַקומען לייב אויף זיך און דאָס בּילעריי איז ביי אים געוואָרן גראָב און אויסגעשטאַנען. האָט ער אָנגעהויבן נאָכ־מאַכן די באַלעבאַטים זיינע. ווען ער האָט געזען פאַרבייגיין אַן אָפּגעריסענעם מענטש, האָט ער גענומען האַווקען און וואַרפן זיך. דערביי האָט ער אָבער פאַרשטאַנען צו לעקן דער קאָמענדאַנטינס מיידעלע די הענט און טוליען זיך חניפהדיק צו ווייזנבערגס שטיוול... איז נישט קיין וואונדער פאַרוואָס דער כּלב איז ווייט דערגאַנגען. אים האָט מען געשלעפּט אומעטום, געגלעט, געפּאַשעט... און די קינדער האָבן אים אָנגערייצט אויף פאַרבייגייענדיקע, וואָס זענען אַנטלאָפן מיט געשריי און דאָס קליינוואַרג האָט זיך געווייזט דערביי. דער הונט האָט שוין אין זיך איינגעזאַפּט אַ היבש ביסל ווערק־צע־לופּט און האָט, זעט אויס, פאַרשטאַנען, ווו ער געפינט זיך. געבילט און אָנגעפאַלן איז ער נאָר אויף די, ביי וועמען עס האָבן אַרויסגעקוקט שטיקער נאַקעט לייב פון די שמאַטעס. צו גוט־אָנגעמוטענע האָט ער זיך אונטערלעקעריש צוגעשאַרט און געוואַרט הכנעהדיק אויף אַ גלעט...

איז אויך קיין וואונדער נישט געווען, פאַרוואָס ער איז אַזוי שנעל חשוב געוואָרן ביי די איינוווינער פון ווייסן הויז. דערפאַר אָבער האָבן די לאַגער־מענטשן צו אים געטראָגן אַ שטאַרקע שנאה. וואָס מער ער איז גרויס און פעט געוואָרן, אַלץ מער האָבן אים די אויגן געשטאָכן פון אַלע זייטן. טייל האָבן אים נישט נאָר פיינט געהאַט, נאָר ער האָט אין זיי דערוועקט אַ ספּעציעלע תאווה...

מעבעלעס בן־עיר, דער יונגער פערד־טרייבער בעניעק, האָט שוין אין לאַגער אַלץ אויסגעפּרובירט. ער האָט שוין געאַרבעט ווי אַן אייזל, געוואָרן פויל און מאַנקרירט... דערנאָך האָט ער גענומען גנבענען און די פּאָליציי האָט אים איינמאָל געפּאַקט און אונטערגעהאַקט די זייטן. זייט דאַן איז ער געשוואָלן געוואָרן און זיך קוים געשלעפּט צו דער אַרבעט. פאַרנאַכט, ווען ער איז געקומען אין לאַגער אריין, האָט ער זיך אויסגעזוכט אַן אָרט, נישט ווייט פון פּאָליציי־באַראַק און געקוקט, געזוכט מיט די אויגן... דאָס האָט ער געזוכט דעם הונט. שעהען לאַנג האָט ער אַזוי

געקענט אַפּזיצן צוזאַמען מיט אַנדערע, קוקן ווי דער הונט טראָגט זיך פרייליך אַרום מיט אַ שטיק פלייש, אָדער ברווט אין מויל און דערביי פלעגט כעניעק זיך גאָווערן פאַר די אַנדערע:

— וואָס ווייסט איר, וואָס ווייסט איר דען!? איך קען זיך אויף הינט... אַליין געהאַט זעקס שטיק, ווי די רוחות... אַזוי ווי איר זעט מיך לעבן! נאָר איר זענט א י ם מקנא, איר וואָלט כאָטש געוואָלט אַריין אין זיין הויט אַריין... אָבער איך טראַכט: אַי, ווען איך באַקום אים אַריין אין די הענט אַריין! עס וואָלט געווען אַ געבראָטנס, אַז עס וואָלט פאַר־שמעקט דעם גאַנצן לאַגער!...

ער האָט געוווסט, כעניעק, אַז ער וועט לאַנג נישט אָנציען. די גאַנ־צע גבורה זיינע איז פון אים אַנטלאָפן. ער איז געבליבן ביי אַ פּאָר שווערע פיס און אָנגעבלאָזענע הענט. אויך דער לעצטער שאָרך פון יונג, געזונט בלוט האָט זיך קוים געהאַלטן אין אים. דערפאַר אָבער האָט זיין גאַנצע פאַנטאַזיע פאַרכאַפּט דער הונט רעקס. פון אים האָט ער געחלומט ביי טאָג און ביי נאַכט, געהאַלטן אין איין טענהן, אַז פאַרן טויט מוז ער זיך נאָך אָנעסן מיט פלייש... און טאַקע? אַז דאָ דרייט זיך אַרום אַזאַ באַשעפעניש, פאַשעט זיך און מוט גאָרנישט — רייצט עס, קאָכט אויף די בלוטן מיטן לעצטן זאַד...

ער וואָלט זיך אויף אים געוואָרפן... ער ווייסט ווי אַזוי מען פאַר־נאַרט אַ כלב אין אַ זייטיק ווינקל פון אַ ליידיקן באַראַק, מען דערשטיקט אים און פאַרטיק! האָבן אים אָבער אַנדערע געוואָרנט פון אַלע זייטן:

— דו, ס'וועט זיין ווי דיינע יאָר, אויב דו וועסט צופיל פּלאַפּלען... די הויט וועלן זיי פון דיר שינדן! פּרווו נאָר זיך דערנענטערן...

איז ער אָפּגעזעסן, כעניעק. נאָר מען האָט געזען, ווי ער גייט אויס נאָכן הונט און זיין פּעט, אויסגעפּאַשעט לייב.

דער הונט האָט דערפאַר פאַרלוירן די לעצטע סכנה און זיך אַרומגע־דרייט חוצפּהדיק איבערן הויף. עס האָט זיך אויסגעוויזן ווי מיט זיין יעדן האַווקע שרייט ער, רייצט זיך מיט וועמען:

— איך ווייס וואָס איר טראַכט פון מיר... איר ווילט מיך אוועק־לייגן, צערייסן... כ'ווייס! נאָר דאָס וועט איר נישט דערלעבן. איך בין

דאָ אַ מיוחס, מיך שיצט מען... קוקט זשע ווי איך רייב מיינע סעודות — און זאָלן אייך די אויגן איבערגיין פון קנאה און פאַרדרוס... האָו־האָו!

נאָר אויך זיין סוף איז געקומען אומדערוואַרט, אין אַ שיינעם און ליכטיקן טאָג. וואָס פאַרשטייט אַ הונט? ער האָט זיך שוין צוגע־וויינט צו בילן אויף אַלעמען און קיינער זאָל אים גאָרנישט טון דערפאַר; מען זאָל אים נאָך גלעטן, שטופּן גוטע זאַכן אין מויל אַריין און אויס־צערטלען יעדעס ביינדעלע מיט גלאַטע קינדערישע הענטלעך... ווי אַזוי זשע זאָל ער פאַראַנען, אַז אויך אים קענען דראָען געפאַרן?

זענען גראָד פאַרבייגעגאַנגען צוויי טאַטערישע זעלנער, פונעם וולאַ־סאָוו־לעגיאָן, וואָס מען האָט נאָר־וואָס געברענגט צופירן. זיי האָט מען איבערגעגעבן דעם לאַגער און די פאַבריק, צו היטן זיי פון אויסן, פאַר אַלערליי פאַרפאַלן. האָבן זיי פאַטרולירט טאָג און נאַכט אַרום די דראָטן. פאַר זיי איז דאָס אַלץ נאָך געווען ניי, אינטערעסאַנט... האָבן זיך די צוויי פאַטרולאַנטן אַוועקגעשטעלט ביי די דראָטן און געקוקט, באַטראַכט דעם טויער און געוואָלט זען, וואָס די מענטשן אינעווייניק טוען. ס'איז גראָד געווען אַ נאָכמיטאָג, ווען די גאַנצע נאַכט־שיכט האָט זיך געלייגט שלאָפן און אויסער דער פּאָליציי האָט מען קיינעם נישט געזען. די צוויי קינ־דער, וויזנבערגס און פעלאַס, האָבן עפּעס געפונען אַ בלעכענע מציאה און פאַרגעסן אַ מינוט אין דעם הונט. איז רעקסן געוואָרן לאַנגווייליק. ס'איז נישט געווען אויף וועמען אַ האַווקע צו טון. פּלוצים האָט ער דער־זען צוויי פרעמדע מענטשן, וואָס שטייען און גלאָצן אויף אים מיט די אויגן. איז ער אויפגעטרייסלט געוואָרן פון זיין דרימל און זיך אַ וואָרף געטון צו די דראָטן...

זיין בילעריי איז די צוויי לייט געפעלן. האָבן זיי גענומען שאַקלען מיט די פאַלעס, עפּעס שרייען צו אים, ער זאָל זיך נאָך מער רייסן... דער הונט איז שוין באַלד הייזעריק געוואָרן פון רעווען און האַווקען. ער האָט מיט די לאַפּקעס גענומען ציען ביי די דראָטן און זיי צוריקכאַפּן צע־שטאָכענע... דערנאָך האָט ער גענומען שפּרינגען אין דער הויך, וואַרפן זיך צום טויער און איז זיך פאַרגאַנגען אין אַ יללה... די צוויי לייט איז נמאס געוואָרן דאָס רייצן זיך מיט אים. האָבן זיי געמאַכט אַ פּאָר שריט

און געלאָזט זיך גיין. רעקס איז אָבער שוין אריין אין אַ רציחה. זעענדיק זיי אַוועקגיין, האָט עס אים פּאַרדראָסן און אפשר איז אים באַנגיק געוואָרן, וואָס דאָ וועט באַלד ווערן צוריק טויט, שטיל... און ס'וועט אפילו נישט זיין אויף וועמען זיך צו בייזערן. האָט ער אָנגענומען נייע כוחות און פאַרגאַנגען זיך אין אַזאַ געהווילעריי, וואָס האָט געבוירערט אין די אויערן...

די צוויי טאָטערן האָבן זיך צוריק אָפּגעשטעלט און זיך עפּעס מיישב געווען צווישן זיך... פּלוצים האָט די שטילקייט פון הויף זיך אויפגעטרייסלט פון אַ שאָס. באַלד איז געקומען נאָך איינער.. רעקס האָט נאָך באַוויזן זיך ווייטיקדיק צו צעיאָמערן... ער האָט געקוויטשעט, געדרייט זיך און זיך איבערגעקוליעט עטלעכע מאָל. דערנאָך איז ער שטיל געבליבן. די סאָלדאַטן זענען דערוייל רואיק אַוועקגעגאַנגען.

באַלד זענען געקומען אָנצולויפן די צוויי מיידעלעך פון ווייסן הויז. זיי האָבן גענומען רייסן זיך די האָר, געוואַלדעווען און וואַרפן זיך אויף דער ערד... נאָך זיי איז אָנגעקומען צו לויפן פעלאַ, וויַיזנבערג און די גאַנצע משפחה... זיי זענען אַלע געווען פאַרצווייפלט. עס האָט אָבער גאָרנישט געהאָלפן. רעקס איז איצט געלעגן רואיק און זיך אפילו אויף קיינעם נישט אומגעקוקט... האָט די קאָמענדאַנטין זיך נאָר ווילד צעשריגן אויפן פּאָליציאַנט ביים טויער, געדראָט אים מיטן ערגסטן, דערפאַר וואָס ער האָט דערלאָזט צו דעם... עס האָט אָבער גאָרנישט געהאָלפן! נאָר די קינדער האָט מען נישט געקענט באַרואיקן. דער גאַנצער הויף איז פול געוואָרן מיט זייער יאָמערן.

אַלע וויכטיקע זאַכן האָט מען שטיין געלאָזט אין אַ זייט. צוויי פּיקרינער האָבן געמוזט טראָגן דעם טויטן הונט ביז נאָך די באַראַקן, הינטערן פענצטער פון דער קאָמענדאַנטין. דאָ האָבן זיך צונויפגעזאַמלט די גאַנצע קאָמענדע און עטלעכע מענטשן האָבן אויסגעגראָבן אַ פיין קבֿרל. ביים געוויין פון די קינדער האָט מען דאָרט אריינגעלייגט רעקסן און אַרומגעצוימט דאָס אָרט מיט אַ פּלויטל. פון ערגעצוו האָט מען פאַרשאַפט בלומען און אַוועקגעלייגט אויף דעם באַגרעבעניש. דערנאָך האָט

מעבעלע געמוזט אָפּשמירן די ברעטלעך מיט פאַרב און אָנשרייבן אַ ווייס שילדל, וואָס זאָל דערציילן, ווער דאָ ליגט באַגראָבן...

ס'איז געווען די איינציקע באַגרעבעניש, וואָס מעבעלע האָט געזען מאַכן אין ווערק צע, מיט קינדעריש געוויין, באַגלייטער און בלומען... דער קבר פון דער ווארקאָוויטשינס הונט... אביסל ווייטער איז געלעגן אַ פולער קאַסטן מיט טויטע מענטשן, צו וועלכן קיינער האָט קיין בליק נישט געטון...

מיט דעם האָט זיך עס אָבער נישט געענדיקט. צומאָרגנס באַלד אין דער פרי איז אַלץ געווען אויפן אָרט. דאָך האָט בעניעק, פעלדמאַנס בן־יחיד, דערקענט אַז דאָ האָט מען עפּעס גערירט פון אָרט... באַלד זענען אָנגעלאָפן די קאָמענדאַנטין, די קינדער, פּאָליציי, רעניא מיטן דאָקטאָר האַנדל... און דערצו אַלע נאָענטע צו דער פּאָליציי־משפחה... אויך קויפ־מאַן איז געקומען צו לויפן פון באַראַק. זעענדיק צוליב וואָס דער אָנגע־לויף איז דאָ, האָט ער בייז אַ שפּיי געטון אין דער לופט:

— מנע! קיין וויכטיקערס איז שוין דאָ נישט אַוועקגעקומען... איד־יאָטן!

און אַוועקגעשפּאַנט צוריק אויף זיינע לאַנגע פיס. דערפאַר אָבער זע־נען אַלע שטיין געבליבן אויפן אָרט און געפּאָרשט מיטן אויג, נישט וויסנ־דיק וואָס צו זאָגן. בלויז פעלאַ האָט אַ קאָמאַנדעווע געטון:

— אויפגראָבן!

ס'האָט נישט געהאָלפן די קינדערס געוואַלדן. דאָס פּלויטל איז צע־טראָטן געוואָרן, די בלומען זענען צעריבן געוואָרן אונטער די טריט און דאָס קברל האָט זיך געעפנט... נאָר דער הונט איז דאָרט מער נישט גע־ווען...

איבער אַלע באַראַקן האָט מען געזוכט, גענישטערט און צו גאָר־נישט זיך דערפּאָרשט. ווי אַזוי מען האָט געקענט מאַכן ביינאַכט אַזאַ ריזיקאַלישע אַרבעט, אונטער „איר" פענצטער — האָט קיינער נישט גע־קענט קלוג זיין. עמעצער האָט פאַרוואָרפן אַ וואָרט, אַז מען האָט געזען דעם הויכן שמעון שאַפּיראָ זיך דרייען דאָרט גאָר שפּעט... ער איז אַ

קצב... און דערצו ברענגט ער יעדן טאָג פעטע זופּן פון פאַבריק, וואָס ער אַליין קאָכט אויס אין דער קעסלערײַ און פאַרקויפט לויט פּאָרציעס...

האָט מען פאַרנאַכט אים אָפּגעוואַרט, שמועסן... ער איז ווי שטענ־דיק געגאַנגען באַלאָדן מיט שטיקער פלייש און ביינער... עס האָט נישט געהאָלפן זיינע טענות, אַז דאָס זענען ביינער פון פערד... זאָל מען, אדרבא, זען דאָס פלייש! זאָלן עס אָנקוקן מבינים!

פון אַלע זייטן האָט מען געזוכט דעם שולדיקן. די בלוטן האָבן אַזוי אויך געקאָכט פון אומגעדולדיקן וואַרטן אַ גאַנצן טאָג... נו, איז ער גע־קומען! אָבער דאָס שלאָגן פון יעדן באַזונדער האָט נישט געהאָלפן. שמעון האָט זיך אַרויסבאַקומען פון זייערע הענט און פאַר זיין מחנה ווייבער געהאַלטן אין איין איבערהזרן, אַז ד אָ ס וועט ער נישט שענקען... בלוט וועט זיך גיסן, אַזוי ווי עס האָט זיך פון אים געגאָסן! האָט דער כעס זיך געמוזט ביי זיי אָפּקילן... „זי" האָט אפילו איינגעזען, אַז מען מוז גיין אָפּקילן דעם הויכן שמעון... מען קען גאָרנישט וויסן!

נאָר מיט אַ צוויי טעג שפּעטער האָט ווער געמאָלדן דער פּאָליציי, אַז איינער פון דער האַלע 53 איז אַהיימגעקומען נעכטן מיט מאָגן־קרעמפּן פון פאַבריק... ער האָט זיך איבערגעגעסן, האָט ער דערציילט, מיט פלייש... ווי עס קומט צו יענעם אָפּגעריסענעם, שטענדיק־הונגעריקן יונג אַזויפיל פלייש, ביז צום איבערעסן זיך, איז אַ סוד... פרעגן אים איז נישט מעגלעך געווען. ער האָט זיך געדרייט אין אַלע זייטן און געשריגן פון יסורים. ער וואָלט עס אויך נישט געווען דערציילט. די נשמה האָט זיך אויך פריער אין אים קוים געהאַלטן... ווער זשע קען עס וויסן? ערשט אין מיטן נאַכט איז ער שטיל געבליבן.

ווען די פּאָליציי איז אַריין אין יענעם באַראַק, איז שוין כעניעק גע־לעגן שטיל און גאָרנישט מער האָט אים נישט געקענט מאַכן רעדן. ער איז געלעגן מיטן פּנים אַרויף און אַ דערשטיקטע צופרידנקייט האָט נאָך געגליווערט אויף זיינעם אַן אויפגעריסענער ברעם. ווי אַזוי ער האָט זיך באַוויזן איינמאָל דאָ אָנצוזעטיקן, איז שוין איצט געווען זיין פאַרשלאָ־סענער סוד. די פּאָר פּאָליציי־לייט זענען געשטאַנען און זייערע הענט האָבן זיך געוואָרפן, געריסן זיך... דאָס איז אָבער כעניעקן מער נישט אָנ־

געגאַנגגען. זיין סוד, ווי אַזוי דאָס שטיקל כשופדיקע אַרבעט איז געמאַכט געוואָרן, האָט שוין קיינער ביי אים נישט געקענט אַרויסרייסן. מען האָט אַפילו נישט געקענט וויסן אויף זיכער, אויב ער האָט געוווסט דערפון. עפּעס אַ זייטיק מענטשל האָט אַ ברום געטון סתם אַזוי, אַבי צו זאָגן עפּעס:

— ער האָט געהאַט אַן אויג אויפן כלב...

באַלד האָט ער אָבער אַ בליק געטון אויף כעניעקס טויטן פּנים און דערשראָקן אָפּגעהאַקט אין סאַמע מיטן...

# קאַפּיטל זיבן און צוואַנציק

## I

מעכעלעס שילדלעך זענען שוין געווען צעהאַנגגען איבערן גאַנצן לאַגער און קיין סך אַרבעט איז פאַר אים נישט געווען. ווייזנבערג האָט זי אָבער פאַר אים אויסגעפונען. ער האָט יעדן פרימאָרגן געמוזט אַרומגיין איבער די באַראַקן און אָפּשמירן די בעטן און די ווענט מיט קאַלך. דער־נאָך האָט ער גענומען דעם בעזעם און מיט נאָך צוויי מיטהעלפער גע־דאַרפט אויסרייניקן דעם שמוץ פון אַלע באַראַקן. ערשט דאַן, ווען דאָס מיסט איז אַרויסגעטראָגן געוואָרן פון די צימערן, האָבן זיי עס געדאַרפט אוועקפירן מיט וועגעלעך ביז צום מיסטקאַסטן.

יעדן פרימאָרגן, ווי נאָר די טאָג־שיכט האָט זיך אַרויסגערוקט צו דער אַרבעט און די נאַכט־שיכט האָט געדאַרפט אָנקומען, איז מעכעלע אַרויסגעקראָכן מיט זיין עמער קאַלך און בעזעם איבער די באַראַקן. או־מעטום זענען צוריקגעבליבן עטלעכע און יעדער איינער האָט געהאַט זיין געשיכטע צו דערציילן. איבערהויפּט די קראַנקע מיידלעך און פרויען. זיי זענען געלעגן אָפן, מיט נאַקעטע אָרעמס און שטיקער לייב און זיך אַפילו נישט זשענירט פאַר דעם יינגל, וואָס האָט געהאַלטן אין איין דראַפּען זיך

אויף די פּריטשן, שמירן דעם סופיט און דערנאָך אַראָפּשפּרינגען און אַפּויערשאַרן דאָס מיסט פון אונטער די בעטן.

אויך מעבעלע האָט אין דעם נישט געזען קיין אויסערגעוויינלעכס. ער איז געקראָכן איבער די האַלב־נאַקעטע פרויען־גופים, זיי געהאָלפן אויפשטעלן און זעצן זיך, אָננעמען ביים נאַקעטן אָרעם און אַראָפּפירן זיי פון בעט. ער האָט זיך אפילו די ערשטע צייט געוווּנדערט, וואָס דאָס רודערט אים נישט אויף און ער טראַכט אפילו נישט, אַז דאָס איז וואָרעם, מיידליש לייב. דאָס איינדעקן זיך מיט אַלערליי שמאַטעס, צווישן אָנגע־עיפּושטע קויקעם האָט פון זיי אָפּגעטריבן יעדן זכר פון פרויען־רייץ. ג ו פ י ם און ווייטער גאָרנישט. דער גלייכגילט צו דעם איז אפשר נישט געלעגן בלויז אין זיי נאָר אויך אין אים. ער האָט דאָ פאַרלוירן זיין גאַנצע בענקשאַפט צו מיידלעך און פרויען. ער האָט איינמאָל עפּעס גע־לאָזט אונטער רעדלמאַנס טיר, ווען פרעדזשאַ איז דאָרט געבליבן. יענץ געפיל איז געווען אַ דינס, אַן איידלס... אָבער אויך דער פליישלעכער רייץ איז דערמיט אַוועקגעפלויגן.

האָט טאַקע אַמאָל פּאַסירט: מעבעלע איז אַריין אין אַ פרויען־באַ־ראַק. צוערשט האָט זיך אים אויסגעוויזן אַז קיינער איז נישטאָ. ער האָט דערפאַר אַראָפּגעוואָרפן פון זיך זיין רעקל און מיט אַ לייכטקייט אַרויפגע־שפּרונגען אויף אַן אויבערשטער פּריטשע. ערשט ביים זיין אין דער הויך האָט ער דערזען, אַז אין אַ ווינקל ליגט אַן אויסגעדרייטער שאָטן, מיט צעוואָרפענע האָר. ביי מעבעלעס האַסטיקן שפּרונג האָט זי זיך אַ מרייסל געטון און אויפגעזעצט זיך... מעבעלע איז צעחושט געוואָרן פון איבער־ראַשונג. אירע לאַנגע האָר זענען געווען צעשויבערט און דיקע שטרוי־פעדעם זענען אין זיי געווען פאַרפּלאָנטערט. איר גאַנץ פּנים איז געווען דערשראָקן־פאַרפּלאָמט און ס'איז קענטיק געווען, אַז זי האָט פיבער...

אין דרויסן האָבן די פּאָליציי זיך געיאָגט נאָך פאַרשפּעטיקטע און זיי נעפּירט מיט הויכע געשרייען צום טויער. קיינעם איז נישט איינגע־פאַלן אַ בליק צו טון צום אָפּגעלעגענעם צימערל, וווּ אַ פאַרגעסן מיידל ליגט אין היץ. מעבעלען האָט באַנג געטון, וואָס ער האָט זי אויפגעוועקט... זי קוקט אויף אים אַזוי דערשראָקן און דערביי מיט אַ פאַרנעפּלטער פרייד,

ווי א וויכטיקער גאסט וואָלט זיך פּלוצים באַוויזן צו איר. מעכעלע האָט געזוכט ווערטער צום פאַרענטפערן זיך:

— איך בין דער מאָלער... איך מוז איבערשמירן די קראַנצן מיטן סופיט... דער קאָמענדאַנט טרייבט... איך האָב נאָך עטלעכע באַראַקן צים קאַלכן...

ער האָט דערביי גענומען שנעל־שנעל פירן מיט דער גרויסער באַרשט איבערן סופיט, ווי ער וואָלט דערמיט געוואָלט ווענען באַווייזן, אַז נאָר צוליב דעם איז ער אַזוי ווילד אַרויפגעשפּרונגען איבער די פּריטשן. דאָס מיידל האָט זיך צוריק אויסגעדרייט צו דער וואַנט און זיך איינגעטוליעט אונטער די שמאַטעס. אין באַראַק האָט געהערשט אַ שטילקייט. מען האָט נאָר געהערט דאָס שאָרכן פון דער באַרשט איבער די ברעטער. נאָר ווען מעכעלע האָט זיך צוגערוקט נענטער צום ליגנדיקן מיידל, האָט זי זיך רעשיק אויפגעזעצט. דער שמאַטע־צודעק איז אַראָפּגעפאַלן פון אירע נאַקעטע אַקסלען און אירע פיבערדיק־גערייצטע אויגן האָבן זיך איינגע־געסן אין מעכעלעס בלייך־געוואָרן פּנים.

אַ זיסער, דערשראָקענער שווידער איז אַדורכגעלאָפן איבער מעכע־לעס גאַנצן, האַלב־נאַקעטן קערפּער. ערשט איצט האָט ער באַמערקט אירע גרויסע, טיפע אויגן. זי האָט האַסטיק אַ שאַר געטון די צעפּלאָשעטע האָר און מעכעלע האָט אויפּאַמאָל געזען אַז איר לענגלעך, בלאַס פּנים איז שיין. ער האָט זיך אַ וואַקל געטון און זיך געוואָלט צוריקציען. אין אירע אויגן האָט שוין געברענט אַזאַ פאַרבענקט משוגעת, וואָס קען שוין נישט און ווייסט נישט פון קיין גרענעצן. ווען מעכעלע האָט געמאַכט אַ טריט אויף צוריק, האָט זי אַ צאַפּל געטון. אַ ווילדע נישט־קלאָרקייט האָט מעכעלען אַ זעץ געטון אין קאָפּ און זיך צעלאָפן איבער די בלוטן מיט היץ און ניי־געריקן שווידער. זי האָט אַזוי אויף אים געקוקט עטלעכע מינוטן ווי אַ פאַרגליווערטע. אויך מעכעלע האָט פון זיך נישט געקענט אַרויסברענגען דעם מינדסטן קלאַנג. זי איז די ערשטע געקומען צו זיך און זיך אומגע־קוקט איבערן צימער. זי האָט קיינעם נישט געזען. איז זי געוואָרן רואי־קער, כאָטש אין איר טון האָט זיך נאָך אַדורכגעוואָרפן אַ ווילד־געוואָרע־נער ציטער:

— איר זענט דאָך דער... וואָס האָט דאָן... ביים קאָנצערט...

מעכעלע האָט צעטומלט געשאָקלט מיטן קאָפּ, אויף צו באַשטעטיקן. זי האָט עס אָבער אַזויווי נישט געזען. זי האָט נאָר אויסגעשטרעקט די האַנט און אים אַ ציִ געטון ביים קנעכל:

— זעצט אייך אַנידער... אָט אַזוי... נעבן מיר...

אירע אויגן האָבן איצט געשאָסן מיט פייער. מעכעלע איז געוואָרן אַנמעכטיק און זיך אַראָפּגעלאָזט נעבן איר. שיכור פון איר זיג, האָט זי שוין נישט געבעטן מיט איר שוואַכער שטים, נאָר באַפוילן:

— און איצט ציט זיך אויס ליגנדיק... אַזוי... איך וועל זיך אויסציען אין דער גאַנצער לענג... און איר אויך... און איר וועט אַזוי ליגן נעבן מיר...

מעכעלע האָט אָן געדאַנקען זי געפאָלגט. ער האָט זיך אויסגעצויגן נעבן איר און דערפילט ווי דאָס פייער, וואָס יאָגט פון איר, וואַרפט זיך אַריין אין אים און רייסט די אברים, אַלץ. פונעם אינעווייניקסטן שטורעם און צעפּלאַקער איז ער געבליבן אַזוי ווי פּאַראַליזירט. דאָס לעצטע פינטעלע באַוווסטזיין אין אים האָט אים אַוועקגעצויגן אביסעלע ווייטער פון איר. אַ קליין ברעקל באַרעכנטקייט האָט זיך נישט געלאָזט דערשטיקן און אַ בויער געטון אין מח:

— וואָס וועט דאָ זיין? וואָס וועט זיין? מען טאָר נישט...

דער אָטעם איז ביי אים שווער געוואָרן און דעם גאַנצן קערפּער האָט אַרומגעכאַפּט אַ קאָכיקער שטייף... דאָס מיידל האָט זיך עטוואָס אויפגעזעצט און אַריבערגעבויגן איבער אים. איצט האָט שוין אַלץ אין זיי און אַרום זיי געפלאַמט, געוויגט זיך, אַוועקגעפלויגן... זי האָט אויף אים געשאָטן מיט בריענדיקן אָטעם און רייד. מעכעלע האָט שוין מער נישט געזען אירע אויגן נאָר צוויי גרויסע, גאָר־גרויסע און שוואַרצע רעדער פייער. שטיקער ווייס־ראָזער רייץ האָבן אים צעפיבערט, געצויגן ערגעץ גאָר־גאָר ווייט און אַזוי נאָענט... בלויז אירע רייד האָבן נאָר געוועקט אין אים דאָס לעצטע שטיקעלע וואַכקייט. ער האָט געהערט:

— ס'איז קיינער דאָ נישטאָ... קיינער אַזוי אַ גאַנצן טאָג... און איך האָב אַזוי מורא! איך ווער פאַרברענט... איך וויל אַזוי שטאַרק עמעצן

אַנרירן פון דער נאָענט... מ׳זאָל מיך אָנרירן, גלעטן... איך שטאַרב! טוליע איך זיך צו די ברעטער, צו די שמאַטעס און האָב אַליין זיך מורא אָנצו־רירן, כ׳זאָל נישט משוגע ווערן... און פּלוצים קומט איר אַריין... אַ מענטש! גאָט ליבער! אַ מענטש וואָס פאַרשטייט אַזויפיל זאַכן! — — —

זי איז שטיל געוואָרן אַ ווייל און אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם. איר קול האָט זיך שוין געהאַט איינגעבראָכן און אָראָפּגעזונקען אין קוים־הערבאַ־רער שטילקייט. באַלד איז זי אָבער צוריק געוואָרן שרייאיק, באַפעלעריש:

— איר!... איך וויל גאָרנישט... לייגט נאָר אַרונטער אַביסל די האַנט הינטער מיין קאָפּ! איך וויל גאָרנישט מער, נאָר איין מאָל פילן ווי אַ יינגל ליגט נעבן מיר, גלעט מיך... גאָרנישט מער... איך וועל דאָ סיי־ווי שטאַרבן! זענט איר אַריינגעקומען...

מעכעלען איז אויפאַמאָל אַלץ קלאָר געוואָרן. ער האָט מעכאַניש אויסגעצויגן די האַנט און אַרונטערגעלייגט אונטער איר קאָפּ. זי איז צו־ריקגעפאַלן אויף איר געלעגער. מעכעלע האָט עס אַליין נישט געפילט, ווי זיין צווייטע האַנט נעמט איר ווייסן אָרעם אויף זיין קני און גלעט זי לייכט, לייכט... קוים ווי ער באַרירט אים...

דער ווילדער פלאַם אין אירע אויגן האָט זיך גענומען איינלעשן... זיי זענען געוואָרן ווייך, טרויעריק, פייכט... מעכעלע האָט אַרויסגעצויגן זיין האַנט פון אונטער איר קאָפּ און זי גענומען לייכט גלעטן איבערן קער־פּער, איבער די שטיקער פון צעפליקטן קלייד. זי האָט צוגעמאַכט די אויגן און געלאָזט זיך. זי האָט דערביי אונטערגעבויגן יעדער אבר באַזונ־דער, אַז די באַרירונג זאָל גאָרנישט אויסמיידן... דערנאָך איז זי געבליבן ליגן ווי פאַרחלשט. די גערייצטקייט איז ביסלעכווייז אַוועק פון מעכעלען. ער האָט אויפאַמאָל אין זיך דערפילט אַזאַ צער, אַזאַ ווייטיקדיקן רחמנות צו דעם הילפלאָזן מיידל וואָס ליגט דאָ נעבן און ער האָט נישט געוווּסט וואָס צו טון מיט זיך, מיט איר... האָט ער זיך אויפגעזעצט און געבליבן אַזוי מיט די הענט אין דער לופט. זי האָט זיך אויפגעוועקט. דער בליק איז ביי איר צוריק אויפגערייסן געוואָרן און זי האָט אויף אים אַ קוק געטון, ווי אַ נאַר־וואָס פאַרווונדעטע. מיט איין וואָרף האָט זי אים אַ כאַפּ גע־טון פאַרן קאָפּ, איינגעביסן זיך אין זיין אויער, אין זיין אונטערשטער

ליפּ... און מעכעלע האָט זיך נישט אָפּגעוועדט און אויך זי נישט צוגע־צויגן נענטער. זיינע הענט האָבן זיך נאָר אַראָפּגעלאָזט אויף די זייטיקע ברעטער, ווי טויטע שטיקער פון אַ פרעמדן גוף...

זי איז באַלד צו זיך געקומען און אָפּגעלאָזט. די כוחות האָבן זי פאַרלאָזט און זי האָט זיך אויסגעצויגן אויפן געלעגער. די גאַנצע, פיבער־דיקע אָנשטרענגונג האָט אויפּאַמאָל געפּלאַצט אין איר. זי האָט זיך איינ־געקוועטשט, לייכט געציטערט און געזוכט צו ווערן קלענער, קלענער... אַרויסציען זיך אין גאַנצן פון קראַנקן, אויפגעהעצטן גוף...

מעכעלע האָט צוזאַמענגענומען אירע שמאַטעס, זי צאַרט איינגע־דעקט אַרום און אַרום. זי האָט אַ כאַפּ געטון מיטן מויל זיינע פאַרקאַ־לעכטע הענט און זיי באַהויכט מיטן וואַרעמען פייכט פון די ליפּן. מעכע־לע האָט געגלעט די שטיקלעך מאַנטל, מיט וועלכע זי איז געווען איינגע־דעקט; געזוכט צו פאַרדעקן דאָס מינדסטע ברעקל פון איר, אַז זיינע פינ־גער זאָלן נישט דערגרייכן צום מינדסטן ברעקל לייב... אויך ביי איר האָט זיך אַלץ איינגעלאָשן. אַ ניכטערנע רואיקייט האָט זיך צעלייגט אויף איר פּנים. בלויז די אויגן האָבן נישט געקענט איינהאַלטן דעם שטורעם. די טרערן האָבן גענומען פלייצן איבער איר גאַנץ פּנים אין קליינע ריטש־קעלעך, זיי האָבן פאַרכאַפּט די שפּיצן פון עטלעכע צעוואָרפענע לאָקן און זיי צוזאַמענגעקלעפּט אין די עקן. זענען זיי געבליבן צוגעטוליעט צום פאַררויטלטן פּנים אירן.

פּלוצים איז זי זיך פאַרגאַנגען אין אַ העשען:

— יאָ, איך בין קראַנק... מיאוס געוואָרן... קיינעם קען איך שוין נישט געפעלן מער... אָ, ווי מען האָט זיך געיאָגט נאָך מיינס אַ בליק... ערשט מיט עטלעכע חדשים פריער... און איצט... איצט האָט איר נאָר רחמנות אויף מיר... גייט אַוועק!

אין שכנותדיקן צימער האָט ווער אַ הויכן קלאַפּ געטון מיט דער טיר. מעכעלע איז אויפגעשפּרונגען. פון דער נאָענט האָט זיך געטראָגן וויינבערגס קול. מעכעלע האָט אַ ציטער געטון:

— מען וועט זיי זען אָט־אַזוי־אָ... וואָס וועט מען זאָגן? וויינבערג וואָס וועט זאָגן?

ער האָט זיך אַ וואָרף געטון צום עמער קאַלך. דאָס מיידל האָט זיך נישט געקענט רירן. האָט זי נאָר געבעטן מיט אַ שוואַכער, דערשלאָגענער שטים:

— אוי, גייט נישט אוועק... איך בעט אייך... גייט נישט!

מעכעלע איז שוין אָבער געווען אונטן. ער האָט אפילו נישט גע־קענט פעסטשטעלן וועלכעס געפיל עס האָט אים אַראָפּגעטריבן. נאָר ביי דער טיר האָט זיך צו אים געטראָגן איר באַנייט און פאַרשטאַרקט געוויין:

— אוי, ער גייט טאַקע אוועק... אוועק... כ'בלייב אַליין...

קיין צוריק איז שוין אָבער נישט געווען. ער האָט נאָר שטיל צוגע־מאַכט די טיר און האַסטיק אַרויסגעשפּרונגען מיטן שווערן עמער איבער אַלע טרעפּלעך. ביי דער טיר האָט ער אָנגעטראָפן וויזנבערגן. אַ שפּריץ קאַלך האָט זיך אַ הויב געטון אין דער לופט, פון מעכעלעס איילעניש. וויזנבערג איז צוליב עפּעס אין כעס געוואָרן:

— זע נאָר, זע ווי די אַרבעט האָט זיך אין אים צעברענט!... פליט ווי אַ טייוול... גלייך ווי ער וואָלט געווען דער פליסיקסטער אַרבעטער אין לאַגער...

מעכעלע האָט גאָרנישט געענטפערט נאָר ווייטער געלאָפן.

## II

יענעם טאָג האָט שוין מעכעלע נישט געקענט אַרבעטן. צו יעדן באַ־ראַק, וואָס ער איז צוגעגאַנגען ביי דער פּרויען־זייט, האָט ער זיך אָפּגע־שטעלט אין קאָרידאָרל ביי דער טיר, צוגעלייגט אַן אויער און מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ זיך איינגעהערט. דערנאָך האָט ער זיך צוריק אַרויסגע־צויגן מיט שרעק און ווייטער געלאָפן. עס האָט זיך אים אויסגעוויזן אַז אין יעדן באַראַק וועט ער אָנטרעפן דאָס זעלבע בילד און די זעלבע גע־שעענישן וועלן זיך איבערחזרן. דאָס ערשטע מאָל אין לעבן קומט אים אוים צו זיין אַזוי־נאָענט מיט אַ פרוי, מיט אַ קראַנק מיידל און די שרעק פאַר עפּעס אומבאַקאַנטס לאָזט אים נישט אָפּ. ער איז צופרידן דערפון, וואָס ער איז אַנטלאָפן. ניין, דאָ אין ווערק צע וואָלט ער זיך דערנאָך באַ־שפּיגן. דאָ טאָר עס מיט אים נישט געשען.

נאָר אזא ברענענדיק נאָכגעפיל איז געבליבן אין אים שרפען. וויפל ער זאָל זיך נישט דרייען, אַוועקגיין צו אַנדערע באַראַקן — דערזעט ער זיך ווידער ביי דער טיר פון יענעם באַראַק. ער האָט דאָ עפּעס אַנטדעקט און אַזאַ באַהאַלטענע גיריקייט, אַ הונגער אַזאַ צו זען נאָכאַמאָל אַזאַ צע־פייערטן בליק אויף זיך, פירט אים צוריק אַהער ווי אַ בלינדן. עס טויכט אפילו אויף אין אים אַזאַ געבייזער אויף זיך אַליין. ער וויל זיך אויס־שטראָפן, פאַרוואָס ער האָט אַזוי שלעכט געהאַנדלט קעגן אַ קראַנקער. וואָס בענקט אַזוי צו האָבן אַ מענטש נעבן זיך ... ער איז שלעכט, שלעכט! אויף זיינע פינגער קאָכט זיך אָבער נאָך די היציקייט פון איר אָטעם, פון אירע ליפּן און ער ציט זיך צוריק אַ פאַרשעמטער פאַר זיינע מחשבות, וואָס ווילן זיך נאָך אַלץ איינהילן אין דער זאָרג פאַר איר, אין ריינער מענטשלעכקייט... שעמט ער זיך. נאָר ער ווייסט, אַז עס וועט אים שוין אַהער ציען, רייסן. דאָ האָט זיך אַ שטיק צאַפּלדיק לעבן געוואָרפן צו אים. ער האָט נאָר געדאַרפט אויסשטרעקן די הענט און זיך אָנשיכורן דערמיט. פאַרוואָס קלערט ער אַזויפיל אַריין? פאַרוואָס וואַקלט ער זיך?

ביים שוועל פון אַ מענער־באַראַק שטויסט זיך מעכעלע אָן אין א פרוי. עפּעס ווייכס גיט אים אַ רייב אין פּנים און טראָגט זיך ווייטער. מעכעלע וויל אַריין אין באַראַק, נאָר די פרוי קערט זיך אום און פאַר־האַלט אים אין קאָרידאָרל:

— וואָס איז מיט אייך, מעכעלע? איר זענט אַזוי צעטראָגן, אַז איר פאַלט אַרויף אויף מענטשן און זעט אפילו נישט?

מעכעלע פאַרלירט זיך נאָך מער, רויטלט זיך... דאָס איז די פרוי פליישער פון קיעלץ. איר אַרבעט באַשטייט אין אויסוואַשן איינמאָל אין וואָך די דילן פון די באַראַקן. יעדן טאָג טרעפט זי זיך מיט מעכעלען אין אַן אַנדער באַראַק. זי ליגט אויסגעצויגן אויפן דיל מיטן שמוציקן עמער וואַסער און מעכעלע קריכט אַרום אין דער הויך, ביים סופיט. זיי האָבן קיינמאָל נישט קיין צייט אַרויסצורעדן קיין פאָר ווערטער. נאָר דאָס אַר־בעטן ביי נאָענטע און ענלעכע זאַכן, וואָס געהערן צו איין גרופּע, מאַכט זיי היימישער. זי דערלויבט זיך פרייער צו שמייכלען און אפילו מאַכן זיך אַ קליינעם שפּאַס, ביי וועלכן מעכעלע שווייגט. זי איז אַ שטאָלצע און

יעדער ברעקל באַליידיקונג רעגט זי אויף ביז טרערן. איצט אָבער ביי־זערט זי זיך נישט אויף מעבעלעס שטוים. זי איז אפילו צופרידן, וואָס עס מאַכט זיך אַ געלעגנהייט אַ שמועס צו טון. שמייכלט זי מיטן שיינעם מויל און די ווייסע, גלייכע ציין חנדלען זיך:

— פאַרוואָס עפּעס אַזוי טרויעריק, מעבעלע?

מעבעלע וויל עפּעס זאָגן און רויטלט זיך נאָך מער. פרוי פליישער איז צוליב עפּעס אין אַ פריילעכער שטימונג. קען זיין אַז זי מאַכט זיך נאָר אַזוי. אָבער איצט צעלאַכט זי זיך. זי רוקט זיך צו גאָר נאָענט צו מעבעלען, אַז דאָס קליינע קאָרידאָרל ווערט אים ענג. איר ווייכע, גלאַטע האַנט נעמט אים גלעטן איבערן פּנים:

— איר זענט דאָך נאָך אַ יינגעלע, אַ קליין שעמעוודיק יינגעלע, בנאמנות... און זיי זאָגן אַז איר זענט אַ גאַנצער פילאָזאָף...

אויגנבליקלעך פאַרכאַפּט זי זיך אָבער:

— אוי וויי, איך שטיי אַזוי און מאַך שפּאַס! איר קענט נאָך קלערן אויף מיר, ווער ווייסט וואָס! און איך בין נישט אַזוי ווי אַנדערע... איר ווייסט? איך בין דאָך געווען אַ רעליגיעזע לערערין פון די „בית־יעקב"־שולן... איך האָב ערשט חתונה געהאַט אין געטאָ... מיין מאַן איז דאָ פאַ־ראַן און ער אַרבעט אין פאַבריק... נאָר מיט אייך פיל איך זיך אַזוי היי־מיש, ווי מיט אַ קינד... איר פאַרשטייט מיך באַטש?

זי איז געוואָרן פּלוצים ערנסט,טרויעריק:

— פונדעסטוועגן קומט אריין אין באַראַק... זאָגט מיר וואָס מיט אייך קומט פאָר. איך דערקען! איר זענט דאָך אַזוי הילפלאָז און איך פיל אייך אַזוי מיט...

זי האָט אָפּגעהאַקט. מעבעלע האָט איצט דערפילט אויף זיך אַ נאָענטן, ערלעכן בליק און עס האָט זיך אים געגלוסט וויינען פון גוטס־קייט אַרויס. זי איז איצט געשטאַנען אַ געטרייע, אַ מאַמעדיקע, אַז עס האָט זיך אים געוואָלט פאַרגעסן אין דער מינוט איר יונגקייט, דאָס וואָס זי איז קוים עלטער פאַר אים... ער וואָלט איצט געוואָלט, זי זאָל זיין צע־קנייטשט, גרוי... דאַן וואָלט ער געקענט צופאַלן אָן בושה און זיך איינ־טוליען אין איר... אַזוי אָבער מוז ער זיך באַהערשן, רואיק ווערן:

— יאָ, עס פּלאָגט מיך אַ בילד וואָס איך האָב היינט געזען: אַ מיידל ליגט דאָרט קראַנק, אין היץ... קיינער קוקט זיך אויף איר נישט אום און זי וויל אַזוי־שטאַרק נישט זיין אַליין!... איך וואָלט אַריינגעגאַנגען, געזעסן נעבן איר... ליגט זי אָבער האַלב־נאַקעט און איך שעם זיך. איר אָבער זענט אַ פרוי... איך בעט אייך...

פרוי פליישער האָט פאַרשטאַנען. טרערן האָבן זיך איר געשטעלט אין די אויגן:

— איך פאַרשטיי... וווּ איז זי... איך לויף שוין! איר וועט זען...

זי האָט נאָכאַמאָל אַ גלעט געטון מעכעלען ליבלעך איבערן פּנים און אַרויסגעלאָפן. מעכעלען האָט איצט געצויגן איר נאָכצולויפן און איר אויסקושן די פייכטע אויגן, פון גערירטקייט.

פאַרנאַכט־צו האָט זי אויפגעזוכט מעכעלען:

— איך בין דאָרט געווען ביי איר... איר אָפּגעקאָכט אַ זופּקע... עס וועט איר בעסער ווערן. איך וועל איר ביינאַכט אויך עפּעס אַריינטראָגן. זאָל נאָר מיין מאַן קומען. איך דאַרף פאַר אים אויך עפּעס אָפּקאָכן. מעכעלע האָט איר שטיל געדאַנקט מיטן בליק. זי האָט זיך שוין געלאָזט גיין און זיך אומגעקערט:

— זאָגט מיר דעם אמת: זי איז עפּעס אייערס?... כ'מיין אַ קרובה... אַ באַקאַנטע... אָדער... מעכעלע האָט איר איבערגעריסן:

— איך האָב זי דאָס ערשטע מאָל געזען... איך קען זי אפילו נישט.

פרוי פליישער האָט נאָך געוואָלט עפּעס זאָגן און אָפּגעהאַקט. זי האָט נאָר אָנגעקוקט מעכעלען, ווי זי וואָלט געזוכט עפּעס צו דערפאָרשן ביי אים און צוגעגעבן:

— איר זענט טאַקע אַ מאָדנע יינגל... ווען דאָ זאָלן זיין אַזעלכע ווי איר אַ סך, וואָלט דאָ גאָרנישט געווען אַזוי שרעקלעך... ס'וואָלט אפשר גוט געווען...

איר ברוינלעך, פול פּנים האָט זיך דערביי אָנגעגאָסן מיט פאַרשעמטער רויטקייט. האָט זי זיך האַסטיק אויסגעדרייט און אַוועק מיט פאַרשעמטע טריט.

## III

די פרוי פליישער האָט איר אַרבעט באַקומען דורך ספּעציעלער פּראָטעקציע. זי האָט איבערגעשוווּנקט די דילן פון די באַראַקן און יעדן טאָג געמוזט גיין אויפּרוימען די צימערן פון עטלעכע וואַכלייט אין דער פאַבריק. מיט איר מאַן האָט זי זיך באַקענט אין געטאָ און דאָרט מיט אים חתונה געהאַט. זי איז געווען אַ פרומע יידישע טאָכטער, וואָס האָט געחלומט פון אַ זיידענעם עילוי מיט שטילע תורהדיקע טריט. אין ,טאָ האָט זי זיך אָבער נישט געקענט העלפן. יענע איידעלע בחורימלעך, מיט וועלכע פרומע שטובן האָבן זיך געצירט, זענען פּלוצים פאַרשוווּנדן, קיינער האָט זיי אפילו מער נישט באַדאַרפט. אַ מיוחס איז געוואָרן דער אַרבעטער און בעל־מלאכה. זיי האָבן געקענט באַשיצן פאַר געפאַרן און פאַרדינען אַ שטיקל ברויט. האָט זי זיך פאַרבונדן מיט דעם הויכן, ריזיקן ישראל. ער איז געווען אַ פּשוטער, אַ שטילער און זי האָט זיך שנעל צוגעוווינט דערצו, אים אפילו ליב באַקומען, ווי נאָר אַזאַ שטילע יידישע טאָכטער קען ליב האָבן. באַלד די ערשטע חדשים נאָך דער חתונה זענען זיי פאַרוואָרפן געוואָרן אין ווערק צע. דאָ איז ער פאַרוואָרפן געוואָרן אין פאַבריק און זי — צו דער אַרבעט אין לאַגער. פאַרנאַכט האָבן זיי זיך אָבער געהאַלטן ווייטער צוזאַמען. זי האָט אויסגעמיטן די צערייצטע בליקן פון פאַרשידענע זייטן, פאַרשעמט זיך געוויטלט ווען עמעצער האָט איר צוגעוואָרפן אַ גראָב וואָרט און פאַרנאַכט נאָך שטאַרקער און דערשראָקענער זיך געטוליעט צום הויכן מאַן אירן. ער האָט געאַרבעט אויף דעם שים־שטאַנד און איז שטענדיק געקומען אַ מידער, אַ דערשלאָגענער. ס'איז איר אָבער גוט געווען, וואָס זי איז נישט דאָ אַליין. דערפאַר זינגט זי נאָך אַ גאַנצן טאָג, ביים רייבן די בלאָטיקע פּאָדלאָגעס און אירע קרומלעכע אויגן פינקלען נאָך גליקלעך.

זי האָט עפּעס אין זיך פון אַ מאָנגאָלין: שמאָלע, קרומלעכע אויגן און אַ טונקל־ברוין, זיידן פּנים. ווען זי לאַכט, גיט איר בליק אַ שוואַרצן גלי און איבער די דיקלעך־פולע ליפּן לויפט אויף אַזאַ בענקנדיק־פאַרשאַרטע נאַשעוודיקייט. איר איז נאָך גוט דאָ. זיי באַקומען פון ערגעץ

צוגעשיקט געלט און הונגערן נישט. איז איר גוף דאָ אויסגעפולט געוואָרן, רונדיק און רופנדיק. זי האָט נאָך געדולד צו גיין זוכן קראַנקע, זיי אַריינטראָגן עפּעס און זיך אויספרעגן אויף זייער געזונט. זי האָט נאָך דרך־ארץ פאַר געלערנטע מענטשן און שטייט נעבן זיי מיט אַ פרומע מינע אויפן פּנים. זי גייט נאָך גערן טון אַ מצווה און גיט דערביי אַ פרומען זיפץ, ווי זי וואָלט נאָך נישט אַרויס פון דער אַמאָליקער שטוב. זי האָט זיך דאָ צוגעקליבן עטלעכע יונגע חברטעס, מיט וועלכע זי האָט זיך געהאַלטן אויף איין פּריטשע און אָפּגעהיטן די לעצטע ברעקלעך יידישקייט, וואָס זענען דאָ מעגלעך געווען.

ווען מעכעלע האָט איר פאַרגעלייגט מיט פאַרשעמטע ווערטער אַ בליק צו טון צו יענעם מיידל, האָט זי שוין יענע נישט אָפּגעלאָזט. אַלע פרימאָרגן האָט זי מעכעלען באַגעגנט מיט אַ צופרידענעם שמייכל:

— זי וועט זיך שוין באַלד אויפהייבן... איר וועט שוין באַלד זען, ווי אַ יי ע ר ע גייט צו דער אַרבעט...

נאָר ווערק צע מיידט קיינעם נישט אויס. אין איינעם פון יענע פרימאָרגנס, ווען מעכעלע האָט אַפּערגעשאַרט דאָס מיסט פון אונטער די בעטן אין אַ באַראַק, איז די פרוי פליישער גראָד געשטאַנען ביי דער שוועל און געוואַרט, ביז זי וועט זיך קענען נעמען צו איר אַרבעט. זי האָט דערציילט פון זיך, פון איר מאַן, פון שטעטל... פּלוצים האָט זיך געהערט פון דער פאַבריק אַ שטאַרקער אויפרייס. זי איז בלייך געוואָרן און איבערגעריסן די רייד. נישט הערנדיק אַליין וואָס זי שרייט, האָט זיך ביי איר אַרויסגעריסן אַ קרעכץ:

— אוי, אַ קלאָג! וואָס איז דאָרט געשען?

מעכעלע האָט זיך אויסגעלאַכט:

— דאָס רייסן זיי דאָך אַלעמאָל אויף די נישט־געלונגענע אַמוניציע... דאָס אַרט מיך גראָד נישט!

זי האָט זיך אָבער נישט געלאָזט איינגעמען נאָר איבערגעלאָזט דעם פולן עמער און אַרויסגעלאָפן אין הויף זיך עפּעס דערוויסן. דער לאַגער־הויף איז אָבער געווען שטיל, ווי שטענדיק אין די פרימאָרגנס. ערשט פאַרנאַכט האָט מען זיך דערוווּסט, אַז דאָס האָט אויפגעריסן אַ פאַרגע־

סענער גראַנאַט צווישן אַ הויפן טראָטיל־שטויב. עטלעכע יידן זענען צע־ריסן געוואָרן אויף שטיקער. דער הויכער ישראל פליישער איז געשטאַנען אַביסל ווייטער, האָט עס אים נאָר אויפגעריסן דעם בויך און די פיס...

די פאַרצווייפלטע געשרייען פון דער פרוי האָבן זיך געטראָגן איבערן גאַנצן לאַגער. ווערק צע האָט שוין פאַרגעסן ווי אַזוי מען וויינט איבער קראַנקע און טויטע. אַלץ איז דאָ צוגעגאַנגען אויף אַ שטומען אופן. דער־פאַר האָבן אַ סך נישט געקענט פאַרשטיין, פאַרוואָס זי יאָמערט אַזוי און רייסט זיך די האָר פון קאָפּ:

— נו, עס איז דאָך אַ געוועגלעכע זאַך... אַלע דאַרפן זיין גרייט דערצו...

זי אָבער האָט קיינעם נישט געהערט. ווען מען האָט אים געברענגט צו טראָגן, איז זי נאָכגעלאָפן דעם טראָג־בעטל, אויסגעריסן גאַנצע פּאַס־מעס האָר און זיך געוואָרפן קושן די צעבלוטיקטע שטיקער פיס, וואָס האָבן נאָכגעהאנגען...

זי האָט זיך אויפאַמאָל איבערגעביטן. איר פּנים איז געוואָרן בייז, דראָענדיק. פון די אויגן האָט אַרויסגעקוקט אַזאַ איבעררוישט אומגליק, וואָס וויל מער פון בליק נישט אַראָפּ.

ער איז געבליבן לעבן. נאָר ס'איז נישט געווען ווער עס זאָל אים צונייען דעם בויך. האָט מען אים אַריינגעלייגט אין באַראַק צווישן די קראַנקע און ער האָט שטיל געקרעכצט פון זיינע יסורים אַרויס. זי איז פון אים נישט אָפּגעטרעטן. זינט מען האָט אים דאָרט אַריינגעלייגט, האָט זי זיך אויסגעצויגן אויף דער ערד און אַזוי געבליבן ליגן אַ גאַנצע נאַכט, לעקנדיק זיין נאָכהענגענדיקע, געלע האַנט...

וויפל מען האָט זיך נישט באַמיט זי אַוועקצורייסן פון אים, האָט עס נישט געהאָלפן. זיין געזונטער גוף האָט נישט געוואָלט נאָכגעבן דער טויט־ווונד און די יסורים. האָט ער זיך געראַנגלט מיטן טויט, געקרעכצט, געשריגן... זי איז דערביי געלעגן אויף דער ערד מיט צעפּלאָשעטע האָר, געקלאַפּט זיך מיטן שטערן אין דיל פאַר צער און געיאָמערט מיט אַ צע־ריסן, הייזעריק קול:

— יש־ראל! ישראל!!! עפן די אויגן, ישראל!

דאָס אומגעריכטע אומגליק האָט זי אינגאַנצן אַרויסגעריסן פון איר פרייִלעכקייט און באַהערשטקייט. ווען מלכל סאַניטאַר איז אַריינגעקומען, האָט זי זיך צוגעשאַרט צו אים אויף די קני, געכאַפּט אים קושן די הענט און געצאַפּלט:

— איך וועל אייך אַלץ אָוועקגעבן... אַלצדינג... נאָר ראַטעוועט אים! ראַטעוועט!!!

ס'איז אָבער נישט מעגלעך געווען עפּעס צו טון. די דאָקטוירים האָבן נאָר הילפלאָז געקנייטשט מיט די אַקסל:

— נו... אַז דאָ איז אַפילו קיין כירורגיש מעסער נישט פאַראַן...

ערגעץ טיף אין זיין פלייש איז שטעקן געבליבן אַ פאַרזשאַווערטער שפּליטער. אַרום דעם האָט זיך אָנגעקליבן ראָפּע און די מכה האָט זיך גענומען אויסשפּרייטן ווייטער און ווייטער. דער גאַנצער קערפּער האָט גענומען פוילן מיט אַן אומגעהויערער שנעלקייט. איבערן באַראַק האָט זיך גענומען טראָגן אַ שאַרפער, עסנדיקער ריח... די צוויי סאַניטאַרן זענען אַלעמאָל אַריינגעפאַלן אויף אַ מינוט, זיך אַ קרום געטון און צווישן זיך געבורטשעט:

— אַ כאָליערע אויף די דייטשן... שטענדיק ביי אַזאַ פאַל, דערשיסן זיי און פּטור! דאָ האָבן זיי אים געלאָזט... און איצט מאַטערט ער זיך און אויך פון איר ווערט אַ תל... עס וועט דאָך סיי־ווי שוין גאָרנישט העלפן...

זי האָט אָבער גאָרנישט באַמערקט. ווען מעכעלע מיט נאָך איינעם זענען אַריינגעקומען אין קראַנקן־באַראַק און זי געוואָלט אָוועקנעמען אַביסל פון בעטל, האָט זי זיך אויפגעשטעלט, אַ וואָרף געטון מיט די צעשויבערטע האָר און די אויגן זענען ביי איר אַרויסגעקראָכן פון צאָרן:

— וו אָ אָ ס ? אָוועקגיין? ער איז דאָך מ יי נ ע ר ! מ יי נ ע ר ! ! !

באַלד איז זי ווילד געוואָרן, זיך גענומען רייסן שטיקער פון קלייד, וואָס זי האָט שוין אין משך פון די פּאָר טעג צעפליקט אויף זיך און זיך אַ לאָז געטון אויף זיי:

— אַרויס! שוין זאָלט איר אַרויס! פאַר מיר שטינקט ער נישט!

די מידקייט האָט זי אָבער אַ כאַפּ געטון און זי צוריק אַנידערגעוואָרפן ביים בעטל. האָט זי נאָר וואָרקענדיק אַרויפגעלייגט די בלייכע האַנט אויף זיין שטערן און פאַרטראָגן אים געגלעט די שוואַרצע געקרייזלטע האָר. דערנאָך האָט זי זיך ווידער אַ ריס געטון, אויפגעדעקט זיין צעוווּנדיקט־אייטערדיק לייב און צוגעפאַלן דערצו מיט די ליפּן... זי האָט געקושט פאַרטראַכט, מיט געטרייער פאַרביסנקייט און אַזוי ווי עמעצן צולהכעיס... קען זיין אַז דאָ האָט זי געקעמפט אויך מיט איר אייגענעם ווידערווילן, וואָס האָט זי געזוכט צו באַצווינגען. איז זי געשטאַנען אַזוי, איינגעגראָבן דאָס פּנים און די האָר אין די חורבות פון אַ נעכטיקן מענטש און נאָר די נאַקעטע פיס אירע האָבן געציטערט פון שוואַכקייט און אויפטרייסל...

מעכעלע איז געשטאַנען דערביי פאַרגאַפט און געשפּירט, ווי דאָס מאָל רייסן זיך ביי אים אַרויס די טרערן ביז צו די באַקן. אויך זיין באַגלייטער איז געווען צעטומלט. ער האָט נאָר באַוויזן אַריינצושושקען מעכעלען אין אויער אַריין:

— אַ ז ו י ליב צו האָבן קענען נאָר באַווייזן יידישע טעכטער פון אַ פרומער היים אין די אַמאָליקע שטעטלעך אין פוילן... קוק זיך איין און געדענק עס... מער וועסטו דאָס נישט זען.

IV

אויך פליישער איז אויסגעלייזט געוואָרן פון זיינע יסורים. לאַנגע וואָכן האָט ער זיך געמאַטערט, געלאָזט זיינע געזונטע בלוטן קעמפן פאַר יעדן שטיקל גאַנץ לייב ביז עס איז פון אים געוואָרן אַ קופּע ווערעם און געלע פליסיקייט. פון איר איז איבער דער צייט געוואָרן אַ דאַרער סקעלעט, אַ שאָטן. זי האָט שוין מער נישט געהאַט קיין כוחות צו שרייען, איז זי געלעגן נעבן אים, געלאָזט זיך אַריינגיסן אין מויל אַביסל זופּ פון דער יונגיטשקער חברטע, פעלטשען, און געקוקט אַרום זיך מיט פאַרגלאָזטע אויגן. ערשט ווען ער האָט זיך אויסגעלאָשן, האָט זיך דער געשריי אין איר ווידער אויפגעוועקט. איבער אַלע באַראַקן האָט זיך געטראָגן איר געוויין:

— ישראל! ווו לאזטו מיך איבער!? ביי וועמען?

דאס איז געווען די איינציקע לויה מיט געוויין און האר־רייסן אין ווערק צע. עס האבן זיך אנגעקליבן די לעבנגעבליבענע לאנדסלייט זיינע און די חברטעס אירע האבן זי געמוזט צוהאלטן ביי די הענט און זי צו־פירן ביזן קויטיקן קאסטן. מעכעלע האט זיך דא געמאכט א מנהג נאכ־צובאגלייטן יעדן טויטן ביז צום וועלדל. איז ער דא נאכגעגאנגען הינטער אלע און צוגעקוקט זיך. באלד האט ער דערקענט צווישן די פאר מיידלעך א באקאנט פנים. זי האט זיך אויסגעדרייט און זיך א ווײלע צוריקגע־האלטן, ביז מעכעלע האט זיך אויסגעגלייכט מיט איר. זיי זענען ביידע אפגעגאנגען עטלעכע טריט און געשוויגן. דאן האט זי זיך אפגע־שטעלט, שארף א בליק געטון אויף מעכעלען, א וויז געטון מיטן פינגער צום טויטן און שטילערהייט גיפטיק א צישע געטון:

— משוגענער! ווארזאט!

מעכעלע איז צעטומלט געווארן, ווי ער וואלט באקומען א שטארקן שפיי אין פנים אריין. פארוואס? ער האט דאך איר גארנישט געטון, גע־ווען אזוי איבערגענומען מיט איר לאגע... ס'איז אבער קיין צייט נישט געווען צו טראכטן. דאס מיידל האט זיך אפגערוקט און זיך א לאז געטון פאראויס, צו די אנדערע מיידלעך, מיט פעסטע צולהכעיס־טריט. מעכעלע האט זיך אויפאמאל געכאפט, אויפגעקאכט און געוואלט איר נאכווארפן א בייז ווארט, א זידל, וואס זאל זיך אין איר איינעסן, נוקם זיין זיך פאר דער באליידיקונג. און א פארוואס. אין האלדז האט אים אבער א וויסטער כוח געשטיקט, צוגעהאלטן די ווערטער און נישט געלאזט ארויס... ער האט זיך אויפאמאל דערשפירט קליין, נידערגעשלאגן און שולדיק, אליין נישט־וויסנדיק אין וואס.

ס'איז געווען יענע, די הייז־קראנקע פון דער פריטשע.

מרדכי שטריגלער

# קאַפּיטל אַכט און צוואַנציק

## I

מעכעלע האָט אָנגעהויבן ביסלעכווייז צו שפּירן, אַז אַלץ וואָס ער זעט דאָ מאַכט אים פאַר אַן אַנדערן מענטש. וואָס האָט ער דען פריער פאַרשטאַנען פונעם לעבן, פון דער וועלט און וועגן מענטשן? ער האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ קלוגן, ווייל ער האָט זיך אָנגעשלינגען מיט ביכער, מיט ווערטער, וועלכע ער האָט געקענט פּאַפּוגייאיש נאָכזאָגן. איצט קומט ער מיט זיינע אַמאָליקע געדאַנקען און קען דאָ גאָרנישט פאַרשטיין. ניין, מען האָט אים אָפּגענאַרט, ליגנט געזאָגט... ער מוז דאָ ערשט זען, אויפנעמען אַלערליי מענטשן און זייערע פּירעכצער; ער מוז דאָס צוזאַמענפירן אין געדאַנק איינס צום צווייטן און ווי אַ קליין קינד ערשט אָנהייבן צו באַנעמען יעדע זאַך פון דאָסניי. ער בייסט אַזש די פויסטן און שעמט זיך דערביי:

— איך האָב דאָך גאָרנישט געוווסט... גאָרנישט! נישט פאַרשטאַנען קיין האָר!

מיט דער דערקענטעניש קען ער נאָכשפּירן אַלעמען, איבערקוקן יעדן איינעם נאָכאַמאָל און עס זאָל אים מער קיין זאַך נישט וווּנדערן, נישט איבעררּאַשן.

האָט ער שוין פאַרשטאַנען, פאַרוואָס די פרוי פליישער האָט אין עטלעכע טעג אַרום גענומען צוריק רוימען די באַראַקן, צוריק צוגעוווינען זיך צו אַלצדינג. זי האָט זיך איבערגעטון אין אַ גאַנץ קלייד, עסן און אָננעמען צוריק אויף זיך דאָס פאַרלוירענע לייב. ביי דער אַרבעט האָט זי אַפילו צוריק גענומען אונטערברומען אַ לידעלע און שמייכלען נאָך מער, צו ווען זי האָט נאָר געדאַרפט. כאָטש אַ שטיקל טרויער איז נאָך דערויף געבליבן הענגען אַ שטיקל צייט, ביז עס איז פאַרשוווּנדן.

זי האָט זיך אַפילו אַראָפּגערעדט פון האַרץ פאַר מעכעלען:

— נו, מילא... מענטשן ברומען אונטער: דו זעסט? געוויינט... אַוועקגעהרגעט זיך... און איצט לאַכט זי ווידער, עסט... אַזוי ווי גאָרנישט!

אָבער איך האָב איינס איינגעזען: נישטאָ קיין פֿאַלשערע זאַך ווי טרערן! נעמט מיך למשל: וויפֿל איך האָב דאָס אויסגעוויינט און אויסגעשריגן! איך האָב געמיינט, אַז מען קען דערמיט אַ גאַנצע וועלט לעבעדיק מאַכן... טאָ וואָס זשע? איין דאָקטאָרסקע מעסער וואָלט געקענט מער אויפטון ווי גאַנצע וואַכן מיט געוויין! ווען זשע טו איך גוטס דערמיט? אויף וואָס דאַרף מען עס דען? הערט זשע, צו וואָס איך האָב זיך דערקלערט: פּלאַצן זאָל מען און נישט וויינען!

ווען מעכעלע האָט געוואָלט עפּעס זאָגן, האָט זי נישט געלאָזט:

— איך האָב נאָך נישט געענדיקט... איר דאַרפֿט וויסן נאָך אַ זאַך: איך האָב זיך צוגעוווינט אים נישט צו זען אַ גאַנצן טאָג... פֿאַרגעס איך ביי דער אַרבעט וואָס עס איז געשען. עס דוכט זיך מיר, אַז היינט וועט ער קומען פֿאַרנאַכט, ווי יעדן טאָג... אַרט עס מיך נישט! ערשט ווען די גרופּן נעמען אַריינמאַרשירן דורכן טויער, דערמאָן איך זיך: ישׂראל איז נישטאָ... ער קען מער נישט קומען... און יענע מינוטן, זעט איר, ווערן שטיקער פֿייערדיקער גיהנום...

און נאָך עפּעס האָט זי אויסגעטראַכט אין די טעג פֿון איר בראָך: דאָס וואָס אַלע פֿאַראומגליקטע טראַכטן אויס און יעדער פֿון זיי מיינט, אַז ערשט ער אַנטדעקט עס:

— עס וועט שוין גאָרנישט העלפֿן! אַוועקהרגענען קען מען זיך נישט און לעבן — דאַרף מען. וואָס זשע איז שוין דער אונטערשיד ווי אַזוי מען לעבט? אַז מען איז פֿאַרזויערט — טוט מען שוין ווען אַ טובה דערמיט? איז שוין גלייכער צו זוכן דאָס גאַנצע לעבן... פֿאַרפֿאַלן!

די פּאָר מיידלעך וואָס האָבן זי אַרומגערינגלט זענען איר נאָכגע־גאַנגען, געהיטן זי פֿאַר אַ טרויעריקע מינע און איר געהאַלטן אין איין אויסרעדן, האָט זי נאָכגעגעבן. בפֿרט ווען אירע 26 יאָר האָבן אויך גע־זוכט אַ וועג פֿאַר זיך.

די פֿאַלן פֿון איבערגיין שנעל צום לעבן מיטן גאַנצן אייפֿער האָבן זיך געמערט. דאָך האָט מעכעלע נאָך עטלעכע זאַכן געזען פֿון וועלכע

ער האָט אויפגעשריגן, זיך געריסן די האָר ביז ער האָט פאַרשטאַנען און שטילגעשוויגן.

איינמאָל, אין אַ פרימאָרגן, ווען מעכעלע האָט אַרויסגעשאַרט דאָס מיסט פון אונטער אַ פרויען-בעט, האָט זיך מיטגעשלעפּט אַ קליין, פאַר־בלוטיקט פּעקעלע... ווען ער האָט עס מיט שרעק אויפגעוויקלט, האָט ער אַרויסגעלאָזט אַ געשריי פון איבעראַשונג: עס איז דאָרט געלעגן אַ קליין, נאָר־וואָס געבוירן קינד...

מעכעלע איז געלאָפן זוכן אַ פּאָליציאַנט און פרעגן, וואָס מען טוט דערמיט. אַזאַ איינער איז באַלד געקומען און עס אַרויפגעלייגט אויף וועגעלע מיסט. ער האָט דערביי אַ וואָרן געטון מעכעלען:

— טאָמער פרעגט דיך ווייזנבערג, אונטער וועלכן בעט דו האָסט עס געפונען — שווייג... אַז נישט וועט זיך אָנהייבן אַ גאַנצע אויספאָרשונג... און דאָ זענען פאַראַן אַ סך אַזעלכע, וואָס וועלן עס מוזן טון... פאַר־שטאַנען?

מעכעלע איז געוועזן אויפגעטרייסלט, צערודערט... אַרום דעם טויטן קינד האָבן זיך דערוויייל אָנגעקליבן אַ גרופּקע מענטשן און געלערנט זיך טרעפן אויב דאָס איז אַ נפל אָדער אַן אויסגעטראָגנס. פון ווייטנס האָט עס באַמערקט ווייזנבערג און געקומען אָנצולויפן. ווען ער האָט באַמערקט, וואָס דאָ קומט פאָר, האָט ער זיך צעשריגן:

— זע נאָר דעם אָנגעלויף, וואָס זיי מאַכן דאָ! מענטשן שטאַרבן דאָ אַזויפיל און קיינעם פאַלט נישט איין אַ בליק צו טון... און דאָ — אַ דרויבעלע, נאָך דעם אָטעם נישט געכאַפּט און דאָך — הימל עפן זיך!

ער האָט צעטריבן די אַרומשטייענדיקע און אַ געשריי געטון אויף מעכעלען:

— דו נאַרישער יאָלד! נאָך איין מאָל, אַז דו וועסט אָנמאַכן אַזאַ גערודער — ברעך איך דיר הענט און פיס... איך דאַרף נאָך, אַז זיי זאָלן זיך דערוויסן פון דעם! נעם עס און — מאַרש צום קאַסטן!...

ערשט ווען מעכעלע איז שוין געוועזן ביים וועלדל, האָט אים ווייזנ־בערג נאָכגעיאָגט און פאַרהאַלטן. דער גאַנצער כעס האָט אים שוין אָפּ־געלאָזט און ער איז שטיין געבליבן פאַר מעכעלען ווי אַ שולדיקער:

— דו, איך ווייס וואָס דו טראַכסט אַצינד... אָבער איינס וויל איך דיר זאָגן: דאָ טאָר מען נישט האָבן קיין קינדער... ווען ז יי זאָלן דער־זען בלויז אַ טראַגעדיקע פּרוי — ווערט זי באַלד דערליידיקט... דאָס העלפט אָבער נישט! מענטשן זענען נאָר מענטשן און דאָס בלוט קאָכט — אויך אין ווערק צע... דערביי וואַלגערט מען זיך אָפּ אין באַראַק, אין וועלדל און ווייס איך ווו... מ'כאַפּט אריין שנעל און מ'ווייסט אפילו נישט, וואָס מען האָט אָפּגעטון... טייל האָבן זיך אפילו נאָכדעם גע־טרייסט, אַז ביז דעמאָלט וועט מען שוין סיי־ווי נישט לעבן... אַ גע־שעפט זעסטו! נאָר אַז מען דערלעבט פּאָרט — מאַכן זיך צרות... וואָס זשע איז דען פאַראַן אַן אַנדער עצה, ווי... אונטערן בעט?

אין מעבעלען האָט עפּעס געקאָכט פון פאַרשעמטן ווייטיק. אָבער־ווייזנבערג האָט אים נישט געלאָזט לאַנג טראַכטן:

— דו, וואַרף עס אריין אין קאַסטן. איך האָב מורא, אַז עס זאָל דער־וויל נישט אָנטראָגן ווערמען... האָסט פאַרשטאַנען? דערנאָך קום צו אין יענער זייט אריין, ביים בוים... איך ווייס אַז דו ביסט נישט קיין נאַר, וויל איך מיט דיר אַ שמועס טון...

מעבעלע האָט נאָך קיינמאָל ווייזנבערגן נישט געזען אין אַזאַ צו־שטאַנד. האָט ער צוגעפירט דאָס נפּהלע און עס פאָרזיכטיק אריינגע־לייגט צווישן בארג מיט מתים. דאַן האָט ער זיך צוגעלאָזט צום אָפּגע־האַקטן שטאַם, ווו דער קאָמאַנדאַנט איז געזעסן און אַ נידערגעשלאָגענער געוואָרט אויף עפּעס. ער האָט זיך איצט געפילט ווי אַ שותף צו אַ שרעק־לעכער פאַרשווערונג, וואָס האָט אים אומווירדיק געמאַכט, נישט וויסנ־דיק אַליין ווי אַזוי...

ווייזנבערג האָט אים נאָר אַ טרוקענעם פרעג געטון:

— באַהאַלטן?

מעבעלע האָט קרום אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ. ווייזנבערג האָט אַ קוק געטון צום אָפּגעגילדטן רעדעלע הימל און שטיל אַ באַפעל געטון:

— לייג דיך אוועק אויפן גראָז. די ארבעט וועט נישט אַנטלויפן און איך מוז זיך אביסל אָפּרעדן... ליג זשע און האָרך!

## II

וואָס קען מען פאַרט טון אין ווערק צע? ווייזנבערג פרעגט עס און זוכט אַן ענטפער. ווען מעכעלע שווייגט פאַרכמורעט, ענטפערט ער זיך אַליין: גאָרנישט! אַ שטיין מוז מען דאָ ווערן און שוין! אָט איז אַ מעשה מיט אַ קינד... מעכעלע איז נאָך אַ יינגל, ווייסט ער נישט אין וואָס דאָ גייט... עס זענען דאָ געקומען טייל, וואָס האָבן זיך אויסגעגעבן פאַר מיידלעך... געוואָלט זיך ראַטעווען... צום סוף האָבן זיי שוין געהאַט אַ לעבעדיק נפש אין זיך... וואָס האָט ער, אַ קאָמאַנדאַנט, געזאָלט טון? ווי גאָט איז אַ פאָטער, אַז ער האָט זיי געוואָרנט: היט אייך... געדענקט מיט וואָס דאָס שמעקט! האָבן זיך אַנדערע צוגעהיטן, ביז דער לעצטער מינוט נישט געגעבן צו דערקענען, איינגעצויגן זיך, אין שמאַטעס זיך געהילט...

עס זענען געווען אַנדערע, וואָס האָבן נאָך דאָ אָפּגעטון דאָס נאַרישקייט... ער האָט געשאָלטן, געזידלט... נאָר צו היטן פיר טויזנט מענטשן טאָג און נאַכט — קען ער דאָך אויך נישט... צוערשט איז עס געווען שפּילערייען, אַ געלעכטער... נאָר איצט נעמט עס נישט ביי איינער אויפּשיסן, יערן און צעוואַקסן זיך... עס זענען שוין אַוועק אַזויפיל חדשים, זינט ווערק צע עקזיסטירט, און אַ סך אָפּגעטויטע זאַכן רוקן זיך נענטער צום שפּיץ פון דער צייט... העלפן קען מען דאָ גאָרנישט...

נאָך ביים אָנהויב פון לאַגער, האָט דער הויפּט־קאָמאַנדאַנט פון פאַבריק אָנגעזאָגט:

— מען לאָזט אייך דאָ מענער מיט פרויען אין איין לאַגער. אָבער געדענקט: קיין שוואַנגערע פרוי וועט דאָ נישט לעבן קיין מינוט... די קינדער אוודאי נישט... און אויך דעם ליבנסווירדיקן שאַץ אירן וועט מען מיטשיקן, ער זאָל זיי באַגלייטן א ה י ן...

און ער האָט דערביי אַ הייב געטון אַן אייגל צום הימל...

צוערשט האָט מען זיך אָפּגעהאַלטן, געהיטן זיך. דערנאָך איז מען צוגעפּאַלן איינס צום צווייטן, געלאַכט אפילו ביטער: ס'איז סיי־ווי אַלצאיינס... הויפּטזעכלעך די פּאָליציאַנטלעך... האָבן זיך אויך געטראָפן פאַרשוועגערונגען! נאָר איצט זעצט עס זיי אַרויס פון די בייכער...

ווייזנבערג האָט אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם, ווי עמעצער וואָלט אים געשטיקט און גענומען ווייטער דערציילן:

— איצט ווייס איך נאָר איינס: זאָלן זיי טון, ווי זיי ווילן... זאָלן זיי באַהאַלטן; טון מיט זיך וואָס זיי פאַרשטייען... איך ווייס פון גאָר־נישט! וועט איינער געלינגען, ווי אָט דער פון ה י נ ט , איז אוודאי גוט! אויב אָבער איינע האָט נישט קיין האַרץ דערצו — בין איך נישט שולדיק... האָט זי נישט געקערט צו פאַרגעסן אין דעם און אויב י אָ —

— מוז מען אַליין פאַראַנטוואָרטלעך זיין! אָט וואָס איך וויל דיר זאָגן..

מעכעלע איז געזעסן אַ פאַרשטאַרטער און בלויז געקוקט מיט דער־שראָקענע אויגן אויפן קאָמאַנדאַנט... יענער האָט זיך, צוליב עפּעס ווי־דער צעבייזערט:

— יאָ־יאָ! קוק אויף מיר מיט גזלנישע שליפיעס, קוק! אָבער איך האָב פיינט אַזעלכע צדיקים! די מיידלעך זענען דאָ לעבעדיק, געזונט... וואָס זיי טוען — טוען זיי... אָבער צוליב אַזעלכע ברעקלעך דאַרפן זיי נישט אַוועק אויפן שים־שטאַנד! דאָ איז נישט קיין צייט פון נאַרישע פּרעדיקערייען... מען דאַרף נאָר אָפּשאַצן, ווער עס דאַרף זיין בילעכער... דאָס קינד וועט סיי־ווי נישט לעבן — איז שוין גלייכער...

ווען מעכעלע האָט גאָרנישט געזאָגט, נאָר איינגעביסן מיט די ציין די אונטערשטע ליפּ, איז עס ווייזנבערגן נמאס געוואָרן. ער האָט דער־פאַר שנעל צוגעענדיקט:

— נו־יאָ... וואָס וועל איך מיט דיר איינטענהן? ביסט אַ שנעק! וויל איך דיר נאָר איינס אָנזאָגן: דאָס וואָס היינט, וועט דיר נאָך נישט איינמאָל אויסקומען צו זען. געדענק זשע! מאַך נישט קיין טאַראַראַם און... שוויג! זאָל דיך נישט אָנגיין וו ע ר עס איז די מוטער און ווי אַזוי זי האָט עס געמאַכט — נישט דיין עסק! גלויב מיר, אַז איך בין אַזאַ צדיק ווי דו... נאָר מיט דיין מאָראַל וואָלטן אַלע צוליב איינמאָל... גע־דאַרפט זיך לאָזן דערשיסן און א י ך פאַרשטיי אַנדערש די זאַך... וועט מען זיך שוין א מ אָ ל אויסטענהן אויף דער פריי...

ווייזנבערג האָט זיך אויפגעשטעלט צום גיין. מעכעלען איז אויפאַמאָל געקומען אַ פּסוק אויפן זינען:

„...און עס האָט געזאָגט דער מלך פון מצרים צו די יידישע היי־באַמס... און איר זאָלט זען ביי דער בראָך־שטול, אויב עס איז אַ זון — זאָלט איר אים טויטן" — — —

וויַיזנבערג האָט אים אָבער נישט געלאָזט טראַכטן לאַנג. נאָכן אָפּ־גיין אַ פּאָר טריט, האָט ער זיך אויסגעדרייט און ביטער אַ זאָג געטון צו מעכעלען:

— טראַכט! טראַכט אַריין! וועסט שוין אַ סך אויסקלערן... סיידן אַ לידל! נאָר דאָס וואָס איך האָב דיר אָנגעזאָגט, זאָלסטו נישט פאַרגעסן! געדענקסט?

און ער האָט זיך אַוועקגעלאָזט מיט האַסטיקע שפּריַיזן. מעכעלע איז נאָכגעמאָלט אַוועק צום קאַסטן פון די טויטע און לאַנג זיך אײַנגעקוקט אין דעם ברעקעלע מענטש, וואָס איז דאָרט געלעגן מיט אײַנגעקור־טשעטע אברימלעך... ער האָט פּלוצים דערזען אין דעם אַ געוואַלדיקן סוד, אַ משוגענע מיסטעריע פון באַשאַף, די זינלאָזיקייט פון דער מענטשלע־כער זינד און מענטשלעכן אויפקום אין אַזעלכע מוטערטראַכטן... נאָר דאָס לעצטע פּינטעלע נישט־אויסגעלאָשענע פרומקייט אין אים האָט לומדיש־גאָטספאָרכטיק און כ פ י ר ה ד י ק אַ פרעג געטון אין אים:

— ווער וועט באַשטראָפן דעם דאָזיקן „בל תשחית" פון מ ע נ ט ש? און וו ע מ ע ן דאַרף מען עס באַשטראָפן? — — —

ער האָט זיך געשראָקן, אַז ווייַזנבערגס רייד זאָלן אים נישט געבן דעם ענטפער...

### III

מעכעלע איז אַוועקגעלאָפן און געברענגט פון ערגעץ אַ גרויס שטיק פּאַפּיר, מיט וועלכן ער האָט אײַנגעדעקט דאָס נפלע. שפּעטער איז ער געשטאַנען און זיך אומגעקוקט, ווי אַזוי מען פירט עס אַוועק צוזאַמען מיט אַנדערע, צעוואַקסן־אויסגעדאַרטע גופים. דערנאָך איז אין אים שטעקן געבליבן אַזאַ מטורפער אומרו. ער האָט זיך אָנגעהויבן דרייען צווישן די מיידלעך און פרויען... איצט אָבער האָט ער אויף זיי נאָר גע־קוקט מיט באַהאַלטענעם פחד, ווידערווילן און געבעט... ווי נאָר ער האָט געזען איינע, אַ פולערע און געפּאַקטערע — האָט ער איר לאַנג נאָכגע־

קוקט, נאָכגעגאַנגען... ווען ער האָט באַמערקט, ווי אַזוי אַזאַ איינע איז ליבלעך מיט עמעצן, הנדלט זיך און לאָזט זיך אַוועקציען פון אַ בחור אין אַ זייט, האָט דאָס האַרץ אין אים אויפגעקאָכט. ער האָט געוואָלט צוגיין צו אַזאַ איינער, שרייען אויף איר, בעטן זיך ביי איר, קושן איר די הענט, רייסן זי ביי די האָר און עפּעס רעדן צו איר... זאָגן... אָבער וואָס אַזעלכעס — האָט ער זיך נישט געקענט קלאָר מאַכן... ער האָט נאָר איינס געוווסט: אין זיי ווענדט זיך, אויב ער זאָל ווידער אַפירשלעפּן אַזאַ פּעקעלע פון אונטער אַ בעט אָדער נישט...

יענע בילד פון קינד האָט מעכעלע נישט אָפּגעלאָזט. אין יעדן מיידל האָט ער אָנגעהויבן זען די דאָזיקע, וואָס האָט אים אַריינגעשלעפּט אין דער אימה אַריין... איז ער געשטאַנען מיט אויפגעריסענע אויגן, געקוקט אויף זיי און נישט געוווסט, ווי אַזוי און וואָס מען קען זיי זאָגן, נאָכשרייען דערביי...

איינע, אַ מיידל מיט אַ דיקלעכן גוף און גרויסע, בליציקע אויגן האָט אַפילו איינמאָל ליבלעך אָנגענומען מעכעלען פאַר דער גאָמבע:

— דו, וואָס קוקסטו אַ ז ו י אויף מיר, האַ? איך געפעל דיר אָדער נישט? זאָג דעם אמת...

מעכעלע האָט זיך ערשט דאַן געכאַפּט, אַז ער האָט טאַקע אויף איר געקוקט. פון פאַרשעמטקייט האָט ער פאַרלוירן דאָס לשון. ער האָט זיך פּלוצים דערפילט, אַזוי ווי זי וואָלט אים דאָ געכאַפּט ביי אַ גרויס פאַרברעכן... ער האָט דערפאַר גענומען שטאַמלען און — ווי זיין טבע — באַלד אַריבערגעפאַלן אין דער זייט פון זיין טראַציקייט:

— איז וואָס? איך קוק... טאָר איך נישט? עס ווילט זיך — קוק איך! ווּעמען דאַרף איך אָפּגעבן חשבון?

אין מיטן האָט ער זיך צוריק פאַרשעמט און רויט געוואָרן, ביז די טרערן האָבן אים אַ שלאָג געטון... האָט ער גענומען אַוועקלויפן אַ דערשראָקענער. דעם מיידל איז צוליב עפּעס גוט געווען אויפן האַרץ, האָט זי אים גענומען נאָכשרייען:

— וואָס אַנטלויפט איר? נאַרעלע... איך האָב דאָך גאָרנישט געטון?

אָבער מעכעלע איז שוין אַריינגעפאַלן אַ פאַרלוירענער צו זיך אין

באַראַק אַריין. אויך אין די אַנדערע טעג האָט אים שוין דאָס מיידל אויסגעזוכט. זי האָט דווקא געוואָלט וויסן, פאַרוואָס ער האָט דאַן אַזוי געקוקט און פאַרוואָס ער איז שפּעטער אַנטלאָפן... זי האָט אים אפילו געפרווט גלעטן איבער דער באַק, בעטן אים... ער איז אָבער ווייטער געבליבן פאַרעקשנט און געשוויגן. האָט זי אים נאָר געהאַט איינס צו זאָגן:

— אי, זענט איר אַ מאָדנע מענטש... לענדער אויסצופאָרן...

נאָר אין אַזעלכע זאַכן האָט זיך מעכעלע נישט געהאַט אין וועמען אָנצופאַרטרויען. אַפילו נישט זיך אַליין.

די טעג האָבן זיך געמאַכט כמורנע. עס איז אָנגעקומען דער אלול, אָבער מעכעלען האָבן איצט פאַרכאַפּט אַנדערע מחשבות. איבער דער צייט האָט ער זיך שוין אָנגעטראָפן אויף נאָך צוויי פאַלן פון קליינע נפלעך אונטער די פּרויען־בעטן. דער צווייטער לאַגער־מאַלער, לייביש, האָט אים אַפילו דערציילט, אַז ער האָט געזען אין קאַסטן אַ קליין נפשל, וואָס האָט נאָך געצאַפּלט... פאַר יענעם איז עס געווען גאַנץ קלאָר:

— זיי וואַרפן זיי אונטער, די... און פּטור אַן עסק!

מעכעלען האָט עס אָבער געבויערט אין די געהירן. אָט־אָט און ער וועט זיך גאָר צעשרייען משוגענערהייט איבערן גאַנצן לאַגער!

אין יענע טעג האָט מעכעלע ווידער אָנגעטראָפן פרעדזשען. איצט איז זי שוין אַרומגעגאַנגען, אָפן פאַר אַלעמען, מיט דעם יונגן פאָראַרבעטערל, יאָסל. זי איז געגאַנגען שטאָלץ און געקוקט יעדן גלייך אין די אויגן אַריין. דערפאַר אָבער איז ער געגאַנגען נעבן איר מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און זיך געהיטן, אַז עס זאָל אים נישט ווער אַ בליק טון גלייך אין די גרינע אויגן אַריין... ווען זי האָט זיך אָפּגעשטעלט מיט עמעצן, איז ער געשטאַנען אין אַ זייט און זיך געדרויטלט ווי אַ קינד. ערשט ווען זי האָט אים אַ צי געטון, מען זאָל גיין ווייטער, האָט ער אויפגעשיינט און אויף איר געקוקט אַ גליקלעכער, מיט אַ דאַנקבאַר, אונטערטעניק שמייכעלע...

זי האָט פאַר אים געקאָכט און זיי האָבן זיך שטענדיק אָפּגעזונדערט אינעם ווינקל, נעבן איר בעטל. נאָכן עסן זענען זיי ביידע געזעסן אַרומגענומען. ער איז געזעסן אַ צעטומלטער, אַ גליקלעך־שרעקעוודיקער

און זי האָט זיך, מיט אַ חוצפּהדיקן להכעיס פֿאַר וועמען, געשפּילט מיט זיינע האָר און שמאָלן האַלדז פֿאַר אַלעמען אין די אויגן נעבן פֿענצטער. איינמאָל איז גראָד מעבעלע פֿאַרבייגעגאַנגען און זי האָט אים באַמערקט. נישט אָפּרייסנדיק די הענט פֿון יאָסלס האַלדז, האָט זי אים אַ רוף געטון דורכן אָפֿענעם פֿענצטערל. מעבעלע האָט נישט געוואָלט אַריינגיין, נאָר שטיין געבליבן אויף דער דרויסנדיקער זייט... זי האָט זיך צוליב עפּעס באַליידיקט און זיך אַרויסגעבויגן אין דרויסן:

— מען זעט אייך שוין גאָרנישט... איר מיידט מיך אויס... און איך וואָלט אַזוי געוואָלט הערן, וואָס איר מאַכט און צי איר האָט שוין ווידער אָנגעשריבן... מען וויל שוין ווידער מאַכן אַ קאָנצערט... איך בעט אייך, קומט איצט אַריין צו אונדז אַביסל!

איבער איר איז אויסגעוואַקסן דאָס שיינע, קינדישע בחורל, יאָסל. ער האָט זיך אויסגעבויגן אויף איר און אַרומגעאָרעמט גענומען איר נאָכ־זאָגן די זעלבע ווערטער צו מעבעלען:

— קומט אַריין... וואָס שטייט איר אין דרויסן? ס'וועט אונדז זיין פֿון גרויס כבוד!

פֿרעדזשעס אויגן האָבן איצט געקוקט אויף מעבעלען מיט אַ פֿרייער מילדקייט און צופֿרידנקייט, אַזוי ווי איר בליק וואָלט אים איצט חבריש אַרומגענומען און בעטנדיק געגלעט. ער האָט זיך אַ וואַקל געטון און שוין געוואָלט אַריינגיין. פּלוצים האָט ער דאָס געזעענע נאָכאַמאָל דערזען: זי האָט אַרויסגערעדט צו מעבעלען און הינטערווייַלעכץ זיך שטאַרקער איינ־געטוליעט אין יאָסלען. מעבעלען איז אויפֿאַמאָל אויפֿגעשוווּמען דאָס בילד פֿון קינד. אַ זלידנע מחשבה האָט זיך ראַפּטום אַ הענג געטון אין זיין מוח און פֿאַרשטעלט אַלץ אַרום:

— יאָ, זיי... זיי! אַזוי קומט עס פֿאַר אין אָנהויב... און דערנאָך וועט זי... יאָ, זי!!! אויך זי וועט... מוזן...

אַ שווידער האָט מעבעלען אַ וואָרף געטון און ער האָט זיך געלאָזט לויפֿן ווייטער, ווייטער, אָן אַ וואָרט זיי צו זאָגן...

מיט זיין טאָפּלטן חוש, מיט וועלכן ער האָט שטענדיק אויפֿגע־באַפּט די רעשטלעך, וואָס די געווענלעכע חושים זיינע קענען מער נישט

אויפנעמען — האָט מעבעלע במעט געהערט קלאָר, ווי זי וואונדערט זיך מיט דערשראָקן־בלייבע ליפּן:

— משוגע געוואָרן? אָדער אפשר איז ער גאָר... אייפּערזיכטיק?

אָבער מעבעלע איז געלאָפן ווייטער, נאָך ווייטער... אבי זיי מער נישט אָנצוקוקן.

## קאַפּיטל ניין און צוואַנציק

### I

דאָס ביסל געלט, וואָס דער הילפס־קאָמיטעט פון לאַגער האָט צו־זאַמענגעמאַכט מיטן ערשטן קאָנצערט, איז שנעל צעפלאָסן. די קרענק פון סטאַראָבינסקין און שאַפּיראָן האָט עס שנעל פאַרצערט. האָבן זיך די פּאָר קאָמיטעטניקעס ווידער צוזאַמענגענומען און ווייטער געטראַכט פּלע־נער, וואָס צו טון. איצט האָט מען שוין צוגעצויגן צו דער אַרבעט אויך רעדלמאַנען און נאָך עטלעכע פון די רייכערע. אויך הענעך גלאָז איז צו־געצויגן געוואָרן צום קאָמיטעט. ער איז אויפּאַמאָל געוואָרן לעבעדיקער, רירעוודיקער... די לייכטע אַרבעט און דאָס עסן מער־ווייניקער צו דער זעט האָט צוריק אָנגעיאָגט אַ פאַרב אויף זיין פּנים און ער האָט גענומען שפּרייזן מיט פעסטע, געמאָסטענע טריט.

אין באַראַק האָט מען זיך געשושקעט, אַז הענעכן איז געלונגען, מיט מענדל רובינס הילף, זיך צו שטעלן אין קאָנטאַקט מיטן דרויסן... איינ־מאָל זאָל אפילו האָבן צוגעקומען אַ פּאָליאַק צו די דראָטן און אַ פרעג געטון, אויב דאָ איז פאַראַן אַזאַ איינער וואָס רופט זיך ה ע נ אָ ך... העינאָך גלאָז און זיינס אַ קאָביעטקע, פּרעדזשאַ... אינדרויסן זאָלן זיך גאָר געפינען אַ סך בונדיסטן, וואָס לעבן מיט גויאישע פּאַפּירן... אַזוי ווי הענעך איז געווען זייערס אַ פירער — זוכן זיי אים...

דער פּאָליאַק, וואָס האָט זיך געפרעגט אויף אים, איז טאַקע באַלד אַוועק, נאָר עס איז קלאָר, אַז זיי ווייסן שוין פון אים און מען וועט אים

נישט לאָזן פאַלן... צוליב אָט די קלאַנגען האָט העניעך אָנגעהויבן באַקו־מען מער אָנזען אין באַראַק, ווי בכלל אין לאַגער. ער אַליין האָט זיך פּלו־צים גענומען קליידן בעסער, קויפן זיך עסן און ארומגעגאַנגען אַ פּאַר־שלאָסן־צופרידענער מיט זיך... ער האָט ווייניק גערעדט. דאָך האָבן זיך אַלע גענומען צו אים בעסער צוהערן: ווער ווייסט? אפשר האָט אַזעלכער גאָר צו טון מיט געהיימע פּאַרטיזאַנער? און ווען די צייט וועט קומען, וועלן זיי קומען אים באַפרייען און דערביי אַרויסנעמען אַלע, וועלכע ער וועט אָנווייזן...

דערביי האָט מען אויך באַמערקט, ווי עס הייבן אָן אַריינצוקומען צו העניעכן אַלערליי חשובע לייט פון לאַגער און נעמען זיך סודען מיט אים...

עס האָבן זיך אָנגעהויבן אַריינווייזן צו אים דעם וויצע-קאָמאַנדאַנט פון דער פּאָליציי, פעלדמאַן און דער לאַגער־דאָקטאָר וואַסערשטיין. זיי האָבן זיך מיט אים אָפּגעשושקעט אַ ווײַלע אין אַ ווינקל, אַוועק און דער־נאָך ווידער צוריקגעקומען. עס האָבן זיך גענומען באַווייזן אויך אַנדערע חשובע לאַגער־פּנימער און העניעך האָט אַלעמען אויסגעהערט מיט גע־מאָסטענעם ערנסט. קיינער האָט נישט געוווסט, וואָס עס ווערט דאָרט געשמועסט. מען האָט נאָר באַמערקט, אַז ער איז פּלוצים אָנגעזען גע־וואָרן און מען רעכנט זיך מיט אים.

עס האָבן זיך אָנגעהויבן אַריינווייזן צו אים דער וויצע־קאָמאַנדאַנט און קוקן מיט גלייבע אויגן. אויך ער איז אַריינגעצויגן געוואָרן אין דעם קאָמיטעט אַריין און אין די פּאַרנאָכטן איז ער ערגעצווו פאַרפאַלן גע־וואָרן. פעלדמאַן האָט אים אפילו אַרויסגענומען אין אַ בעסערן באַראַק, נעבן דער פּאָליציי און העניעך האָט אָנגעהויבן ווערן אַ פיגור. די קליינע בלוממשע, פעלדמאַנס קוזינע, האָט אים גענומען צוזען, היטן אים; און ס'איז קענטיק געווען אַז ער הייבט אָן ביסלעכווייז פאַרגעסן אין עפּעס שרעקלעכס, וואָס ער האָט דאָ איבערגעלעבט. אין די לעצטע צייטן האָט זיך פּרעדזשע גענומען דרייען אַרום זיין באַראַק. זי איז אַפילו אייניקע מאָל אַריינגעגאַנגען אין דער פינצטערער וועשעריי ביינאַכט, ווו די קאָ־מיטעטניקעס האָבן געהאַט זייערע זיצונגען... ס'איז אָבער גענוג געווען

הענעך זאָל אויף איר איין קוק געבן, אַז אָפּענעם קוק אזא, פול מיט טרי-אומף און ביטערקייט, אַז זי זאָל ארויסלויפן אַ צעטומלטע און לאָזן איר ארויפגעצויגן־פריילעך שמייכעלע אויף דער שוועל...

הענעכס סוד איז מעבעלע דערגאַנגען אביסל שפּעטער. געשען איז עס צופעליק. אין איינעם אַ פאַרנאַכט האָבן אים אויפגעזוכט עטלעכע מענטשן פון קאָמיטעט און אים אָפּגערופן אין אַ זייט. צווישן זיי איז געווען וואַרטמאַן, דער דאָקטאָר וואַסערשטיין און רובין. באַלד איז אויך צוגעקומען אינזשיניער קורץ. זיי האָבן פון אים געוואָלט אַ פּשוטע זאַך: ער זאָל זיי געבן טעקסטן פאַר אַ נייעם אָוונט, וואָס זיי גרייטן צו. מע־בעלע האָט זיך צוליב עפּעס געוואַקלט און אַלע האָבן אים גענומעז צו־רעדן דערצו. נאָר איין קורץ האָט זיך נישט געקענט איינהאַלטן. עס איז אים געווען דערווידער, וואָס אַלע שטייען און בעטן זיך ביים יינגל און יענער גרויסט זיך נאָך... קורץ האָט דערפאַר אַ שטאַרקן כריפּ געטון, ווי שטענדיק איידער ער גייט זאָגן עפּעס צווייִדייטיקס און שאַרפס. דערנאָך האָט ער אויסגעשאָסן מיט זיין ירגזון:

— הערט אויס, יונגערמאַן! מיינט נישט אַז די וועלט שטייט אויף אייך! אייגנטלעך דאַרפן מיר אייך נישט האָבן מיט אייערע קאָנצערטן... מיר ווילן עס נאָר מאַכן, בכדי קיינער זאָל נישט וויסן, אַז מיר דאַרפן עס נישט... איר האָט עס פאַרשטאַנען, אָדער מען דאַרף אייך לייגן אַ פינ־גער אין מויל אריין?

מעבעלע האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָ גייט עפּעס אַ סוד, צוליב וועלכן מען דאַרף ווידער אַ קאָנצערט און ער האָט מסכים געווען. שפּעטער איז צו אים געקומען וואַרטמאַן און אים אָוועקגערופן:

— מיר האָבן היינט געלט... גרעסערע סומעס... נאָר קיינער טאָר נישט וויסן פון וואַנעט זיי קומען... דערפאַר מוז דער קאָנצערט דעקן אונדזער טעטיקייט...

ער האָט דערביי ארויסגענומען אַ קליין פּעקעלע און עס אריינגע־רוקט מעבעלען:

— היט עס גוט... דאָ זענען 250 זלאָטעס... אַז איר וועט דאַרפן, וועט איר ווידער באַקומען...

מעכעלע האָט גענומען שטאַמלען, פרעגן... נאָר וואָרטמאַן איז שוין געווען ווייט אוועק און מעכעלע האָט דעם אוצר פאַרשטופּט צווישן די שמאַטעס און אַליין נישט געוווּסט, וואָס צו טון פון איבערראַשונג. דאָס איז געווען אַ סומע, פאַר וועלכער מען האָט געקענט באַקומען 35 קילאָ ברויט! ווי קען דאָס זיין? מעכעלע האָט דערנאָך באַמערקט ווי וואָרט־מאַן, מיט נאָך עטלעכע קאָמיטעטניקעס שלייכן זיך איבער די באַראַקן און רופן אוועק אַלעמאָל אַ צווייטן... דערנאָך גייען יענע אוועק מיט שיי־נענדיקע פּנימער...

מעכעלע האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָ איז פאַראַן עפּעס אַ קאָנטאַקט מיט אַ וויַיטן דרויסן, פון וועלכן עס שטאַמען די געלט-פּעקעלעך... ער האָט עס אָבער זיך נישט געקענט צוגלייבן: קען עס מעגלעך זיין? וועט ער טאַקע קענען קויפן אַלע טאָג שטיקער ברויט? וועלן עס קענען טון אַ סך פון די הונגעריקע אין לאַגער? אומגלויבלעך! נאָר דאָס פּעקעלע פּאַ־פּיר, אונטער זיין נאַקעטן אָרעם באַשטעטיקט עס... ער האָט אפילו באַ־קומען אַן אָנזאָג, נישט צו קויפן קיין ברויט, ווען אַלע זעען און נישט עסן פאַר אַלעמען אין די אויגן. נאָר דערביי האָט מען אים אויסגע־פרעגט, ווע מען מען קען, לויט זיין מיינונג אָנגעטרויען אַ סוד און אים געבן שטיצע... זעט אויס, אַז דאָ וועבט זיך עפּעס אויס אַ נס פאַרן ווערק צע; נאָר ער קען נישט וויסן ווי אַזוי ער ווערט געמאַכט. דערפאַר אָבער האָט ער אים געזען אויף צומאָרגנס אַרויסגלאַנצן צופרידן פון אַ סך אויגן אַרויס...

עס איז אים אויפאַמאָל קלאָר געוואָרן, אַז ערגעצווו זאָרגן נאָך מענטשן פאַר דעם ווערק צע... אפשר טראַכטן זיי אויך וועגן פּולשטענ־דיק ראַטעווען? אַז מען זעט נאָר אַ זאַך פון דער געהיימער זייט, קען מען שוין פון אַלץ איבערקלערן... און מעכעלען איז אויפאַמאָל קלאָר גע־וואָרן, אַז הענעך האָט דאָ אַ האַנט דערין. איז דען אַ ווונדער פאַרוואָס ער דרייט זיך לעצטנס אַרום אַ רואיקער, אַ זיכערער? מעכעלע האָט זיך עס איינמאָל אפילו נישט געקענט צוגלייבן: הענעך איז נעבן אים פאַר־בייגעגאַנגען און זיך אונטערגעפייפט אַ פריילעכע מעלאָדיע... איז עס דער זעלבער, איינגעקנוידעטער סקעלעט, וואָס איז מיט אַ פּאָר וואָכן

פריער געלעגן און דעם גאנצן באראק אדורכגעשפּיזט מיט זיין בעסדיקן טרויער?

II

דער לאגער קען נישט לאנג איינזינקען אין זיין טויטער רו. עס מוז אלעמאל עפּעס טרעפן, וואס זאל צוריק אויפרודערן די מענטשן און אריינברענגען אין א משוגעת... האט געטראפן: מעכעלע איז געזעסן אין א פארוואָרפן ווינקל פון א באראק און געשריבן. ער האט זיך געהיטן פאר פרעמדע אויגן און דערפאר איז ער פארקראכן אין א פרויען־באראק, וווּ קיינער איז אין די נאכמיטאג־שעהען נישט געווען.

נישט וויסנדיק אויף גענוי, אויב ער הערט, אדער עס דוכט זיך אים, האט ער אנגעשטרענגט דאס אויער. א ווינטל האט א בלאז געטון דורך א צעבראכענער שויב און אראפּגעשמיסן די אנגעשריבענע בלעט־לעך. מעכעלע האט עס שוין אבער נישט באמערקט. פון דעם פרויען באראק אנטקעגנאיבער האט זיך געטראגן א דין, שפּיציק געוויין...

פון א קינד? מעכעלע מיינט אז ער חלומט. ווי אזוי קומט א קליין קינד זאל וויינען אין ווערק צע? איז עס מעגלעך? נאר דאס קולעכל פון קעגנאיבער ווערט אלץ שארפער און קלארער: א קינד וויינט!...

מעכעלע האט זיך א ריס געטון פון ארט און ארויסגעלאפן. ארום איז געווען שטיל, איינגעשלאפן... ווען מעכעלע איז שוין געשטאנען אין קארידארל פון יענעם באראק, האט זיך דאס קינדישע געוויין געריסן צו דער טיר. נאר פון א ווינקל האט ווער אנגעכאפּט מעכעלען ביי דער האנט:

— וואס זוכסטו דא?

מעכעלע האט דערקענט אין ווינקל פון קארידאר איינעם פון דער פאבריקס־פּאליציי. יענער האט אים אפּגעמאסטן מיט א שווערן בליק. וואס איז געפאלן איבער מעכעלעס פנים ווי א בייטש און אים צעטומלט: וואס שטייט דא א פּאליציאנט פארשארט אין ווינקל? און ווער איז דאס קינד, וואס וויינט און מען לאזט נישט צו דערצו? מעכעלע האט זיך גע־שפּירט פּלוצים אריינגעשלונגען אין א מאדנעם סוד, וואס איז פול מיט

שרעקלעכער אומהיימלעכקייט. ער האָט דערפאַר אָנגעהויבן צו זוכן ווער־טער אין מויל: אַ קינד... ווײנט... מען דאַרף זען...

נאָר יענער האָט אים בלויז שטיל אַ זאָג געטון מיט אַ דראָענדיקן טאָן:

— טראָג זיך אָפּ... און זאָל מען פון דיר קיין פּיפּס נישט הערן מער... נישט איצט און נישט שפּעטער... מעגסט עס דיר נעמען אין זינען...

מעכעלע איז צוריקגעלאָפן אין פריערדיקן באַראַק אַרײַן, אָבער ער האָט מער נישט געקענט קלערן פון גאָרנישט. פון יענער זײַט איז דאָס געוויין שטילער געוואָרן. דערנאָך האָט זיך געהערט אַ פרוויאישער אויס־שריי און דאַן האָט זיך דאָס קינדישע געוויין נאָך שטאַרקער געריסן. ער האָט געשפּירט, מעכעלע, ווי דאָס בויערט זיך אים אײַן אין קאָפּ און צינדט אָן די געהירן: ווער איז דאָס וויינענדיקע קינד, וואָס ווערט באַ־וואַכט? און ווער איז די פרוי, וואָס האָט דאָרט אַזאַ דערשטיקטן גע־שריי געטון? איז עס די מוטער, אָדער ווער?

דורך אַ זײַט פון פענצטערל האָט מעכעלע געזען, ווי עס קומט אָנ־צולויפן די קאָמאַנדאַנטין מיט אַ בלאַס, דערצאָרנט פּנים. נאָך איר זענען געלאָפן עטלעכע פּאָליציאַנטן, וואָס זענען שטיין געבליבן אביסל ווײַ־טער און נישט געלאָזט פאַרבייגיין נענטער. פון דאָרט האָט זיך אַ טראָג געטון דער קאָמאַנדאַנטינס שרייען, וואָס האָט זיך באַלד אײַנגעשטילט. דערנאָך האָט זיך געהערט אַ ספּאַזמאַטיש־מיד קרעכצן...

פון דער טיר האָט מעכעלע געזען אַרויסלויפן אַ פּאָליציאַנט מיט אַ קליין פּעקעלע. נאָך אים איז אַרויס די קאָמאַנדאַנטין און נאָך עטלעכע פּאָליציי־לייט. זיי האָבן אַרומגערינגלט יענעם מיטן ווייס־געהילטן פּעק־קעלע און זיי האָבן זיך שנעל אַוועקגעלאָזט אַראָפּצו, צום ליידיקן באַראַק, נעבן שפּיטאָל...

אַ ווײַלע איז טויט־שטיל געוואָרן איבערן גאַנצן אַרום. דערנאָך האָט זיך פון דעם באַראַק אָקעגנאיבער גענומען טראָגן אַ פאַרדעכטיקער טומל. עס האָט אויסגעזען, אַזוי ווי עמעצער וויל דאָרט אָפּטון עפּעס שרעקלעכס און אַנדערע דערלאָזן נישט... דער געראַנגל דאָרט קומט אָבער

פאַר אַזוי שטיל, אַז קוים וואָס מען קען עפּעס אָפּשוימען פון דער לופט מיטן אויער...

עס איז שווער געווען פעסטצושטעלן, וואָס דאָרט קומט פאָר. מע־כעלע האָט געשווידערט מיטן גאַנצן גוף און דאָך מורא געהאַט אַרויסצו־גיין. אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ווי נאָר ער וועט אַרויסשטעלן אַ פוס, וועט ער אומוויסנדיק אַריינגעצויגן ווערן אין אַ שרעקלעכער פאַר־שווערונג. ער האָט זיך דערפאַר צוגעשאַרט צו דער צווייטער זייט באַראַק און אַרויסגעשפּרונגען דורכן צווייטן פענצטער, אין דער זייט פון די מע־נער-באַראַקן. דאָס האַרץ האָט אים אָבער געזעצט מיט שטאַרקע קלעפּ. ער האָט געפילט, אַז דאָס האָט ער זיך איצט באַטייליקט, באַהאַלטענער־הייט, אין אַ גרויס פאַרברעכן, וואָס דער העלער טאָג האָט נאָר וואָס שטילערהייט איינגעשלונגען אין זיך...

III

סודות בכלל קענען זיך זעלטן איינהאַלטן בלויז אין דעם אָרט, ווו זיי קומען אויף. בפרט אין וועלט צו. האָט נאָך מעכעלע יענעם אָוונט זיך דערוווסט פון דער גאַנצער געשעעניש. אין אָוונט איז צו אים אַריינ־געקומען מאַניעק און אים אַרויסגענומען אויף אַ שפּאַציר. זענען זיי גע־גאַנגען אַרום די דראָטן, אויסגעקראָכן דעם גאַנצן וואַלד און זיך דער־נענטערט צו דעם פּוסטן באַראַק, נישט ווייט פון שפּיטאָל-באַראַק. יעצן מעכעלע האָט געוואָלט גיין ווייטער, האָט אים יענער אַ פּעסטן צי געטון:

— קום צוריק... דאָ טאָר מען היינט נישט גיין... די קאָמאַנדאַנטין קען מיך באַשטראָפן...

מעכעלע האָט זיך דערמאָנט, אַז היינט בייטאָג האָט מען אַהין עפּעס אוועקגעטראָגן און עפּעס האָט אים געצויגן זיך צוצורוקן נענטער אַהין, גאָר נאָענט... עס האָט זיך אים אַפילו אויסגעוויזן אַז ער הערט אַ סינ־דיש־שוואַך יאָמערן אין דער ליידיקייט פון דעם אָנהויב־אָוונט... מאַ־ניעק האָט אים אַ פּעסטן צי געטון ביים אָרעם און אים שטיל אַ שעפּ־טשע געטון:

— גײ נישט!!! דאָרט ליגט אַ לעבעדיק קינד... אַלײן...

מעכעלען האָבן זיך די פיס אַ װאַקל געטון פון אַ פּלוצים־באַפאַלענער שרעק, נאָר מאַניעק האָט אים שױן אװעקגעצױגן װײטער און אים אװעקגעזעצט נעבן אַ בױם בײ די דראָטן. ער אַלײן האָט זיך אװעקגעזעצט נעבן מעכעלען און געװאַרט ביז ער האָט זיך בארואיקט. דערנאָך האָט ער אָנגעהױבן, נישט װאַרטנדיק ביז מעכעלע װעט אים פרעגן, צו דערצײלן די גאַנצע געשיכטע מיטן קינד...

ער האָט נאָר געגומען צומערשט פּאַרענטפערן עמעצן, געבן צו פאַרשטײן, אַז דאָ מוז עס אַזױ זײן... און נאָך אַזעלכע רײד, װאָס מעכעלע האָט אין צעטומלעניש נישט געקענט אױפכאַפּן. אַביסל װײטער איז געשטאַנען אַ פּאָליציאַנט, מיט אַ פינצטער פּנים און אַ גומענעם שטעקן, װעלכער האָט נישט אװעקגענומען קײן בליק פון דעם טונקל־געהילטן באַראַק.

די נאַכט איז אױפּאַמאָל אַראָפּגעפאַלן, װי עס װאָלט זי װער אַראָפּגעריסן פון ערגעץ. פון װײטנס האָט די פּאָליצײ הײנט געטריבן פריער אין די באַראַקן. עס האָט זיך דערטראָגן אַהער דער טומל פון לױפנדיקע. דערנאָך איז נאָך שטילער געװאָרן, װי פריער. עס האָט זיך נאָר געהערט אַ שטיל געװײן און מען האָט נישט געקענט אונטערשײדן, אױב דאָס רײסט זיך אַן עלנטע קאַץ אָדער עס איז טאַקע אַ קינדיש געװײן... דער פּאָליציאַנט, װאָס האָט װאַך געהאַלטן האָט זיך געכאַפּט אױף עפּעס און אַריבערגעשריגן צו מאַניעקן:

— מאַניעק, דו מאַכסט מיך אומגליקלעך... גײ אװעק װײטער...

האָבן זײ זיך װידער אױפגעשטעלט. מעכעלע האָט איצט פון גאָרנישט געקלערט, נאָר פון אײן זאַך: קײן קעצעלעך זענען דאָך אין לאַגער נישטאָ... טאָר װער יאָמערט עס דאָרט אַזױ? זאָל עס נאָך אַלץ זײן דאָס זעלבע סודותדיקע קינד?

נאָר װען זײ האָבן זיך װידער אװעקגעזעצט בײ אַ באַנק נעבן אַ באַראַק, האָט ער נאָר געהאַט אײן אומגעדולדיקע ביטע צו מאַניעקן:

— דערצײל!...

IV

...אין דער גרויסער יידישער שטאָט איז די איידעלע, ווייס־הויטיקע אירענאַ געווען אַ קינד פון אַ רייך, אַריסטאָקראַטיש הויז. אַלס אַכצן־יאָריקע סטודענטין, האָט זי נאָר געוווסט זיך צו פאַרפלעכטן יעדן טאָג די לאַנגע, גאָלדענע צעפּ און מאַכן די לעקציעס. אין אָוונט האָבן זיך אַרום איר געדרייט אַ סך בחורים, געקוקט אויף איר ריינעם, לויטערן שמייכל און געזוכט צו כאַפּן אַ גלעט פון אירע גרויסע, ליכטיקע אויגן. עפּעס האָט אַלץ אַראָפּגעלויכטן פון דעם מיידל מיטן ווייסן פּנים, אַז עס האָט פאַרכאַפּט דעם אָטעם. זי איז אַזוי ווי באַשאַפן געוואָרן צו שטיין ערגעץ אויף אַן אויסשטעלונג, ווו מענטשן דאַרפן קומען באַוואונדערן די סאַמע העלקייט אַליין, וואָס קען זיך אַריינוואַסקן אין איין מיידל אַריין. די עלטערן אירע האָבן אָבער געוואָלט פון אירענאַן מאַכן אַ דאָקטאָרין. איז זי געגאַנגען אין שול, געלערנט און געחלומט, זעענדיק די וועלט נאָר מיט אירע קלאָרע קרישטאָלענע אויגן.

זי איז געווען מער ווי שיין, אירענאַ.

דאָס פּנים האָט געהאַט אויף זיך יענעם דינעם, אומבאַמערקטן וואַל, וואָס באַצירט נאָר הייליק־ריינע קינדער. און עס האָט אויסגעזען, אַז אירענאַ וועט שוין זיין אויף אייביק אַזאַ ציכטיק־פאַרחלומט קינד... זי וועט זיך אַזוי אָפּשפּילן אַ גאַנץ לעבן מיט די זיידענע מלאכימלעך, וואָס די פאַנטאַזיע וועט פאַר איר אויסוועבן מיט דער פולער גאַב... זי וועט אַפילו נישט זען די פאַרגאַפּט־אויפגעריסענע מענער־אויגן, וואָס וועלן מיט יעדן יאָר אַלס שאַרפער און שאַרפער זיך וואַרפן אויף איר. זי וועט נאָר שפּרייזן מיט אירע לופטיקע טריט איבער די גאַסן און אויף יעדן שטיקל, ווו זי וועט אַ טרעט טון, וועט בלייבן אַ שטילער, צניעות־דיקער צייכן, וואָס וועט היטן דאָס אָרט מיט אַ זויבער־אַרומגעצוימטן גאַרטל...

האָט אָבער די צייט אַנדערש געוואָלט: ג ע ט אָ ! און אירענאַ איז געבליבן אַליין. זי האָט גאָרנישט געטון, נישט געוווסט ווי אַזוי מען טוט עפּעס, בכדי זיך צו ראַטעווען. די אַלע געשעענישן זענען פאַר איר

אויסגעקומען אזוי אומוואָר, אזוי אומגלויבלעך, אַז יעדע מינוט האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז דאָס וועט אַוועקפליען און עס וועט ווידער בלייבן ווי געווען: עלטערן, שטוב... די זעלבע רואיקע וועלט ווי אַמאָל און די זעלבע שול־ביכער און לערער, ווי פריער...

אַנדערע העגט האָבן שוין פאַר איר אַלצדינג געטון. זיי האָבן זי צו־געשטעלט צו אַ ריי, אַריינגעשפּאַרט אין אַ וואַגאָן און אַוועקגעפירט. דערנאָך זענען ווידער געקומען גראָבע, שרייענדיקע הענט און זי אַראָפּ־גענומען פון צוג, געפירט איבער אַ וואַלד און אַריינגעטריבן דורך אַ שטעכיקן טויער: וו ע ר ק צ ע !

נאָר אירענאַ איז געבליבן די זעלבע. איר פאַרגאַפטע פּנים מיט די גרויסע, ריינע אויגן האָבן ווייטער געקוקט אין איר גאַנץ־געבליבענעם חלום אַריין... אַ שווייגנדיקע, מיט שטילע טריט, האָט זי זיך געלאָזט פירן אין דער גרויסער האַלע פונעם אינזשיניער שמיץ און דערנאָך האָט זי זיך געלאָזט שלעפּן מיט דער אויסגעשטעלטער ריי, צוריק אין די באַראַקן...

נאָר איינס האָט זי געשפּירט, אירענאַ: דעם הונגער. דערביי זענען אַלע דאָ שרייענדיקע, שטויסנדיקע... די מיידלעך טומלען, שמייכלען צו די דיקע, אויסגעפּאַשעטע פּאָליציי־מענער און דערנאָך קייען זיי מיט פאַרגעניגן גרויסע שטיקער ברויט אין דער האַלע און איבערן גאַנצן וועג צום לאַגער...

פון וואַנעט זאָל זי עס קענען, אירענאַ? און דאָ דאַרף מען זיך אַרויסרוקן, דרייסט זיין... ווען ניש — הערט מען פון קיינעם נישט קיין מענטשלעך וואָרט, ווערט מען נישט באַמערקט...

לאַנג אַזוי האָט זי נישט געקענט, דאָס שטענדיק־געצערטלטע, אָפּ־געהיטענע מיידל. זי האָט ערשט רעכט נישט געקענט, ווען נאָך עטלעכע וואָכן הונגער איז זי בלאַס געוואָרן און די פיס האָבן זיך גענומען ברעכן אונטער איר... און דאָ קוקן אַלע אויגן אַזוי פרעמד, טרוקן און בייז... דערפאַר איז אויך פאַר איר געווען אַ גליק, ווען צו איר איז איינמאָל צו־געקומען אַ פּאָליציאַנט, שליאַמקע, און זי געפרעגט מיט אַ גערירט קול, פאַרוואָס זי איז שטענדיק אַזוי טרויעריק... הע, פאַרוואָס זאָל זי נישט זיין טרויעריק?

...ער איז אַ פּשוטער יונג, פון אַ קליין שטעטל, שליאַמקע. קיין גרויסער אינטעליגענט איז ער נישט. זיין פּנים איז גראָב און די הענט טראָגן אויף זיך אַזעלכע קלאָציקע פינגער. דערפאַר אָבער איז ביי אים די שטימע אַ ווייכע, אַ וואַרעמע... אַז ער רעדט, קוקן זיינע אויגן אַזוי פייכט און מיט געבעט... זיי קוקן אָפּן און באַהאַלטן גאָרנישט אויס. דערביי איז ער אַזאַ שטאַרקער! ווי נידעריקער ער זאָל נישט זיין פון איר, אָטעמען אָבער זיינע פּלייצעס מיט גבורה. עס דוכט זיך, אַז אויף דער וועלט איז נישטאָ אַזאַ זאַך, פאַר וועלכער ער זאָל זי נישט קענען שיצן... האָט ער גערעדט און זי האָט אויסגעהערט. זיינע רייד זענען געווען אַזוי גלייך און פּשוט, אַז זיי האָבן געמוזט זיין ערלעך. אַנדערש, זעט אויס, קען ער איבערהויפּט נישט רעדן!

און ער האָט עס איר געזאָגט קלאָר:

— ער ווייסט, אַז זי איז אַן אַנדערע ווי ער... זי פאַרשטייט זיכער אַ סך זאַכן, פון וועלכע ער האָט נישט קיין אַנונג. אין אַנדערע צייטן וואָלט זיי קיינמאָל אפילו נישט אויסגעקומען צו רעדן אַ וואָרט... נאָר דאָ איז אַנדערש. דאָ איז ער אַ פּאָליציאַנט, וואָס היט די דראָטן. קיין שלעכטס טוט ער קיינעם נישט. און זי וועט ער היטן! קיין שטויבעלע וועט ער אויף איר נישט לאָזן פאַלן... אויב זי וויל עפּעס, דאַרף זי נאָר אים זאָגן, ווייטער גאָרנישט. דערנאָך — ווי זי וועט וועלן... אָט וואָס ער וויל איר זאָגן!

אַז ער האָט איר געגעבן ברויט, האָט זי גענומען. דערנאָך, אַז ער האָט איר פאָרגעלייגט צו קאָכן פאַרנאַכט פאַר ביידע, האָט זי עס געטון... און אַז ער האָט זי גערופן צו גיין — איז זי געגאַנגען... זי איז איבערהויפּט געוואָרן אַזוי צוגעבונדן צום פּראָסטן, גוטן שליאַמקע, אַז זי האָט גאָרנישט געקענט דערנאָך באַגרייפן, ווי אַזוי זי וואָלט דאָ איין טאָג געקענט לעבן אָן אים... ווי אַזוי זי האָט עס געקענט פריער... אַז ער איז געווען דער איינציקער, וואָס איז אַרום איר אַרומגעגאַנגען, געהיטן זי, גערופן מיט די צערטלעכסטע ווערטער... און זי איז דאָך נאָך ווייטער דאָס זעלבע קינד, וואָס דאַרף האָבן אַ פאַרזאָרגער, אַ היטער...

זענען זיי ביידע צוגעבונדן געוואָרן צו זיך. ער — ליבנדיק, דרך־

ארצדיק... און זי — ווי אַ גרויס, בלאָנד קינד וואָס האָט דאָ צוריק גע־פונען אין ווערמען אָנצושפּאַרן טוליענדיק דעם קאָפּ, ווען די נאַכט איז אַ בייזע און אין דרויסן שטורעמט.

עס האָט אַפילו געטראָפן, אַז דער איינפּאַכער שליאָמקע פלעגט איר אַ זאָג טון:

— איך ווייס... איצט האָסטו מיך ליב... נאָר ווען דו זאָלסט איצט מיט מיר באַפרייט ווערן — וואָלסטו מיך נישט געקענט מער... דו וואָלסט צוריק צו דיינע אינטעליגענטן און זיך אַפילו געשעמט אויף מיר אַ קוק צו טון... נאָר — איך וועל דיר עס נישט פאַרוואַרפן... ס'איז דיין רעכט און איך פאַרשטיי עס. טאַקע אַזוי? ווי קום איך דערצו? נאָר איצט איז מיר גוט... גוט!

אירענאַ פלעגט אים ביי אַזעלכע רייד צוהאַלטן דאָס מויל מיט אירע לאַנגע, ווייסע פינגער:

— ניין! ניין!!! רעד נישט...

אָבער שליאָמקען האָט עפּעס געדריקט אויפן האַרץ אַ מורא און ער האָט זי געוואָלט מילדער מאַכן. מיטן שלום־מאַכן באַצייטנס מיט איר:

— דו הערסט? איך בינד דיך מיט גאָרנישט... מיט גאָרנישט! אויב מיר וועלן פריי ווערן — איז ווי דו וועסט וועלן... זאָלסט גאָרנישט מיך נעמען אין אַכט! אַזוי זאָג איך דיר...

נאָר אירענאַ האָט אים אָנגעכאַפּט ביי די הענט און אָנגעשטעלט אויף אים אירע קינדעריש־צעשראָקענע אויגן, גלייך ווי אָט, שוין איצט נעמט ער און גייט אַוועק פון איר. זי האָט אַזש געגומען ציטערן:

— דו וועסט נישט אַוועקגיין!!! ניין, איך וועל דיך קיינמאָל נישט לאָזן!

האָט זיך שליאָמקע צעלאַכט: נאַרעלע... און זיך נענטער צוגעטו־ליעט צו איר. איז זי אויך רואיקער געוואָרן און שטיל אים געגלעט אי־בער די פּעכיק־געקרייזלטע האָר...

און אַזוי זענען אַוועק חדשים.

מרדכי שטריגלער

# קאַפּיטל דרייסיק

## I

ווי אַזוי עס איז געקומען צו אירענען האָט קיינער קלאָר נישט גע־וווּסט. נאָר זי האָט עס גאָר שפּעט דערזען: זי שוואַנגערט... נאָר שליאָמ־קע האָט זי באַשיצט, געהיטן, אַז קיינער זאָל עס נישט באַמערקן... אָבער אין איינעם האָט זיך אירענע איינגעקשנט: זי וועט גאָרנישט טון! אַז עס וועט קומען — זאָל עס! עס מעג דערנאָך געשען, וואָס עס וויל... ערשט דאַן האָט שליאָמקע דערזען, אַז זי איז נישט קיין קינד און זי האָט אים איינגאַנצן באַהערשט מיט איר ווילן. איז ער אַרומגעגאַנגען אַ דערשלאָגענער, אַ שרעקעוודיקער: וואָס וועט זיין, אַז ער וועט זי דערביי פאַרלירן!? ווי וועט ער דערנאָך קענען לעבן? און ער האָט עס טאַקע אויך געוווּסט אויף קלאָר: ניין, ער וועט עס טאַקע נישט קענען! אַ סוף און אַן עק! אויס שליאָמקע...

געשען איז אָבער אַנדערש. זי האָט דאָס קינד אַרויסגעגעבן פון זיך גאָר שטיל, מיט פאַרביסענע ליפּן, געהיטן זיך אַ קרעכץ צו טון... קיינער איז דאַן אין באַראַק נישט געווען. די מיידלעך זענען אַוועק צו דער אַר־בעט און די געציילטע, וואָס זענען געבליבן, האָט די פּאָליציי אַרויסגע־טריבן שווין עטלעכע פרימאָרגנס פון באַראַק. און באַלד פרימאָרגנס איז דאָס קינד אַרויסגעפאַלן, שטיל — ווי עס וואָלט אַליין איבערראַשט גע־וואָרן דערפון, וואָס עס איז דאָ געבוירן געוואָרן... ערשט שפּעטער האָט עס אָנגעהויבן שרייען און אירענאַ האָט געקענט פעסטשטעלן, אַז דאָס קינד לעבט...

צומערשט איז זי פאַרכאַפּט געוואָרן פון אַ ווילדער, פאַרגעסנדיקער פרייד. עס איז נאָר ביי איר געווען איין געפיל: דאָס גליק פון אַ מוטער, וואָס זעט איר ערשטע פרוכט אין אַ לעבעדיק הייטעלע... זאָל עס זיין, ווו עס וויל נאָר! זי האָט עס געלעקט, געריסן זיך, געשריגן... מען האָט זי קוים געקענט איינגעמען... ערשט דערנאָך האָט ווער אַריינגעשליי־דערט די גרויסע זאָרג אין מיטן באַראַק: וואָס טוט מען דערמיט? אָבער

אירענא איז שוין געווען ווי משוגע פון גליקלעכער שרעק. זי האָט זיך אוועקגעשטעלט, מיט אַרויסגעשטעקטע נעגל און אַרויסגעקראָכענע אויגן און זי האָט אַפילו נישט באַגריפן, וואָס די פּאָר סוד־מענטשן ווילן פון איר... זי האָט זיך געקלאַמערט נעבן בעט, וווּ דאָס קינד איז געלעגן און געשריגן מיט שוואַכע קולות, אַז זי וועט נישט געבן דאָס קינד... נישט געבן!

שליאָמקע איז דערביי געשטאַנען אַ בלייכער, מיט אַ פאַרקרימט מויל און געריסן זיך די האָר פון צער... ערשט ווען זי איז מיד געוואָרן, האָט זי אויף אַ מינוט באַגריפן די סיטואַציע. פון דער דערקענטעניש האָט זי פאַרלוירן דאָס לשון און אָנמעכטיק אוועקגעפאַלן אין חלשות. די קאָ־מאַנדאַנטין האָט אַ ווונק געגעבן צו איינעם פון די אַרומשטייענדיקע פּאָליציאַנטן און ער האָט אַ כאַפּ געטון דאָס קינד — — —

ס׳האָט זיך נישט געפונען קיינער, וואָס זאָל וועלן טון מיטן קינד דאָס, וואָס די סיטואַציע האָט פאַרלאַנגט... די וואָס האָבן עס געזען, האָבן עס שפּעטער אַ לאַנגע צייט נישט געקענט פאַרגעסן. אַזאַ געזונט און פריש מלאכל ווערט זעלטן ווען געבוירן... אַפילו די קאָמאַנדאַנטין האָט זיך נישט געקענט איינהאַלטן און זיך פייכט צעשמייכלט צום ניי־געבוי־רענעם און דערנאָך עס געגלעט מיט אַ פינגער איבער די ליפּעלעך...

זי האָט עס אַפילו געוואָלט אַריינלייגן אין שפּיטאָל צווישן די קראַנ־קע און זאָל עס דאָרט ליגן! אפשר קען מען עס גאָר דאָרט כאָווען, ביז עס וועט קיין עצה נישט זיין... געזיגט האָט אָבער די שרעק פאַר די דייטשן: זיי קענען זיך דערפון דערוויסן — און שפּעטער...

נאָך אומבריענגען עס מיט די הענט האָט זי נישט געקענט באַפעלן. זי האָט דערפאַר באַשלאָסן, מען זאָל עס אַריינלייגן אין אַ ליידיקן באַ־ראַק, וואָס איז רעזערווירט געווען פאַר די נייע מענטשן, וואָס דאַרפן קומען... אויב עס וועט דאָרט אויסגיין — איז עס הימל־זאַך און קיי־נער האָט דערצו קיין פינגער נישט צוגעלייגט:

— זאָל גאָט אויך אַמאָל האָבן די פאַראַנטוואָרטלעכקייט!

אַזוי האָט זי צוגעגעבן מיט אַן אויפגערעגטן שמייכל...

דאָך האָט זי אַוועקגעשטעלט אַ וואַך ביי יענעם באַראַק, קיינער זאָל

נישט קענען צוקומען אַהין... און ווער עס ווייסט נישט דערפון, זאָל ווײ־
טער נישט וויסן... דערביי האָט שליאָמקע געמוזט גיין, ווי יעדע נאכט
צו די דראָטן, שטיין אויף זיין פּאָסטן... און געווען איז עס א צוויי צענד־
ליק מעטער פון יענעם באַראַק — — —

ווען מאָניעק האָט געענדיקט דערציילן, האָט מעכעלע, אַן אויפגע־
רודערטער זיך ווידער אומגעקוקט. דאָרט ביי די דראָטן איז דער פעסטער
שליאָמקע איצט אַרומגעלאָפן אַן איינגעקורטשעטער הין־און־צוריק ביי
די דראָטן... עס האָט אויסגעזען, אַז אָט־אָט וועט ער צופאַלן צו עמעצן,
צו אַלעמען און הרגענען, ממיתן... אַ פּחד איז אָנגעפאַלן אויף מעכעלען
צוזאַמען מיט אַ מיאוסקייט צו זיך און צו אַלעמען דאָ... ער האָט זיך
אויפגעשטעלט און אָן אַ וואָרט האָט ער זיך געלאָזט לויפן צו זיין באַראַק.
מאָניעק האָט אים שטום און פאַרשעמט נאָכגעשפּרייזט. בלויז ווען זיי
זענען פאַרביי איינעם פון די פרויען־באַראַקן, האָט מאָניעק דערשראָקן אַ
געשריי געטון:

— אוי — וויי! איך האָב איצט געזען שטיין ביים טונקעלן פענצ־
טער אירענען! זי איז געשטאַנען נאַקעט, אין אַ בלויזן העמד, אַרויסגע־
בויגן און ערגעצוו געקוקט, געקוקט — — —

מעכעלע האָט נאָך האַסטיקער זיך געלאָזט לויפן און איבערגעלאָזט
מאָניעקן הינטער זיך... ערשט ווען ער איז אַריינגעפאַלן ביז צו זיין בעטל,
האָט ער געשפּירט ווי זיין גאַנצער קערפּער ברענט און ווערט דערביי גע־
פרוירן פון קעלט.

## II

וואָס אין יענער נאַכט האָט זיך אָפּגעטון אויף דער טונקעלער שוים
פון ווערק צע, וועט שוין בלייבן אַ סוד צווישן גאָט און עטלעכע עדות
זיינע. נאָר מעכעלע האָט אין זיין פיבער־נאַכט געזען אַ סך זאַכן. איינ־
שלאָפן האָט ער נישט געקענט, איז ער אַראָפּגעקראָכן און צוגעלייגט זיין
הייסן שטערן צו דער פאַרבלויטער שויב. ער האָט געוואָלט אַדורכבויערן
די באַראַקן, וואָס שטייען אים אַנטקעגן, מיט די צעשטאָכענע אויגן און

אַלץ דערזען. ער האָט עס אָבער נישט באַדאַרפט. דער פיבער זיינער האָט אים די בילדער געבערענגט ביז צום אויג. האָט ער געזען:

— אַ פרוי מיט צעפלאָקערט־רויטע האָר פּראַלט דאָרט אויף אַ פענצטער אין אַ ווייטערדיקן באַראַק. זי שטייט אַ האַלב־נאַקעטע ביים פענצטער, אַרויסגעבויגן און וויל מיט די אויגן עפּעס אָנפרעגן ביי דער נאַכט. אַלץ אַרום וויגט זיך אין דער וואַקלדיק־טינטיקער פינצטערניש... דערנאָך טוט זיך אויך די פרוי אַ וואַקל, ציט זיך אויס, ווערט לענגער, לענגער... באַלד ציטערט אויף די בלייבקייט פון איר העמד אויפן זוים פון צעעפנטן פענצטער... פון דער טונקלקייט רופט אַ דינע, וויינענדיקע שטים — וואָס הייבט זיך אָן ווי אַ קינדישע און ענדיקט מיט אַ זקנדיקן, אָפּגעלעבטן קרעכץ... מעכעלע הערט אַפילו יעדעס וואָרט, וואָס דאָס קול פון דער נאַכט שליידערט איר צו, ברענט זיך אַריין אין איר נאַקעטקייט אַריין...

עמעצער רופט זי, שרייט אויף איר און בעט זיך, כאָטש די נאַכט איז שוואַרץ און מען זעט נישט קיינעם... די פרוי טרייסלט זיך, ציטערט — ביז זי פאַלט אַריין אין שוואַרצן מויל פון דער נאַכט...

דערנאָך זעט ווידער מעכעלע, ווי די פרוי שלייכט זיך אַרום יענעם באַראַק. דאָס קינדישע געוויין שטעכט, רייסט שטיקער פון דער שטילקייט. די פרוי גייט בלינד, מיט אַרויסגעשטרעקטע הענט צו יענעם קול. זי אַליין זעט מען נישט, נאָר דאָס ווייסקייט פון איר העמד טראָגט זיך ווי אַ פליענדיקער פלעק צווישן די שוואַרץ־אָנגעטוענע ביימער. נאָר פון ערגעץ ווייטער ביי די דראָטן האָט זיך אָן אַנדער טונקל געשטאַלט אַ רודער געטון און זיך געלאָזט שווייגנדיק צו איר אַנטקעגן... באַלד ווערן זיי צוזאַמענגעגאָסן... אַ שוואַרצער פלעק און אַ ווייסער... זיי פאַלן צו זיך צו און רייסן זיך ווידער אָפּ... זיי קושן זיך און ראַנגלען זיך... זיי רייסן זיך, ווי צוויי שווערע לעבנס-שונאים אין אַ פינצטערער נאַכט... און דערנאָך וואַקסן זיי אַריין איינס אין צווייטן, ווי אַ טליענדיקע ליבע, אויף אַן איינזאַמער, פאַרשאָלטענער ערד... דער ווייסער פלעק ציטערט, ציטערט... און דער שוואַרצער רירט זיך נישט. בלויז זיין שפּיץ איז געבויגן איבער איר טונקל־געהילטן קאָפּ און פון זיינעביידע זייטן ציען זיך צוויי

דינע פליגל, וואָס בלאַנקען געלאָסן אַרום ביי די זייטן פון ווייסן שימער...

פלוצים האָט זי זיך אַ ריס געטון און געלאָזט לויפן... דאָרט אַהין, צום באַראַק, פון וואַנעט דאָס קינדיש־אַלטע קול האָט גערופן... דער שוואַרצער שאָטן איז אַ ווײַלע געבליבן שטיין אומבאַוועגלעך. דערנאָך האָט ער זיך געלאָזט לויפן נאָך איר. באַלד האָט זיי דער באַראַק־קאַנט ביידע צוגעדעקט. מעכעלע האָט זיי קוים באַוויזן צו דערקענען אין דער לעצטער סעקונדע: שליאָמקע און אירענאַ — — —

...אַ גאַנצע נאַכט האָט זיך מעכעלע געוואָרפן אין האַלוצינאַציעס. איין בילד האָט זיך געוואָרפן אויפן צווייטן און עס געוואָלט פאַרוויִשן. דערנאָך האָט זיך עס צוגעשטעלט צו יענעם און זיך אַרײַנגעקנעטן אין אים. מעכעלע האָט פיבערדיק אָנגעריבן אַ שוועבעלע און דערמיט אָנגע־צונדן אַ קליין ליכטל, געמאַכט פון פאַבריק־חלב. דער גאַנצער באַראַק איז טיף געשלאָפן. ער האָט זיך דערפאַר אָוועקגעזעצט ביים צימער־טישל און גענומען פאַרשרייבן איין שטיק פּאַפּיר נאָכן צווייטן... אַ גאַנצער באַרג מיט שריפטן זענען איבער יענער נאַכט אויסגעוואַקסן... די צעטראָגענע רעיונות און אַנטפּלעקונגען האָבן זיך שטיל אַרויסגעגנבעט פון אונטער דעם בלייפעדער...

דאָס איז געווען אַ דראַמע וועגן דעם קינד, שליאָמקען און אי־רענען...

ערשט פאַרטאָג, ווען די ערשטע טריט האָבן גענומען אָפּקלינגען אויפן האַרטן באָדן פון די אײַנגעטריקנטע לאַגער־געסלקעס, האָט מע־כעלע אויפגעוואַכט פון זײַן אימפּעט. עפּעס אַ פּאָליציאַנט איז געלאָפן שנעל פון דער דראָטן־זייט צו דער זייט פון דער קאָמאַנדאַנטור. עמעצער האָט אים פאַרהאַלטן אויפן וועג און מעכעלע האָט צוליב דער פאַרטאָגי־קער שטילקייט געהערט די פראַגע:

— ביסט דאָרט געווען, ביים קליינעם? נו?

דער פּאָליציאַנט האָט שווער אָפּגעזיפצט:

— דאָ איז אַ שווערע מעשה... שטעל דיר פאָר, אַז דאָס קינד לעבט נאָך... עס ווײַנט גאָר איצט נאָך שטאַרקער... אַן אײַזערן קינד, זאָג איך דיר! באַזונדערס איז קענטיק, אַז עמעץ האָט זיך דערבײַ בײַנאַכט גע־

פאַרעט און עס דערקוויקט... אַט, ס'אַרא מענטשן עס זענען פאַראַן אויף דער וועלט! אַן אומגליק זאָג איך דיר...

און שוין נאָך דעם, ווי מעבעלע האָט געהערט דעם פאָליציאַנטס שווערע שטיוול, ווען זיי האָבן שוין ווייטער געשפּרייזט, האָט צו אים דערגרייכט יענעמס לעצטער זאַץ:

— ...און זי? זי וועט זיכער משוגע ווערן... די מיידלעך האָבן זי גע־טראָפן פאַרטאָג, אין בלויזן העמד שטיין ביים פענצטער...

## III

זעט אויס, אַז ביינאַכט האָט ווער געגעבן הילף דעם קינד. אַנדערש וואָלט נישט געקענט מעגלעך זיין, אַז דאָס נפלע זאָל אויסהאַלטן גאַנצע צוויי מעת־לעת און זיך רייסן אויפן קול... דערנאָך האָט מען געשטעלט אַ פאַרשטאַרקטע וואַך און דערמיט האָט זיך עס געענדיקט. מעבעלע איז אפילו נישט געגאַנגען פרעגן, וואָס מיטן קינד איז געוואָרן און ווען מען האָט עס צוגענומען. אַ דערשלאָגענער איז ער געזעסן נאָך דער אַרבעט און געצויגן, געצויגן זיין ווילד־שווידערלעכע דראַמע, פול מיט שאַרפע דיאַלאָגן צווישן ניי־געבוירענעם קינד מיט דער מוטער; צווישן איר און שליאָמקען און איר געשריי אויף זיך ביים פאַרטאָגיקן פענצטערל...

אַ מטורפדער צאָרן האָט געפירט מיט זיינע שורות: קאָנצערטן ווילן זיי! אָבער איך וועל זיי געבן! די דאָזיקע דראַמע וועט אויפגעפירט ווערן, אָנשטאָט פריילעכע געזאַנגען...

אין דעם געדאַנק האָט מעבעלע געפונען אַ טרייסט, אַ באַרואיקונגס־מיטל פאַר זיינע פאַרפייניקטע וויזיעס און ווייטיקן... זאָל עס אויפרודערן דעם גאַנצן לאַגער, די מאַכטהאָבער, די מיידלעך, די מוטערס, ביי וועמענס זייט די געבוירענע קינדער גייען אויס אָדער ווערן אויסגעלאָשן...

די דראַמע איז איין גרויסער פלאָנטער. אַזוי פלאָנטערדיק איז זי, ווי דאָס אייגנטלעכע געשעעניש: אירענאַ וויל לעבן, וויל שוין, וואַרעמ־קייט... שליאָמקע גיט עס איר! שליאָמקע וויל אויך לעבן, ער וויל איינ־מאָל זיך פריי צעהפקרן נעבן איר צאַפּל... אָבער אויך דאָס קינד וויל

לעבן, אויב עס איז שוין דאָ... פון זיין אומקלאָר געוויין טיילן זיך אַרויס מאָנענדיקע, גאַנצע ווערטער... דורכן קליינעם שייבל פון באַראַק האָט עס שוין באַמערקט אַ שטיק בלויען הימל, מענטשן וואָס גייען מיט געזונטע אברים און דעם וואַרעמען גלעט פון אַ מוטערדיק לייב... וויל עס נישט רעזיגנירן!

מיט זיין געשריי גייט ער אויף ביידעס לעבן. אירענאַ ווייסט אָבער, אַז זי טאָר נישט, זי קען נישט... דאָס לעבן וועט פאַר איר שוין נישט זיין, דאָס וואָס עס האָט געקענט. אין איר שטילן חלום האָט זיך אַריינגעריסן איר אייגענער געשריי, וואָס האָט זיך אויסגעטיילט אין באַזונדער פלייש... דאָס טאָר אָבער נישט איינגעשוויגן ווערן. טאָמער יאָ — וועט עס ווייטער יאָמערן מיט בלוטיקן שלוכץ פון אירע ווייסע הענט, ביזן סוף פון דאָאיקן לעבן... נאָר שליאָמקע ווייסט אויך זיינס: יעדער זויג פון קינד אין דער טיף־נאַכטיקער איינזאַמקייט פון באַראַק... יעדער בויג פון אירענאַן איבער דעם פאַרמשפּטן גופל — מוז ביי אים צונעמען די מעגלעכקייט צו אָטעמען אויף דער לופט! יעדער שטיקל געוויין פון קינד בייטאָג, וועט ביי אים קענען צונעמען אירענען און ער וועט מער נישט קענען טראָגן די ליבע, וואָס ער האָט דאָ פאַר איר אויסגעוואַרעמט... קושט ער זי ביינאַכט צווישן די ביימער... קושט זי און ראַנגלט זיך מיט איר, וואַרגט זי, ווי אַזאַ איינע וואָס קומט דאָ גזלניש אים צורויבן דאָס אויסגעהיטענע פּיצל לעבן און פרייד — — —

ווער פון זיי איז גערעכט?

מעכעלע גיט דאָס לעצטע וואָרט דעם כאָרכלדיקן קינד:

— איר האָט געוואָלט פרייד, פאַרגעניגן? איר ווילט לעבן? איך וויל עס אויך! איך בין געווען אין די פאַרהוילענישן און איר האָט מיך געצוווּנגען צו קומען און צו לעבן... אַצינד טרייבט איר מיך! איר האָט מיך אויפגעוועקט פון מיין גאָרנישטדיקייט — בין איך וואך! און איך וועל שרייען, נישט מיד ווערן פון שרייען און מאָנען די רעכט, וואָס איר האָט מיר דורך גוף־טרייסלען צוגעזאָגט... דו האָסט מיך אין דיינע איינגעווייִדן, דורך לאַנגע חדשים געמאַכט פאַר קינד — וויל איך דיך איצט, מיט מיין געוויין, מאַכן פאַר מ ו ט ע ר! פון מיר טרייסלט מען זיך

נישט אָפּ, װי פון אַ איבעריק־געװאָרן שטיקל אבר... אָדער דו האָלטסט מיך װײַטער מיט זיך, אָדער — דו שיקסט מיך אװעק... נאָר דאַן װעל איך פון אַלע ערטער צו דיר זיך דערלאַנגען... װען איך װעל שטום װערן, װעט מײַן שאָטן אין די נעכט אַראָפּפאַלן צו דיר, אַרײַנגליטשען זיך דורך דער פינצטערניש און פּאָדערן: קום מיט מיר!...

עס העלפן נישט אַפילו דער מוטערס אַלע ענטפערן, אַז עס זאָל גיין, אײדער עס האָט דערשפּירט דעם טעם פון לעבן מיט דער פולער קראַפט... עס איז בעסער אַזױ... עס איז אױך גלײַכער, אַז ער זאָל זיך אומקערן צוריק רײַן און נישט באַפלעקן די פּאָר טעג לעבן, מיטן אױסקרײַזן נאָך אַ פּאָר צעװאַקסענע לעבנס... דאָס קינד װיל גאָר עפּעס אַנדערש:

— עס גײט נישט אין מיר... גוט, איר האָט מיך אַרױסגעשלעפּט פון אונטער דײַן גלידער־באַהעלטעניש — בין איך דאָ... איר טרײַבט מיך? װעל איך זיך לאָזן אװעקטראָגן און װערן ערד און שטױב... איך װיל דיך אָבער װאָרענען: דו װעסט מער קײן מוטער נישט זײַן... נישט מײַנע און נישט קײנעמס! פון דיר װעלן מער קײן לעבעדיקע קינדער נישט קומען און דו װעסט מער קײן ליבשאַפט צו זײ נישט קענען האָבן... שטיקער פלײש װעלן פאַלן פון דײַן שױס און זיך אַװעקקײַקלערן װײַט, גאָר װײַט פון דיר... מיט מיר הרגעסטו אַװעק דײַן מוטערשאַפט! דו װעסט אַפילו מער קײן מענטש נישט קענען זײַן... דו װעסט שױן שטענ־דיק בײַטן לעבן אױף לעבן, װי מען בײַט דאָ אַ שטיק ברױט אױף אַ מעסטל קאַרטאָפל... װי אַזױ װעסטו קענען שפּעטער װיסן, װאָס אַ מענטש איז, װאָס אַ לעבעדיקער צאַפּל פון אַ צװײטן פאַרלאַנגט? איך װיל דיך ראַטעװען, מוטער! איך גײ אַװעק — אָבער באַרױב מיך נישט פון דעם אײנעם: איך װיל זײַן אױסגעטראָגן אונטער אַ ה אַ ר ץ . . . דער־פאַר רוף איך דיך דורך דער גאַנצער פינצטערניש: ק ו ם ! — — —

...אין דרױסן האָט מעכעלע אָנגעטראָפן קורץ. ער האָט זיך פאַר־האַלטן אַ װײַלע און אַ פרעג געטון מעכעלען:

— עפּעס פאַרטיק געמאַכט?

מעכעלע האָט זיך פאַרלױרן, אָבער באַלד זיך געכאַפּט:

— יאָ... פאַרטיק געמאַכט...

וואָס אַזעלכעס ער האָט היינטיקע נאַכט אָנגעשריבן, האָט ער אים נישט געוואָלט דערציילן...

IV

ווער האָט דען געקענט טראַכטן וואָס מיט אירענאַן איז געוואָרן? אַז נאָך איידער דאָס געוויין פון קינד איז איינגעשלאָפן געוואָרן, האָט די פּאָליציי באַקומען אַ מעלדונג:

— אַ גרויסער טראַנספּאָרט יידן איז אין וועג... ענדלעך האָט דער קאָמאַנדאַנט אַמאָן געטעט פון קראָקעווער יעראַזאַלימסקאַ־לאַגער מסכים געווען, לויט אַ העכערן באַפעל, אַרויסצוגעבן אַ צאָל יידן דעם סקאַרזשיס־קער „האַסאַג”... האָט זיך אָנגעהויבן אַ פיבערדיקע צוגרייטונג און דער־וואַרטונג.

אין יענעם פאַרנאַכט נאָך איז פּרעדזשאַ געקומען רופן מעכעלען. מען האָט איר געזאָגט, אַז זי וועט דאַרפן אַרויסטרעטן אויף יענעם קאָנ־צערט... עס קומען איצט פרישע פיר טויזנט מענטשן און מען וועט זיי דאָרטן באַווייזן, אַז דאָ איז נישט אַזוי שרעקלעך... ווען עס וועט פאַר־קומען אַ קאָנצערט, הערט נאָך זייער אָנקום, וועט עס פאַר זיי זיין אַן אַנגענעמע איבעראַשונג... זיי וועלן זיך שפּירן בעסער... אפילו די דייַ־טשע לאַגער־לייטונג האַלט עס פאַר אַ גוטע זאַך: ס'איז בעסער, אַז מען מאַכט זיך אַביסל היימלעך... נישט — אימער פאַרזויערט, נידערגע־שלאָגן... גאַנץ באַזונדערס וועלן דאָ קומען אַ סך נייע מענטשן... מען זאָגט, אַז צווישן זיי זענען פאַראַן אינטעליגענטן און רייכע מענטשן... וויפל מען וועט נישט ביי זיי צונעמען — וועט נאָך עפּעס בלייבן!

זי וואָלט נאָך לאַנג אַזוי גערעדט מיט איר אויפגעהייטערטער שטים, ווען זי זאָל פּלוצים נישט געווען דערזען מעכעלעס קאַלטן, איינגעלאָשע־נעם בליק אויף זיך. זי האָט דערפאַר איבערגעריסן און אים אַ כאַפּ גע־טון פאַר דער האַנט:

— קומט... נאָך היינט וועלן מיר האָבן ליידיקע באַראַקן. מאָרגן וועלן זיי שוין זיין פול־געפּאַקט און עס וועט נישט זיין ווו עפּעס רוהיק איינצושטודירן...

מעבעלע איז איר רואיק נאָכגעגאַנגען.

װען זײ האָבן זיך אָװעקגעזעצט, האָט זי זיך עפּעס דערמאַנט:

— איר זענט דאָן אַנטלאָפן... איך פאַרשטײ: עס איז אפשר פון מײן זײט געװען אַן אומפאַרשעמטקײט דאָן... איר קומט צו און איך שטײ אַזױ אַרומגענומען מיט עמעצן און רעד מיט אײך... איך האָב זיך אַלײן גע־װאָלט אױספּאַטשן דערפאַר... זײט מיר מוחל. איך הײב ערשט איצט אָן צו פאַרשטײן אַלץ מער און מער דאָס לעבן...

מעבעלע האָט כמעט נישט געהערט אירע רײד און נישט געשפּירט װי זי בײגט זיך צו נענטער און גלעט אים שטיל די האַנט, אַזױ יװי מען װיל באַרואיקן אַ קינד. ער האָט זיך נאָר אַ כאַפּ געטון און מיט אַ באַפע־לערישן טאָן איר קאָמאַנדעװעט:

— די צײט װערט שפּעט. באַלד װעלן די פּאָליצײ אַרײנפאַלן; אײ־קאָמאַנדעװען. איז גלײכער, אַז איר זאָלט באַלד נעמען און איבערלײע־נען... דערנאָך זאָגט מיר באַלד, אױב איר װעט קענען שפּילן די ראָל פון דער מוטער אָדער נישט... לײענט!

פרעדזשאַ האָט זיך אָנגעבױגן איבער די געדיכט־געשריבענע בלעט־לעך. מעבעלע איז געזעסן און זי געגנױ באַטראַכט. זי האָט זיך אַלץ טי־פער אײנגעגראָבן אין די שװאַרצע פּאַפּיר־בױגנס און עס האָט אױסגע־זען, אַזױ װי זי װיל דאָ איצט אַרײנזינקען ערגעצװו, אַז קײנער זאָל זי נישט קענען זען... זי אַלײן אױך נישט...

אַ פּינקעלע נקמה האָט זיך דאָרט טיף אין מעבעלען אױפגעכאַפּט פון אַ לאַנגן שלאָף. ער האָט געזען, װי זי לײענט פאַר זיך אײנמאָל און נאָכאַמאָל די שורות, װי אַזױ דאָס קינד מיט דער מוטער שמועסן צװישן זיך. זי פרעפּלט יעדעס װאָרט באַזונדער פאַר זיך און אירע ליפּן װערן אַלץ בלײכער און בלײכער... דערנאָך האָט זי אױפּאַמאָל אָפּגעריסן אירע בליקן פון די פּאַפּירן און אָנגעשטעלט אירע בליקן אױף מעבעלען. די אױגן אירע האָבן איצט געברענט, געשריגן און געשעמט זיך... מעבעלע האָט דערפילט, װי עפּעס שאַרפּס רוקט זיך אָן אױף אים און ער האָט זיך אינסטינקטיװ געװאָלט אָװעקדרײען װײטער... נישט זײן נאָענט

איצט פון איר... זי האָט אים אָבער האַסטיק אָנגעכאַפּט פאַר דער האַנט און מיט שרעק אַרויסגעשטאַרצט די אויגן אויף אים:

— איר ווייסט... איך האָב דאָך אויך געהאַט אַ קינד! ערשט איצט דערמאָן איך זיך אין דעם... אויך איך האָב עס געלאָזט ערגעץ! טאָ וועמען באַשולדיקט איר דאָ? מיך, זי, אָדער אַלעמען?... זאָגט!

מעבעלע האָט געוואָלט עפּעס זאָגן און נישט געקענט. זי איז איצט געווען ווייך און דערצאָרנט. דערביי האָט פון איר אַרויסגעקוקט אַזאַ דערשלאָגנקייט, פאַר וועלכער עס איז שווער געווען צו געפינען אַ וואָרט.

זי האָט זיך אַזוי ווי פאַרחלשט אָנגעלענט אין זיין האַנט און מער געפּליסטערט צו זיך ווי צו אים:

— איך מוז עס שפּילן, אויסשפּילן פאַר זיך און פאַר אַלעמען... איך וועל עס אויסשרייען! אַמאָל האָב איך נאָך נישט פאַרשטאַנען, וואָס עס הייסט זיין אַ מאַמע... נאָר איצט... איצט!...

מעבעלע האָט נישט געוווסט, וואָס צו טון מיט איר דערשלאָגנקייט. די געשיכטע מיט אירענאַן האָט אין איר אויפגעוועקט אַזעלכע פאַרבאָרגענע זכרונות און טראַכטענישן, וואָס קיין מענטש קען זיי נישט אַדורכנעמען. זי ליגט איצט און קלאַמערט זיך, רייסט עפּעס פון זיך און קען נישט אַרויסרייסן. איז זי פאַרצווייפלט, דריקט אירע פינגער אין זיין האַנט, אַ פאַרלוירענע און אויפגעטרייסלטע...

אויפן לאַגער־הויף האָט זיך דערווייל אויפגעהויבן אַ גרויסער טומל. דער באַקאַנטער פייף פון די פּאָליציייִשע פייפלעך האָט אָנגעזאָגט אַ גרויסן אַלאַרם, אַ נישט־געוועלעכן... מעבעלע האָט זיך אַ טרייסל געטון. אויך פרעדזשאַ האָט זיך אַ כאַפּ געטון:

— הערט נאָר... הערט!

אין דרויסן האָבן שוין געטופּעט צענדליקער פאַר שטיוול. מען האָט געהערט, ווי אַזוי די מחנות ווערן אַריינגעיאָגט בליצשנעל אין די באַראַקן אַריין. מעבעלע איז צוגעלאָפן צום פענצטער. פרעדזשאַ איז מיטגעריסן געוואָרן און זיך געשטעלט נעבן איר. זי האָט אין איר דערפילט אַן איינציקן אָנהאַלט פאַר אַלץ אין דער וועלט, בעת אַרום זיי זענען געלאָפן פּאָליציי און עס האָט געהאַלטן אין איין פייפן און אַלאַרמירן... זי

האָט זיך דערפֿאַר פעסטער אַריינגעדריקט אין אים. מעכעלע האָט עס אָבער נישט אָנגעהויבן צו פֿילן. ער האָט בלויז אָנגעשטרענגט דאָס אויער צום דרויסנדיקן וויכער. באַלד האָט ער אַלץ פֿאַרשטאַנען. עמעץ האָט דאָרט אַריבערגעשריגן צום צווייטן:

— זיי זענען שוין דאָ אויפֿן ווערק „אַ"... באַלד וועלן זיי דאָ זיין... פֿיר טויזנט שטיק!

אין מעכעלען האָט זיך עפּעס אָפּגעריסן:

— די נייע מענטשן קומען אָן! פֿיר טויזנט נייע ווערק־צעניקעס...

פֿרעדזשאַ האָט אין איין מאָמענט פֿאַרגעסן איר שרעקיק געווייַן. דאָס נייע האָט זי ווידער אויפֿגעטרייסלט מיט נייגעריקער פֿרייד:

— טאַקע? זיי קומען? וועט זיך דאָך אָנהייבן דאָ אַ נייע וועלט!...

מעכעלע האָט זיך ווייניק איינגעקוקט אין אירע אויפֿגעריסענע אויגן, וואָס האָבן איצט געקוקט פֿאַרטראַכטערהייט דורך די שייבן. ער האָט זיך אַ ריס געטון:

— מ'דאַרף גיין זען...

און זי האָט אים נישט געקענט נאָכשפּרייזן און געבליבן פֿון הינטן.

V

פֿאַרן טונקעלן טויער פֿון לאַגער האָט געברענט דאָס קרענקלעך־געלע לעמפּל, ווי שטענדיק. איבערן לאַגער האָט מען קיין לעבעדיק נפֿש נישט געזען. די פֿינצטערניש האָט אַלץ אַרומגעהילט. בלויז אַ קליינער קרייז מיט ליכט האָט אַרומגענומען דעם טויער. דאָס מאָל זענען אָבער געשטאַנען אויסגעשטעלט נעבן אים די גאַנצע פּאָליציי און קאָמענדע. די קאָמאַנדאַנטין האָט זיך הויך געבעטסט אויף עמעצן:

— סוואָלאָטשעס! זיי האָבן שוין געדאַרפֿט זיין פֿון אַ האַלבער שעה און מען זעט נישט און מען הערט נישט...

דער פּאָליציאַנט טרעפֿער, מיט די ווייַצענע וואָנסעס האָט זי געפּרוווט טרייסטן:

— שרעקט אייך נישט... די פּאַרטיזאַנער האָבן זיי נישט אויסגע־כאַפּט...

זי האָט אָבער די חכמה נישט געהערט. דעם דאָזיקן טראַנספּאָרט האָט זי דערוואַרט מיט אַ באַזונדערן אינטערעס. מען האָט איר צו וויסן געטון, אַז היינט דאַרף קומען אַ גאַנצע מחנה מיט געקליבענע... איינס ביי איינס... איז איר דאָס האַרץ אַרויסגעשפּרונגען פון נייגיר: אויף וועמען וועט זי איצט האָבן צו הערשן? וועט דאָס ברענגען פאַר איר נייעס און אויפפרישונג?

האָט זי נישט געהאַט קיין געדולד איינצושטיין אויף אַן אָרט. זי האָט זיך אַלעמאָל באַוויזן אויף אַן אַנדער געסלקע, געשריגן פאַרוואָס די באַנדע קוקט אַרויס דורך די פענסטער און צוריקגעלאָפן צום טויער. באַלד האָט זיך באַוויזן דער וואַכפירער שומאַן און נאָך אים אַ מחנה וואַך־זעלנער. באַלד האָבן זיך געהערט די שווערע טריט פון אַ גרויסער מחנה פוסגייער... מעכעלע איז געשטאַנען ביים פענסטער פון אַ באַראַק, מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם. דורכן וועג, ביים ליכט פון טויער־לאָמפּ, האָט מען געזען אַ לאַנגע, אויסגעצויגענע אַרמײ, מיט פּעק אויף די פּלייצעס. עס האָבן זיך אָנגעזען שויבערדיקע פּרויען־קעפּ און קיילעכיקע נאַרטן־היטלען פון מענער־רייען: וואָס זיי ברענגען מיט זיך? קיינער קען עס נישט וויסן. אפשר גאָרנישט און אפשר גאָר אַ נייע וועלט...

פון זייערע פּנימער האָט מען אָבער גאָרנישט געקענט אָראָפּלייענען. די נאַכט האָט אַרויפגעלייגט אויף זיי אַ טונקעלע דעק און זיי נישט געלאָזט אַנטאַפּן מיטן בליק. די פּאָליציי ביי די נאַנטע באַראַקן האָבן נאָר צווישן זיך הויך געשמועסט:

— זיי האָבן מזל ווי די גויים... מען האָט זיי כמעט נישט רעווי־דירט און איצט קומען זיי דאָ אַריין מיט יענע אַפּוטיקאָס מסתמאָ... זיי וועלן אָפּקויפן דעם גאַנצן ווערק צע... עס איז כדאי מיט זיי זיך צו איינ־טערעסירן... דאָס זענען נישט די ליידיקע שנאָרער פון קאָעל...

אויך די קאָמענדאַנטין האָט זיך נישט געקענט אָפּהאַלטן ביים טויער:

— אָט דאָס הייסט אַ טראַנספּאָרט! מענער — ווי די לייבן! אַזאַ מין אָנטאָן! אַזאַ אָרדענונג און דיסציפּלין! אָט אויף דעם האָב איך גע־וואַרט! ערשט איצט וועט זיך דאָ אָנהייבן צו לעבן...

אין אַלע באַראַקן האָט מען באַלד דערשפּירט, אַז דאָ איז אָנגעקו־מען אַ מיזלדיקער טראַנספּאָרט. נאָך איידער זיי זענען אַריבער דעם טויער, קוקט מען שוין אויף זיי מיט גוטע אויגן... יאָ, עס וועט זיין פון זיי וואָס אַראָפּצוציען. זיי גייען אַזוי גוט אָנגעטון און זיי האָבן דאָרט גע־נוג ווערטיקע זאַכן איינגענייט... בלויז די שטיוול, וואָס אַזויפיל טראָגן זענען ווערט אַ פאַרמעגן...

לאַגער־סוחרים זענען געשטאַנען צוגעדריקט צו די שויבן און מיט די אויגן געפּרוווט אַרומטאַפּן די ריי, וואָס האָט זיך אָפּגעשטעלט אַביסל ווייטער פון טויער. מען האָט געכאַפּט אַ קוק און אָנגעהויבן שטיל פאַר זיך צו מאַכן אַלערליי חשבונות און פּלענער באַצייטנס. טייל האָבן אפילו גענומען רעדן הויך, מיט אָפענע אָנצוהערענישן, וועגן וואָס זיי טראַכטן. דאָס קליינע סוחרל, וואָס אַרבעט אין דער האַלע 54 האָט עפּעס דאָרט דערזען, פון וועלכן ער האָט זיך אַזש צעיאָמערט פון התפּעלות:

— אוי, אוי, אוי! אָט דאָרט שטייט איינער מיט אַ גאַרניטור... עס זאָל דאָס פעלן אַ האָר פון דעם קאָליר מיט אַ שפּריצל, וואָס מיין מייס־טער דאַרף צו האָבן! אַך, ווען ער וויל זיי מיר מאָרגן מיטגעבן אין דער האַלע... כ׳וואָלט זיכער געהאַט אַ גאַנץ ברויטל ריווח אויף דער האַנט... ווי מיינט עטץ?

קיינער האָט אים נישט געענטפערט. ער איז דערפאַר געוואָרן צוריק טרויעריק. ער האָט שוין פאַרענדיקט אַזויווי צו זיך אַליין:

— נו־יאָ... איך מאַך זיך אַן אַפּעטיט... אָבער ווער וועט מיך צו־לאָזן צו זיי? און ביז וואָס און ווען — וועלן זיך שוין געפינען אַנדערע בעלנים, וואָס וועלן פאַרכאַפּן...

אויך זיין רעזיגנאַציע־טאָן האָט איצט קיינער נישט אויפגעכאַפּט. מען איז געווען פאַרנומען אין אָבסערווירן די מינדסטע באַוועגונג פון דער נייער גרופּע.

יענע איז אָבער ווייזט אויס גאָרנישט אָנגעגאַנגען. זיי זענען דאָרט געשטאַנען און געשמועסט צווישן זיך. ביי טייל האָט מען אפילו געזען אַ פריי געלעכטערל, וואָס האָט אָפּגעקלונגען. אויך דאָס האָט ווער פון באַראַק אויפגעכאַפּט:

— זעסט? א גוטער סימן... זיי לאַכן!

באַלד אָבער האָט זיך געהערט א פייף. די גרופּע איז צוריק ערנסט געוואָרן. זיי האָבן צוריק אויסגעגלייכט די רייען. באַלד האָט זיך די גאַנצע פּאָליציי און קאָמענדע אוועקגעשטעלט ביים טויער און די רייען האָבן זיך גענומען צוריקן נענטער, נאָך נענטער... אָט זענען שוין זייערע שאָטנס אריינגעפאַלן אין לאַגער אריין, נאָך איידער זיי אַליין האָבן באַוויזן אריינצושטעלן א טריט... איבערן הויף איז אויפאַמאָל געוואָרן שרעקלעך שטיל. אפילו אין די באַראַקן אינעווייניק האָבן די מענטשן איינגעהאַלטן די אָטעמס. די מאַרשירנדיקע רייען זענען שוין, זעט אויס, געווען אַלטע לאַגער-מענטשן. דערפאַר האָבן זיי געוווּסט, אַז ביים אַנקום אין א ניי אָרט דאַרף מען האַלטן הויך דעם קאָפּ און פאַרטרייבן דעם מינדסטן טרויער פון פּנים... מען דאַרף קענען געפעלן... מען מוז!

ווי נאָר זיי האָבן זיך אָבער דערנענטערט צום טויער, צוגעקומען ביז גאָר נאָענט פון אים, האָבן זיי א ווײַלע פאַרריסן דעם קאָפּ און אים אויפאַמאָל דערשראָקן אַרונטערגעלאָזט... ריי נאָך ריי האָט אזוי אריינגעשפּרייזט. יעדע איינע פון זיי מיט דעם זעלבן. ווי נאָר זיי האָבן א בליק געטון איבערן שפּיץ טויער, זענען זיי געוואָרן נידערגעשלאָגן איינגעבויגן און דערשראָקן... די פּיס האָבן זיך אפילו ביי טייל געוואַקלט. ווען זיי האָבן אריינגעשפּרייזט אין דעם חושך פון נאַכן טויער... אויך מעכעלע האָט פון באַראַק-פענצטערל א וואָרף געטון דעם בליק אהין. געוואָלט זען, מיט וואָס דער שפּיץ דאָרט לייגט אוועק אזא שרעק-משא אויף אַלעמענס אויסזען. באַלד האָט ער א ל ץ פאַרשטאַנען. איבערן טויער האָט איצט אראָפּגעגלאַנצט די מעכטיק-גרויסע שילד, וואָס מעכעלע האָט ערשט מיט א פּאָר טעג צוריק אויסגעפּאַרטיקט. דאָרט איז גאָרנישט געווען, נאָר שוואַרצע ראַמען אויף א ווייסער טלוי און אין מיטן בלויז צוויי ווערטער, מיט מעטער-לאַנגער שריפט:

ווערק צע...

„ווערק צע" איז דער דריטער באַנד פון ציקל „אויסגעברענטע ליכט". דאָס בוך איז אַ המשך און נעמט אַרום דעם גורל פון די העלדן וואָס זענען געשילדערט אינעם בוך „אין די פאַבריקן פון טויט", וועלכעס איז דערשינען אַלס 32טער באַנד פון דער ביכער-סעריע „דאָס פוילישע יידנטום".

דער סוף פון די שילדערונגען וועגן דער אמוניציע-פאַבריק פון סקאַרזשיסקאָ קומט אין דעם ווייטערדיקן באַנד — „גורלות", — דער פערטער פונעם ציקל „אויסגעברענטע ליכט".

# דאָס פּוילישע יידנטום

ביכער-סעריע פון דעם צענטראַל-פאַרבאַנד פון פּוילישע ייִדן
אין אַרגענטינע

רעדאַקטאָר: מאַרק טורקאָוו


## ביז איצט דערשינען:

1) מאַרק טורקאָוו: מלכה אָוושיאַני דערציילט... (אויספאַרקויפט)
2) ה. ד. נאָמבערג: י. ל. פּרץ (אויספאַרקויפט)
3) וו. גראָסמאַן-י. וויערניק: טרעבלינקע (אויספאַרקויפט)
4) פּרץ גראַנאַטשטיין: מיין חרוב שטעטל סאָקאָלאָוו (אויספאַרקויפט)
5) ישראל טאַבאַקסבלאַט: חורבן לאָדזש (אויספאַרקויפט)
6) זרובבל: בארג חורבן (קאַפּיטלען פּוילן) (אויספאַרקויפט)
7) אַלחנן צייטלין: אין אַ ליטעראַרישער שטוב (אויספאַרקויפט)
8) ד״ר ח. שאָשקעס: פּוילן — 1946 (אויספאַרקויפט)
9) ז. סעגאַלאָוויטש: טלאָמאַצקע 13 (אויספאַרקויפט)
10) מ. נודעלמאַן: געלעכטער דורך טרערן (אויספאַרקויפט)
11) ד״ר מאיר באַלאַבאַן: די יידן-שטאָט לובלין (אויספאַרקויפט)
12) ישראל אפרת: היימלאָזע יידן (אויספאַרקויפט)
13) ד״ר יעקב שאַצקי: אין שאָטן פון עבר (אויספאַרקויפט)
14) דוד פלינקער: אַ הויז אויף גזשיבאָוו (אויספאַרקויפט)
15) ד״ר הלל זיידמאַן: טאָגבוך פון וואַרשעווער געטאָ (אויספאַרקויפט)
16) קינדער-מאַרטיראָלאָגיע (זאַמלונג פון דאָקומענטן)
17) חיים גראַדע: פּליטים (אויספאַרקויפט)
18) ש. קאַטשערגינסקי: פּאַרטיזאַנער גייען!... (אויספאַרקויפט)
19) פרידע זרובבל: נע ונד (פאַרצייכענונגען פון אַ פּליטה)
20) מרדכי שטריגלער: מאַידאַנעק
21) יעקב לעשצינסקי: אויפן ראַנד פון אָפּגרונט
22) ז. סעגאַלאָוויטש: געברענטע טריט
23) אברהם טייטלבוים: וואַרשעווער הייף
24) טאַניאַ פוקס: אַ וואַנדערונג איבער אָקופּירטע געביטן
25) ש. ל. שניידערמאַן: צווישן שרעק און האָפענונג
26) לעאָ פינקלשטיין: מגילת פּוילן
27) יאָנאַס טורקאָוו: אַזוי איז עס געווען... (חורבן וואַרשע)
28) ש. איזבאַן: „אומלעגאַלע" יידן שפּאַלטן ימען
29) יעקב פּאַט: הענעך
30) **ד״ר י. קערמיש: דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ**

31) שמחה פּאָליאַקיעוויטש: א טאָג אין טרעבלינקע
32) מרדכי שטריגלער: אין די פאבריקן פון טויט
33) אברהם נחתומי: אין שאָטן פון דורות
34) יחיאל לערער: מיין היים
35) יוסף וואָלף: לייענענדיק פּרצן...
36) צפורה קאצענעלסאָן - נאכומאָוו: יצחק קאצענעלסאָן
37) י. הירשהויט: פינצטערע נעכט אין פּאוויאק
38) נחום סאָקאָלאָוו: פּערזענלעכקייטן
39) רחל ה. קאָרן: היים און היימלאָזיקייט.
40) א. אלמי: מאָמענטן פון א לעבן
41) מנשה אונגער: פּשיסכע און קאצק
42) מ. בורשטין: איבער די חורבות פון פּלוינע
43) מ. קיפּניס : הונדערט פאָלקס-לידער
44) ז. סעגאלאָוויטש : מיינע זיבן יאָר אין תל-אביב
45) ד״ר חיים שאָשקעס : א וועלט וואָס איז פארביי...
46) שלמה וואגא : חורבן טשענסטאָכאָוו
47) אברהם זאַק : יאָרן אין וואנדער
48) ש. איזבאַן : פאמיליע קארפּ (ראָמאן) באנד איינס
49) ש. איזבאַן : פאמיליע קארפּ (ראָמאן) באנד צוויי
50) ד״ר א. מוקדוני : מיינע באגעגענישן (זכרונות)
51) ר. שושנה-קאַהאַן: אין פייער און פלאמען (טאָג-בוך)
52) י. י. טרונק: די יידישע פּראָזע אין פּוילן
53) יאָנאַס טורקאָוו: אין קאמף פארן לעבן (זכרונות)
54) יצחק פעולאָוו: די מענטשן פון „עקזאָדוס 1947" (ראָמאַן)
55) פנחס ביזבערג: שבת יומטובדיקע יידן
56) שלום אש: פּעטערבורג
57) שלום אש: ווארשע
58) שלום אש: מאָסקווע
59) ד״ר פיליפּ פרידמאַן: אָשוויענטשים
60) בער י. ראָזען: טלאָמאַצקע 13
61) דוד פלינקער: אין שטורעם (ראָמאַן) ערשטער באַנד
62) דוד פלינקער: אין שטורעם (ראָמאַן) צווייטער באַנד
63) יאַנוש קאָרטשאַק: משהלעך, יאָסעלעך, ישראליקלעך
64) מרדכי שטריגלער: ווערק „צע", ערשטער באַנד
65) מרדכי שטריגלעך: ווערק „צע", צווייטער באַנד

Este libro se terminó de imprimir el día 20 de Abril de 1950, "Año del Libertador General San Martín", en los Tall. Gráficos de Julio Kaufman, Corrientes 1976, Buenos Aires.